STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09971

# BLETER, DER YIDISHER SOLDAT

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# בלעטער

## דער אידישער סאלדאט
## און אנדערע ערצעהלונגען.

פון


## שלום אַש.


---


ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס"
175 איסט בראדוויי, ניו יארק
1918

Copyright 1918
by
SHOLEM ASH
(all rights reserved)

# אינהאלטס-פערצייכניס:


דער אידישער סאלדאט — — — — — — — — — — — — — — — 5
אין א פריהלינגס נאכט — — — — — — — — — — — — — — 51
דער גנב מיט זיין מוטער — — — — — — — — — — — — — 64
דער פויער און די ערד — — — — — — — — — — — — — — 71
די שטומע — — — — — — — — — — — — — — — — — 77
א געגנט פאר פאלק — — — — — — — — — — — — — — — 84
קראקוי — — — — — — — — — — — — — — — — — — 89
א בערגעל ערד — — — — — — — — — — — — — — — — 102
א זיווג — — — — — — — — — — — — — — — — — — 106
דער גובערנאטאר קומט — — — — — — — — — — — — — 110
באנקראט — — — — — — — — — — — — — — — — — 116
א פערשטעלטער חתן — — — — — — — — — — — — — — 125
א אידישער נגיד — — — — — — — — — — — — — — — 133
די מאמע מיט דער טאכטער — — — — — — — — — — — — 142
די אקאדעמיע — — — — — — — — — — — — — — — — 148
צוויי אפיקורסים — — — — — — — — — — — — — — — 154
פאריז — — — — — — — — — — — — — — — — — — 161
ווייסע רויזען — — — — — — — — — — — — — — — — 167
א היגטעשע נשמה — — — — — — — — — — — — — — — 172
א פערשוואונדענער מאן — — — — — — — — — — — — — 179
א שטילער גארטען — — — — — — — — — — — — — — — 192
מילך — — — — — — — — — — — — — — — — — — 199
שטיל, א מענש ווערט געבוירען — — — — — — — — — — — 205
די טויז פיק — — — — — — — — — — — — — — — — 213
דער מאגנעטישער — — — — — — — — — — — — — — — 221
דער רויטער העט — — — — — — — — — — — — — — — 230

# דער אידישער סאלדאַט.

(ערצעהלונג)

דאס יאהר איז געווען דאס גרעסטע יאהר צייט מענשען געדענקען, און די צייט איז געווען די הערליכסטע — דער רייפער זומער. אלעס אויף די פעלדער און די לאנקעס, אין די גערטנער און אין די סעדער איז געווען רייף, אויסגעוואקסען און האט געווארט אויפ'ן שפייכלער. די הויפען און די שפייכלערס זיינען געווען איבערפילט פון די אראבגענומענע תבואות. די עפעל האבען געבויגען די צווייגען צו דער ערד. די ברייט־בייכיגע ארבוזען און באנעס האבען זיך געבריהט אין ווארעמען זאמד און געגילדעט זייער אראנזשען קאליער אין דער זונען, און די בלעטער פון וויין זיינען שוין געל געווארען פון רייפקייט. די תבואות פון די פעלדער זיינען שוין געווען לאנג אראבגענומען און צוזאמענגעלעגט אין קופעס אין די שפייכלערס און געווארט אויף די דרעש מאשין. און די פעטע שעפסען זיינען געגאנגען אויף די אבגעשניטענע פעלדער און אויפגעגעסען די פערגעסענע און איבערגעבליבענע זאנגען. נאר בחנם האבען די תבואות געווארט אויף די דרעש הענד, און מיט פערוואונדערונג האבען זיך די רייפע בלאהע בעהויכטע פלוימען געוועקט יעדען פריה־מארגען און געקוקט אויף זייערע געפאלענע חברים וואס פוילען אויף דער ערד, און נישט פערשטאנען פאר וואס דער גערטנער זאמעלט זיי נישט אין די טונען. די פעטע וויין־הענגלעך האבען געבויגען זייערע דינע, געל אבגעברענטע צווייגעלאך צו דער ערד און געווארט מיט אונגעדולד אויף דעם קלייבער. אפילו די שעפסען, וואס דער קליינער שעפער־יונג האט יעדען פארנאכט

פון פעלד צוזאמענגעטריבען צום טייך, האבען זיך געלייגט אין וואסער, גענארעט זייער געגרייזעלטע וואל אין וואסער זאמד און נישט גע־ וואוסט פאר וואס עס קומט נישט דער שערער און בעפרייט זיי נישט פון די פעטע משא וואל וואס איז אנגעוואקסען אויף זיי.

בחינם האבען די תבואות אין די הויפען און די פרוכטען אין די גערטנער געווארט אויף זייערע בעלי־בתים.

אין א שעהנעם נאכמיטאג איז דער גמינע שרייבער ארוים אין גאס פון דארף און מיט א טרומפייט צוזאמענגערופען די פויערים פון פעלד און זיי פארגעלעזען דאס פאפיער, וואס איז פון שטאדט צוגע־ שיקט געווארען. און עס איז נישט אויסגעגאנגען קיינע פיער און צוואנציג שעה און דער פויער פון פעלד און דער גערטנער פון סאד, זיינען געווארען אין זעלנערשע מלבושים איבערגעטהאן. אלע האבען געקראגען איין אויסזעהן. עס איז שוין נישט געווען נישט קיין פויער, נישט קיין פישער, נישט קיין קאוואל און נישט קיין טישלער — אלע זיינען זיי געווען סאלדאטען, בעלאדען פון קאפ ביז די פיס מיט כלי זין. אלע וועגען, אלע טייכען האבען זיי געפיהרט פון די דערפער, פון די שטעדט מענשען צו הרג'ענען, אדער אליין גע'הרג'עט צו ווערען.

דורך צעהנדליגער יאהרען האבען פאבריקען געהאלטען אין איין אויסארבייטען כלי משחיתים. צעהנדליגע טויזענדער מענשען זיינען געווען בעשעפטיגט דערביי, און זיי האבען מיט זייער חכמה און פלייס אויסגעגאסען פון מעטאל און בראנז גרויסע, גרויסע הארמאטען און צו־ געפערטיגט צו זיי גרויסע גראנאטען, וועלכע זיינען געווען אנגעפילט מיט דינאמיט און אלערליי צושטערענדע מאטעריאלען. גרויסע חכמים זיינען געזעסען בעהאלטען אין זייערע חדרים און געקלעהרט טאג און נאכט ווי אויסצוגעפינען נאך גרעסערע כלי משחיתים און נאך גרע־ סערע באמבעס, וועלכע זאלען זיין אנגעפילט מיט נאך געפעהרליכערע שטאפען וואס מעהר צו פערניכטען.

און יעצט פיהרען גרויסע שטארקע פערד, פיער געשפאנט, צו איין כלי משחית איבער די פייכטע, שווארצע פעלדער פון דער פוילישער פראווינץ קויאווע. נאך א טאג פריהער זיינען די לייכטע רייטער אויס־ געריטען. געבראכט האט מען זיי פון דעם ווייטען זונענדיגען לאנד, וואס ליגט אין טהאל פון טייך טערעק, הינטער די קאווקאזע בערג. עס ציהען זיך אויף יענע ליכטיגע, פרעהליכע פעלדער ביי די טייכען פון דאן

און טערעק פרייע העלדישע יעגער, וועלכע רייטען אויף לייכטע פערד אין די סטעפּען ארום. און געפיהרט האט מען זיי דא אהער און אויס־געשיקט פריהער אויסצוגעפינען דעם פיינד — מענש. דערנאך האבען זיך געצויגען גאנצע רייהען מענשען פון פערשיעדענע נאציאנען: רוסען, רוטהענער, ליטווינער, פאליאקען, אידען — מענער פון פער־שיעדענע לענדער. אלע האבען זיי יעצט אויסגעזעהן גלייך, אלע אין די אייגענע גראהע ערדיגע יוניפארמען און אנגעלאדען מיט א ביקס אויף דער האנד און מיט א ראנגעץ פון הינטען. און נאך זיי פאהרען די שווערע הארמאטען אין די פייכטע שווארצע ערד. די גרויסע, שטארקע פערד קרעכצען, שלעפּענדיג אין געשפּאן די גרויסע וועגען, אויף וועלכע עס זייגען אנגעלאדען אין מעטאלענע קאסטענס די באמבען און די קוילען; און נאך זיי, אין אן אונענדליכע צאהל, ציהען זיך וועגען קיכען, וואס פארשטעלען די לופט מיט זייער רויך. עס הויבט זיך אויף א שטויב פון די סטאדעס בהמות, וואס מען טרייבט נאך זיי. עס שלעפּען זיך וועגען פאר קראנקע פון רויטען קרייץ, איינצעלנע פערד, אויטאמאבילען, וועגען מיט ברויט, וועגען מיט קרויט און היי, אזוי אהן א צאהל, אהן אן ענד...

די ארמעע פון גענעראל ל. וועלכע האט נאכגעיאגט דעם פיינד אויף די פּוילישע קויאווע, איז געבליבען רוהען אויף א גרויס פעלד אונטער קליינע בערגלאך. די ארמעע איז געבליבען אין רעזערוו און האט געווארט אויף איהר רייהע צו געהן אין פראנט. דערווייל אבער זייגען די זעלנער געווארען אונגעדולדיג פון דער תמיד'יגער בעוועגונג, פון לויפען פון איין פעלד אויפ'ן צווייטען, אהן צו געבען איין שאס און אהן אנצוזעהן דעם פיינד אין די אויגען. ביז איצט האט זיך די ארמעע געהאלטען אין איין איילען, אז עס איז נישט געווען קיין צייט נישט נור איבערצורעכטיגען אויף אן ארט, נור אפילו ווארעם געקעכץ צו עסען. מען האט שוין אייניגע מאל אויף די ערטער, וואו מען איז גע־בליבען רוהען, אויסגעגאסען פון די קיכען דאס פארטיגע געקעכץ, ווייל עס איז אבגעגעבען געווארען דער בעפעהל זיך צו בעוועגען. עס האט געהייסען, אז דער פיינד טרעט פלינק אב אהן א שלאכט און מען דארף איהם נישט לאזען אבשטעלען זיך, בעפעסטיגען. און די איילעניש, און דאס אייביגע ווארטען אויפ'ן פייער און זוכען דעם פיינד, האט די סאלדאטען מעהר אויסגעמוטשעט און אויפגערעגט, ווי ווען זיי וואלטען

זיך געפונען אונטערן פייער פון די הארמאטען. ערשט יעצט איז אבגעגעבען געווארען דער בעפעהל אויפצושלאגען די געצעלטען און אוועקלייגען זיך אברוהען. די פארפאסטען האבען זיך דערוואוסט, אז דער פיינד האט זיך פערשטארקט אונטער די בערגלאך און פערנעהמט א שטארקע פאזיציע, וואס עס וועט נישט זיין אזוי לייכט איהם אוועקצושלאגען. די ארמעע איז אויך געווען צו מיעד יעצט צו מאכען אן אטאקע, האט מען איהר געהייסען אברוהען אויף דער פאזיציע וואס זי האט פערנומען, פארצובערייטען זי צו דער אטאקע וואס וועט פארקומען אין א פאאר טעג.

---

אין א קליינע צייט ארום איז דאס קרויט פעלד, אויף וועלכען די ארמעע האט זיך אבגעשטעלט, פערוואנדעלט געווארען אין א לאגער, ווי די ארמעע סאלדאטען וואלט דא זיך פעסט איינגעפונדעוועט. עס האט זיך געטראגען אין דער לופטען דאס רויך פון קיך וועגען, וועלכע האבען זיך אבגעשטעלט אין מיטען דער ארמעע. דער געשטאנק פון געקאכטע פלייש און צולאזען פעטס האט זיך געהערט פון די קיך און גערייצט דעם פערשלונגענעם אפעטיט. דא און דארט האבען סאלדאטען געשייערט מיט די ערד די צינענע טעפלאך, די כלים און די בעקענס — און געשטיפט זיך מיט די כלים ארום דעם קעסעל. דא און דארט האבען סאלדאטען אנגעווארפען ארום די געצעלטען זייער אנגעטהועכטס, אויסגעטהאן די שטיוועל, איבערגעוויקעלט די אנוטשקעס און עס האט זיך געטראגען אינאיינעם מיט דעם געקעכטס דער ריח פון מענשען־שוויים און דזשעגעכץ. די געשמאקען האבען היימליך געמאכט דעם לאגער און מען האט זיך געפיהלט ווי מען וועלט שוין דא לענגס געוואהנט. וואו מען האט זיך ארומגעקוקט האט מען געזעהן סאלדאטען, טהייל זיינען געווען פערנומען מיט אויפשלאגען געצעלטען, טהייל מיט איבערטהאן זיך די שטיוועל — און אלע מיט די כלים פון עסען.

צווישען די סאלדאטען וואס האבען זיך געשטיפט ביים קעסעל פון דער פערטער ראטע פון אכט און פיערציגסטען שיסער־פאלק האט זיך אויך געפונען דער איין־יעהריגער איד אסנת, אז ער האט דערטאפט דאס אנגעפילטע קעסעלע האט ער זיך געלאזט צו זיין ווינקעלע

וואו זיינע האבען געוואהנט צוזאמען. נור עס האט איהם אבגעשטעלט פאלגענדע סצענע:

צוויי קליין רוסישע סאלדאטען אשמין און קאזלאוו האבען גע־האלטען דעם אידישען סאלדאט לעווין ביי די הענד און דער קאזאק ארבוז האט איהם א שטיק טריפענדיגעס חזיר געשטופט אין מויל. דער איד האט פערביסען די צייהן, די אויגען האבען איהם זיך ווייט ארויסגעזעצט און געקאפיעט די סאלדאטען מיט די פיס. — דער ריח פון טריפענדען חזיר האט איהם גערייצט צו ברעכען — און ער האט מורא געהאט די צייהן צו עפענען. נור דאס ווארימע שפייעכץ וואס האט זיך אנגעקליבען אין זיין מויל האט איהם געווארגען און דער איד האט ארום זיך געשפיגען און די סאלדאטען האבען געלאכט און גע־שריען:

— עס, דו מוזט עסען, גאט'ס שפייז פערשעהמסטו — פאר מענ־שען געמאכט, ניט פאר חיות.

— לאז איהם ניט אב, — ער מוז עסען — ער מוז — ער מוז...

אסנת איז געשטאנען א ווייל. עס האט איהם עפעס אזוי מאדנע אנגעריהרט דער ארימער אידעל אין די הענד פון די סאלדאטען, וואס האט זיך אזוי רחמנות'דיג געווארפען. ער האט ניט געקלערט א מי־נוט, איז צוגעגאנגען און אנגענומען דעם אידישען סאלדאט און ארויס־גענומען איהם אהן ווערטער פון זייערע הענד. די זעלנער האבען איהם פערוואונדערט אנגעקוקט: זיי האבען דערזעהן, אז ער איז אן איין יעהריגער, האבען זיי פאר איהם דורך ארץ געקראגען און אפגעלאזען דעם אידישען סאלדאט. ער האט איהם מיטגענומען מיט זיך און זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל. אסנת האט רוהיג געגעסען זיין געקעכטס. דער אידישער סאלדאט האט זיך א קורצע צייט אבגערוהט, געלעגען אויף דער ערד און אבגעאטהעמט פון דעם בארעוועז זיך מיט די זעלנער, דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבען און אוועקגעשטעלט זיך דאווענען שמונה־עשרה. אסנת האט איהם אנגעקוקט, געזעהן ווי דער אידישער סאלדאט שאקעלט זיך פרום און האט נישט קיין מורא, און עס ארט איהם נישט וואס די ארומיגע סאלדאטען קוקען אויף איהם פערוואונדערט, לאכען, און זאגען גראבע ווערטער. אסנת'ן איז עפעס יעצט איבערדריסיג געווארען דאס עסען. ער האט עס אויס־געגאסען, פערדריבערט א פאפיראס און איז געלעגען.

אז דער איד האט אבגעדאווענט, האט ער זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל, אבגערוקט פון אנדערע, ארויסגענומען פון דער קעשענע א פלעשעל וואסער, געוואשען זיך די הענד, און גענומען זיך צו טרוקען ברויט מיט א שטיקעל קעז, וואס ער האט געהאט ביי זיך.

אסנת'ן האט פערוואונדערט די פרומקייט פון'ם אידישען סאלדאט אין דער צייט פון מלחמה. האט ער זיך צוגערוקט צום איד און איהם געפרעגט:

— וואס, לעווין, איהר זיינט א רב, וואס איהר זיינט אזוי פרום?

— א רב — האט לעווין געלאכט — מען מוז דען זיין א רב, כדי א איד צו זיין?

— אבער ווי קענט איהר דאס אויספיהרען יעצט, אין דער צייט פון מלחמה?

— וואס איז דען דא אזעלכעס אויסצופיהרען? דער רבונו של עולם העלפט דעם, וואס וויל איהם דיענען. אט געפינט זיך דער איד, דער פאדריאטשיק, שיקט ער מיר צו א אידיש מאכל, מען קומט דורך.

— און וואס טהוט איהר אז מען איז אין וועג?

— דאוועו איך אין וועג, ווי ווייט איך קען.

אסנת האט א מינוט גשוויגען.

לעווין האט זיך אפגערופען ערנסט:

— אז נישט יעצט, ווען מען איז יעדע מינוט אין סכנה, טא ווען דען זאל מען דאס אידישקייט אבהיטען? אז יעדען אויגענבליק קען מען, חלילה, אהין גערופען ווערען...

אסנת האט איהם אנגעקוקט, האט געזעהן, אז דער איד גלויבט זיכער אין יענער וועלט; אז עס וועט אויסקומען, וועט ער זי האבען פארטיג, און ער האט איהם מקנא געווען.

— איהר האט א פרוי?

— א פרוי מיט צוויי קינדער — קרעכצט דער איד.

— נו? — פרעגט אסנת.

— נו, און אזוי איז מען דען נישט אין גאט'ס האנד? אז עס איז באשערט צו לעבען, וועט דאך דאס פייער מיידען: נעבען דיר וועסטו עס זעהן, און עס וועט נים האבען קיין שליטה אויף דיר. און אז חלילה נישט, וואס וועט דיר העלפען, אז דו וועסט דיך בעהאלטען? אין א

לאך וועט עס דיך געפינען, אז עס וועט קומען דיין צייט — האט דער איד געזאגט מיט זיכערהייט און רוהיגקייט.

אסנת האט איהם בעוואונדערט און מקנא געווען, — דעם אידען, וואס היט אב זיין אמונה אפילו אונטער'ן פייער פון שונא, צווישען גויים, גלויבט אז א בעזונדערע קראפט פיהרט זיין וועג און בעשטימט זיין גורל.

— הייסט עס, אז איהר האט נישט קיין מורא פאר'ן טויט?

— נישט קיין מורא! — וואונדערט זיך לעווין, — אודאי האב איך מורא פאר'ן יום הדין. נאר וואס דען זאל מען טהאן? מילא דאס מייניגע טהו איך אזוי וויט ווי איך קען. אז מיר געהען ארוים אין דער פריה, זאג איך אב ווידוי, איך בעט נאר דעם רבונו של עולם, אז ווען שוין יא, זאל איך די זכיה האבען צו קומען צו קבר ישראל און, ווען דאס איז מיר נישט באשערט, זאל איך כאטש ביים שכל זיין „שמע ישראל" צו זאגען, — ווארים מען זאגט: דעם פיינד'ס קוילען נעהמען אב דעם שכל. די זעלנער שטארבען אהן חושים. איז עס וואהר?

— איך האב נישט געהערט דערפון — זאגט אסנת.

א מינוט האבען זייביידע שטיל געשוויגען און צוגעקוקט זיך צו די אונטערגעהענדע זונן. פון דא און דארט האבען זיך געקרויכערט פייערלאך פאר די געצעלטען, און די זעלנער זיינען געווען אויסגעזעצט ארום די פייערלאך. פון טהייל פייערלאך האט זיך געהערט א טרויעריג בענקענדיג ליעד, וואס האט דערמאנט אן דער היימאטה. פון טהייל פייערלאך איז דערגאנגען א געזונד לאכען און א פרייד פון יוגענד. דאס גאנצע לאגער האט געשטעקט אין א וואלקען פון שטויב און רויך, וואס איז אויפגעגאנגען פון די פייערלאך ארום די געצעלטען, און דער וואלקען פון רויך האט זיך אבגעשלאגען אן די רויטע אונטערגעהענדע זונן.

אסנת האט זיך אפגערופען:

— און א ציצית־כנפות טראגט איהר?

לעווין האט זיך פערשעהמט:

— ווענען וואס פרעגט איהר דאס? אודאי טראג איך א ציצה־כנפות.

— מען זאגט אז א איד שטארבט בעגראבט מען איהם אין טלית. אפילו דעם שלעכטסטען איד בעגראבט מען אין א טלית, דאס איז, אזוי צו זאגען, די אידישע פאהן. איז עס וואהר?

— געווים איז עס וואהר. און אז חלילה עס וועט אויסקומען און זיין ווילען וועט געשעהן, וועל איך מיר פארשטעלען מיט'ן ציצה כנפות די אויגען, כדי מען זאל מיר דערנאך דערקענען, אז איך בין א איד — ווייזט לעווין אויף די ציצית, וואס ער האט ארויסגעצויגען פון אונטער'ן מונדיר.

— הייסט עס: אונטער דער אידישער פאהן? — שמייכעלט ערנסט אסנת און פערקלעהרט זיך.

דער פארנאכט איז קאלט, טהייל פייערלאך ווערען אויסגעלאשען, דא און דארט ווערט שטיל, און די נאכט רוקט זיך צו איבער'ן לאגער.

זיי האבען נאך פערבראכט א ווײלע אין שווייגען. עס איז טונ־קעל געווארען. באלד האט זיך דערהערט א טרומפייטערן, און די סאל־דאטען האבען זיך איינציגווייז אויפגעהויבען און זיך צוגאנגען אין די געצעלטען אריין שלאפען, ווארים זיי זיינען אזוי אויך שוין מיעד געוועזן און שלעפעריג.

---

אז די סאלדאטען זיינען אוועק, איז אסנת געבליבען אליין זיצען פאר דער שוועל פון זיין געצעלט. עס איז שוין געלעגען די נאכט ארום דעם לאגער. געוועזן א ליכטיגע און א קאלטע נאכט. די צוויי אהן־בלעטערדיגע טאפאלען אויפ'ן בערגעל האבען אין לבנה־ליכט אויסגע־זעהן ווי שרעקעדיגע שדים, און די געצעלטען אויף דעם גרויסען פעלד האבען געווארפען זייערע שאטענס. דא און דארט האבען זיך געררוי־בערט די פייערלאך, עס זיינען ארומגעגאנגען צווישען די געצעלטען, ווי שאטענס, איינצעלנע זעלנער אין מאנטלען געהילט. עס האבען זיך געהערט איינצעלנע שטימען רופען. אסנת איז מיעד געוועזן און שלעפעריג, כאטש דער געשפרעך פון די סאלדאטען האט איהם דענער־ווירט און געמאכט איהם עפעס אונרוהיג. ער איז אריין צו זיך אין גע־צעלט. די חברים זיינע, פון די איין־יעהריגע, זיינען שוין געשלאפען ארומגעהילט אין זייערע מאנטלען, און אין געצעלט איז געוועזן גענוג

ווארים פון דער פארע, וואס האט געיאגט פון זייערע יונגע, געזונטע שלאפענדע קערפערס.

אסנת האט זיך געווארפען אין זיין ווינקעל, עפעס דארט אונטערגעליגט אונטער זיך, גוט זיך איינגעוויקעלט אין זיין מאנטעל, פערנורעט ערגעץ וואו דאס פנים און נישט דערפיהלט דאס פייכטקייט פון דער ראסע, וואס נישט קוקענדיג אויפ'ן נעצעלט, האט זי זיך דאך ארייגגעקראגען אויף די ציטערענדע בלעטער פון קרויט, — און ער איז באלד איינגעשלאפען.

ער איז אבגעלעגען א פאאר שעה. די ראסע אבער, וואס זעצט זיך אויף דער שווארצער טארף־ערד, איז אזוי געדיכט און פייכט, אז זי צוקנעט די ערד ווי ליים. אסנת האט באלד אנגעהויבען דערפיהלען די פייכטקייט, וואס האט דורכגענעצט זיין מאנטעל, זיינע מלבושים און איז דערגאנגען ביז צום לייב. צוערשט איז די פייכטקייט געווען אנגענעהם, ווייך. באלד אבער האט ער זי דערפיהלט, עס איז איהם קאלט געווארען אין לייב און די פיס האבען געציטערט. דער דורשט נאך שלאף איז אבער געווען אזוי גרויס, אז ער האט מלחמה געהאלטען מיט דער פייכטקייט און איז זי בייגעקומען. אסנת האט זיך איבערגעדרעהט אויף דער צווייטער זייט, אויסגעזוכט אן עק פון דער קאלדרע, וועלכע איז נאך נישט פייכט געווארען, ארונטערגערוקט זיך אונטער'ן לייב און איז ווידער איינגעשלאפען. באלד אבער איז דער עק אויך נאס געווארען, און אסנת האט דערפיהלט, ווי עפעס א ווארעם וואלט געלעגען אונטער איהם און בייסט איהם. ער האט זיך אויפגעהויבען, ארויסגענומען דעם לאמטערן, וואס איז געהאנגען אין געצעלט, און בעלויכטען זיך זיין געלעגער. האט ער דערזעהן ווי זיינע פיס דרעפטשען זיך אין א נאסער בלאטע, וואס איז געווארען צוזאמענגעקנאטען פון שווארצער ערד, פון צוטראטענעם גראז און וואסער. דאס האט איהם אבגעשטויסען, און ער האט זיך שוין נישט געוואלט אוועקלייגען. ער האט אבער גע'חלש'ט שלאפען, האט ער זיך איינגעקארטשעט אינטער א ביסעל שטרוי, אויף וועלכע עס זיינען געשטאנען די ביקסען. דארט איז אבער אזוי ענג געווען, אז ער האט געמוזט האלטען די פיס מיט די הענד צוזאמענגעדריקט און אוועקגעלעגט דעם קאפ אויף די ביקסען. אזוי איז ער איינגעשלאפען און אבגעשלאפען א מינוט צעהן־פופצעהן, וואס האט זיך איהם אויסגעדאכט ווי א לאנגע, לאנגע ווילע.

ער האט אבער דערפיהלט מיט אמאל אזא קעלט, אז ער האט אויפגעריסען די אויגען. זיין שלאף איז אינגאנצען פערשוואונדען. ער האט אויפגעדעקט דעם שפאלט פון דעם געצעלט און ארויסגעקוקט, אויב עס טאגט שוין.

די נאכט איז געווען שווארץ, די לבנה איז ערגעץ וואו פערשוואונדען. און א שווארצקייט איז געלעגען ארום. די געצעלטען האבען נאך מעהר יעצט אויסגעזעהן ווי שדים, און די איינצעלנע זעלנער, וועלכע האבען זיך געדרעהט ארום די געצעלטען, — ווי אבגעריסענע אברים פון געשפענסטער. פון גאנץ ווייט האט זיך יעצט געזעהן אויפ'ן האריזאנט אן אבשיין פון א ליכט־ווארפער, וואס ער האט נישט געוואוסט, אויב עס קומט פון רוסישען אדער פון שונא'ס לאגער. דאס ליכט האט איהם געגעבען עפעס א שטאך אין הארץ און דערמאהנט איהם אן די סכנה, אין וועלכער ער געפינט זיך. די אימה פאר'ן טויט, וואס בייטאג, אין לאגער, אין גאנג, צווישען די לעבעדיגע סאלדאטען האט ער זי גאר ניט געפיהלט, איז איהם יעצט, אין דער שטילקייט פון דער נאכט, אין שלאף ארום, מיט אמאל בעפאלען. ער האט זיך געשראקען פאר דעם ליכט־שיין, וואס קומט פון ליכט־ווארפער. ער האט פערמאכט צוריק די זעק פון געצעלט, אוועקגעזעצט זיך אויפ'ן קאסטען און געפרובט איינשלאפען. אבער יעצט האט ער שוין ניט געקענט איינשלאפען. דער שלאף איז אוועק — ער האט אנגעהויבען צו קלעהרען; אבגעריסענע געדאנקען און עראינערונגען זיינען איהם געקומען אויפ'ן מח. ער האט זיך דערמאהנט אן דעם געשפרעך פון די סאלדאטען, דערמאנט זיך אן זיין קינדהייט, און זיין גאנץ לעבען איז יעצט דורכגעגאנגען פאר איהם אין דער פינסטער פון דער נאכט.

ער האט זיך דערמאהנט אן זיין קינדהייט וואס איז דורכגעגאנגען אהן פרייד. ער האט קיינעם נישט געליעבט, ווייל ער האט נישט געהאט קיינעם ליעב צו האבען. די מוטער איז געווען פערנומען איהר גאנץ לעבען מיט קינדער האבען, געהאט האט זי א צוועלף קינדער, איז קיינמאל נישט קיין צייט געהאט צו זיי: איז געווען פערנומען מיט איהר קראנקהייט וואס די דאקטוירים האבען בשום אופן ניט געקענט שטעלען די דיאגנאזע און געהאלטען אין איין שיקען זי פון איין פראפעסאר צום צווייטען, און דער פאטער זיינער איז געווען אן עגאאיסט און ליעב געהאט זיך און זיינע געשעפטען — אין וועלכע ער איז געווען פערנומען

די קינדער זיינען זיך אליין געווארען איבערגעגעבען. די גאנצע זארג פון פאטער'ס און מוטער'ס ערציהונג איז בעשטאנען אין דעם, וואס זיי האבען געטהאן אלעס מעגליכעס, אז זייערע קינדער זאלען ווערען אין גימנאזיע אנגענומען, נור קוים אבער האבען זיי דאס גליק געהאט זייערע קינדער אין גימנאזיסטישע קליידער צו זעהן, האבען זיי געמיינט, אז זיי האבען שוין דעם חוב צו דער ערציהונג פון זייערע קינדער אבגעטהאן. פון צייט צו צייט אינטערעסירען זיי זיך מיט די צייכענס וואס ער האט געקראגען אין דער שוהלע, און דאס ניט דערפאר ווייל זיין לערנען און זיינע פעהיגקייטען האבען דעם פאטער אינטערעסירט. ניין, עס איז געווען דערפאר, אויב ער וועט האבען א גאלדענעם מעדאל וואס וועט איהם אריינפיהרען אין די טהויערען פון אוניווערזיטעט.

און ער געדענקט דעם גרויסען אונגליקליכען טאג, וואס איז געווען אין זיין פאמיליע, ווען ער האט אהיים געבראכט פון דער שוהלע א 2 פאר רוסישע גראמאטיק — און מען האט זיך געסטארעט מיט אלע מעגליכקייטען צו בעקומען אלס רעפעטיטאר פאר איהם פון דער רוסישער שפראך טאקע זיין לעהרער אליין פון גימנאזיום פון דער רוסישער שפראך.

גארנישט האט ער געהאט אין זיין קינדהייט דאס ער זאל ליעבען, ניט די לעהרע, וועלכע מען האט זי באלד פאר איהם געמאכט א לייטער צו זיין קאריערע; ניט די אמונה, פון וועלכע זיין פאטער דער „ליבעראל" האט זיינע קינדער אבגעהיט און נור פון פארמע וועגען האט ער זיי געפיהרט ראש השנה און יום כפור אין דער רעפארמירטע שוהל אריין און די אידען אין די טלתים און די געבעט אין אן אונפערשטענדליכער שפראך — האט זיי געלאנגווייליגט.

ער געדענקט, אז ער איז א קינד געווען האבען איהם זעהר אינטערעסירט די העלדען פון דער רוסישער געשיכטע. ער האט געשלונגען די קינדערשע ביכלאך, וועלכע ער האט געלעזען, פון די גרויסע טהאטען פון די רוסישע העלדען, פון צאר פיאטער, קוטוזאוו, קאזאקען. און ער מיט זיין קינדערשע נאאיוויטעט איז שטאלץ געווען אויף זיי... און געקלעהרט אלץ פון דעם, אז ער וועט גרויס זיין, וועט ער אויך א העלד זיין.

נור איין מאל האט איהם דער פאטער דעם טרוים און דאס גליק אבגענומען. ער געדענקט דאס ווי עס וואלט ערשט היינט געשעהן.

ער האט געלעזען א ביכעל פון נאפאלעאן אין רוסלאנד, ווי קוטוזאוו האט בעזיעגט נאפאלעאן'ען. ער איז אריינגעפאלען צום פאטער אין קאבינעט אריין און אויסגעשריען:

— פאפאטשקא, ווייסט ווער עס האט בעזיעגט נאפאלעאן'ען? קוטוזאוו, פאפא...

דער פאטער האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט.

— און וואס איז מיט דיר די שמחה אז קוטוזאוו האט בעזיעגט נאפאלעאן'ען?

— ווי הייסט, פאפא, ער האט געראטעוועט רוסלאנד!

— א גוטע בשורה זאל מיר ווערען אנגעזאגט. דו הערסט, חנה, — האט ער זיך אבגערופען צו זיין ווייב. — קוטוזאוו האט בעזיעגט נאפאלעאן'ען, פרעה דיך, חנה, פרעה דיך.

ער איז געבליעבען שטעהן אין מיטען שטוב, און געפיהלט זיך עפעס אזוי מאדנע... ער וועט דאס געדענקען דעם גאנצען לעבען.

נאר קוים איז ער אביסעל עלטער געווארען, האט ער שוין אליין פערשטאנען, אז ער האט זיך ניט מיט וואס צו פרעהען מיט קוטוזאוו'ן און מיט די אנדערע רוסישע העלדען וואס האבען געשלאגען די פאליאקען, די קאווקאזער, די סיביריאקעס. עס זיינען ניט זיינע עלטערן. דאס לעבען האט איהם דערפון דערצעהלט, אז ער איז א איד, און ער האט גאר נישט אין לעבען, וואס זאל איהם פרעהען, וואס זאל איהם שטאלץ מאכען. ניטא קיין אייגענע געשיכטע און די פרעמדע איז איהם פרעמד, און אפילו דאס לערנען, דאס דערוויסען זיך פון פערשיעדענע זאכען — זיינען נור פאר איהם דא, כדי ער זאל דורך זיי קריגען דעם 5, וואס איז איהם נויטיג איבערצוגעהן אין א העכערען קלאס, און פון דארט צום גאלדענעם מעטאל.

אזוי איז זיין יוגענד אדורך אהן פרייד, אהן ליכט און אהן ליעבע. ער געדענקט אז ער האט געהאט דאס געפיהל, פאר זיינע חברים אין דער שוהלע, אז ער איז געבוירען געווארען א קאליקע, כאטש ער האט ניט געוואוסט אין וואס עס בעשטעהט זיין פעהלער. אזוי יונג, געזונד און פרעהליך איז ער געווען ווי אלע זיינע חברים, און גארנישט האט איהם געפעהלט וואס זיי האבען געהאט, — נאר דאך האט ער

געהאַט זיך צו שעהמען מיט עפּעס פאַר זיינע חברים. ער האָט ניט געהאַט צו קיינעם קיין פּרעטענזיע, קיינער האָט איהם דעם פעהלער ניט געשאַפען. ער איז אַזוי געבוירען געוואָרען. נאָר דאָך פיהלט ער נאָך ביז היינטיגען טאָג, אַז ער קען פאַר דעם פעהלער ניט מוחל זיין זיין פאָטער. און זיין פאָטער האָט ער ניט אַזוי ליעב ווי אַנדערע קינדער האָבען ליעב זייערע פאָטערס, אָדער ווי ער וואָלט געוואָלט זיין פאָטער ליעב האָבען. דערנאָך, געדיינקט ער, האָט זיך עפּעס אין איהם איבערגעביטען. ער איז עלטער געוואָרען. איהם און זיינע חברים, די אידען, האָבען די לעהרער פיינד געהאַט אין דער שוהלע און געמאַכט זיי שוועריגקייטען — און דאָס האָט איהם צוגעבונדען צו זיינע חברים, די אידען. און ניט נור בלויז זיינע חברים, די תלמידים נור. ער געדענקט, ער האָט אָנגעהויבען צו פּעראינטערעסירען זיך מיט דער אַלטער אידענע, וואָס טראָגט אין זייער הויז פּוטער און אייער, און מיט די אידען וואָס קומען צו זיין פאָטער און דרעהען זיך ביי איהם אַרום אין קאַבינעט. באַטש ער האָט זיי קיינמאָל ניט פער־שטאַנען און קיינמאָל זיי ניט ליעב געהאַט.

דערנאָך איז אָנגעקומען די טרויעריגע צייט.

ער איז נאָך דענסמאָל אַ אינגעל געווען, אָבער ער האָט דאָס אַזוי טיעף געפיהלט... מען שלאָגט די אידען... שרעקליכע און ווילדע זאַכען האָט ער זיך אָנגעהערט דענסמאָל. עס האָט איבערגעלאָזט אַן איינדרוק אויפ'ן גאַנצען לעבען. פון דענסטמאָל אָן איז דאָס לעבען נאָך טרויעריגער געוואָרען, נאָר עפּעס אינטערעסאַנטער. ער האָט ליעב געקראָגען די געשלאָגענע, די פערשעהמטע, און צווישען זיי איז אויך ער. און פון דענסמאָל אָן האָט לערנען און דאָס לעבען געקריגען אַן אַנדערן טעם. — מען דאַרף לעבען און מען דאַרף זיך לערנען פאַר די וואָס מען שלאָגט... און אַן עקשנות האָט איהם אַרומגענומען, און ער האָט זיך שוין מעהר ניט געשעהמט פאַר יענע חברים, און ניט מעהר געפיהלט זיך אַ קאַליקע, אדרבה, ער האָט נאָך מעהר פון זיי, ער איז שטאַרקער פון זיי און בעסער פון זיי. ער איז דער געשלאָגענער. און פון דענסמאָל אָן האָט עפּעס אַלעס אין לעבען געקריגען אַ טעם, ער האָט דערפיהלט, אַז עס איז נישט אַזוי פּראָסט, נור מען דאַרף עפּעס זוכען. ער האָט זיך גענומען ערנסטער צו לערנען — ניט פאַר'ן טאַטען, און ניט פאַר'ן גאָלדענעם מעדאַל, נאָר פאַר זיך, און ערנסטע

ביכער געלעזען, און מיט אמאל האט ער זיך דערפיהלט א דערוואק־סענער. און מיט א פעראנטווארטליכקייט אז א מענש דארף עפּעס האבען — וואס האט ער נאך קלאהר ניט געוואוסט, — נאר ניט זיין גאלדענעם מעדאל, וואס דער טאטע מיינט, נער עפּעס טיעפערעס, איניגעס און גרעסערעס — און ער האט דערפיהלט אז ער קריגט דאס.

געלערענט האט ער שוין וויסענדיג אז אין אוניווערזיטעט וועט ער ניט אריינגעהן. און די לעהרער מיט די חברים, מיט די גאנצע שוהלע איז איהם שוין מעהר נישט אנגעגאנגען און אז ער האט גע־ענדיגט דאס גימנאזיע אהן דעם גאלדענעם מעדאל, וואס דער טאטע מיט דער מאמען האבען געמיינט, אז ער איז א פערפאלענער, איז ער אוועק אין אויסלאנד. דארט האט ער זיך געטראפען מיט נאך אזעלכע ווי ער איז, וואס דענקען אזוי ווי ער — נאר צונויף גערעדט האט ער זיך ניט מיט זיי. ער האט דאס אלעס געפיהלט פאר זיך, און מיט זיך אליין געלעבט.

ער איז אריין אין א עסטרייכישען אוניווערזיטעט, וואו עס זיינען געוועזען פיעלע רוסישע און דייטשע אידען. חברים האט ער געהאט ווייניג, און צו קיין פארטיי האט ער ניט געהערט. ער האט זיך עפּעס ניט געקענט געפינען צווישען זיי קיין ארט. דענסטמאל האט זיך פאר איהם אנגעהויבען א אונפערשטענדליכעס איבערלעבען.

זייענדיג אין רוסלאנד האט ער געפיהלט צו איהר א טיעפע שנאה, צו אלעס וואס איז רוסיש. ער האט געשמעקט דערפון דאס פערגליווערטעס אידישעס בלוט, און געווארט מיט אונגעדולד דעם טאג פון נקמה, וואס וועט קומען אויף איהר פאר אידישע בעליידיגונג און צרות. נאר הערענדיג דאס רעדען פון זיינע חברים די עסטרייי־כישע, גאליציאנער אידישע סטודענטען, — האט ער זיך אונענדליך געפיהלט פערוועהטאגט און עפּעס א אונפערשטענדליך עקשנות האט איהם ארומגענומען, דוקא אין זייער געגענווארט, צו ריהמען רוסלאנד, און ארויסווייזען זיך פאר'ן ווארעמסטען פאטריאט.

דאס עקשנות פערשטעהט ער נאך ניט ביז היינטיגען טאג, אין הארצען האט ער געוואונשען אלעס שלעכטעס רוסלאנד, נור קוים האט ער דאס געהערט אויסרעדען פון א פרעמדען סטודענט — האט עס איהם געקרענקט, און ער האט געפרואווט אויפווייזען מיט אלע מעג־

ליבקייטען, אז די אידען אין רוסלאנד איז נאך פיעל בעסער, ווי די אידען אין עסטרייך. און אין צוהיצטקייט פון דיסקוסיאן האט ער אנגעהויבען צו בעזינגען די ברייטקייט פון דער רוסישער נשמה.

זיין האלטען זיך האט איהם אנגעמאכט פיעל פיינד, עס האט איהם דערווייטערט פון אלע. צוריק אין רוסלאנד האט ער ניט געוואלט פאהרען, ער האט ניט געהאט צו וואס. ניט מען וואלט איהם דארט אין אוניווערזיטעט אריינגענומען, און ניט ער וואלט דארט געהאט וואס צו טהאן — האט ער געמוזט ליגען דא. און די חברים האבען געוואוסט זיין שוואכקייט און דאס אויסגענוצט.

ס׳איז אנגעקומען די צייט פון פאליטישע רייבענישען צווישען רוסלאנד און עסטרייך. ניט איינמאל האט ער געהערט ווי די עסט־רייכישע אידישע סטודענטען גארען נאך א קריעג מיט רוסלאנד. זיי זעהען אין רוסלאנד ניט נאר בלויז דעם פיינד פון זייער לאנד, נאר אויך זייער אייגענעם, נאציאנאלען אידעשען פיינד. נור איהם איז דאס אלעס אזוי גלייכגילטיג וואס טהוט זיך ארום איהם. אין די טעג האט ער זיך גאר בעהאלטען, ער האט ניט געוואוסט וואס מיט זיך צו טהאן. אין שטוב אייגזיצען האט ער ניט געקענט. ער האט מקנא געווען די עסטריי־כישע אידישע סטודענטען, וואס קענען אזוי רעדען, וואס האבען פאר וועמען זיך צו שלאגען, אין זיך האט ער געפיהלט ווי ער שטעהט איינער אליין אין גאס. קיינער איז ניט מיט איהם. נור ער, אסנת, אליין איז א פאלק, איז א נאציאן, א נאציאן פון איינעם.

דענסמאל איז געשעהן דאס, וואס האט איהם געבראכט צו דעם איצטיגען צושטאנד.

עס איז געווען אין דעם פאדער־הויז פון דעם אוניווערזיטעט. די בעציהונג צווישען רוסלאנד און עסטרייך איז געווארען זעהר אן אנגע־צויגענע. מען האט גערעדט, אז ענדליך ברעכט עס אויס. ער האט געזעהען ווי די סטודענטען זיינען אויפגערעגט, זינגען פאטריא־טישע ליעדער, געהען זיך פערשרייבען אין דער ארמעע, אלע, די אידען אויך. ער האט זיי מקנא געווען, ווייל זיי האבען א היימאט, א לאנד פאר וועלכע זיך צו שלאגען. ווי וואלט ער גליקליך געווען צו זיין ווי זיי, — און דא שטעהט ער אליין, די וועלט געהט אום, — אלעס בע־וועגט זיך, און עס איז איהם אלעס גלייכגילטיג.

וואו וואהנט איהר? ניט אויפ'ן ערד־קוגעל? און פאר וואס פיהלט ער זיך פערלאזען, איינער אליין? קיינער איז ניט מיט איהם און ער איז ניט מיט קיינעם. און ווי ער שטעהט אזוי, קומט צו א חבר, א אידישער סטודענט פון גאליציע, זיינער א גוטער פריינד, א גוטער איד און א נאציאנאליסט א אידישער ווי ער, און לעבט אזוי ווי ער, און קלאפט אסנת'ן אויפ'ן פלייצע און זאגט אזוי:

— אסנת, מיר וועלען זיי בעצאהלען פאר אלעם. פאר אידישע פאגראמען, פאר די שאנד פון אידישע טעכטער, פאר דעם גאנצען בלוטיגען אונרעכט און פאר דער לאנגער מלחמה, וואס זיי פיהרען מיט אונז, פאר אלעם, פאר אלעם וועלען מיר זיי בעצאהלען. אסנת, עס איז געקומען דער יום הדין.

און די אויגען בלישטשען איהם פאר פרייד און נקמה, און ער זעהט אז דאס אידישע הארץ ברענט אין איהם.

און אסנת שרייט אויס:

— אז מיר וועסטו נקמה נעהמען, מיך וועסטו טרעפען אויף דער צווייטער זייט.

— אסנת, וואס טהוט זיך מיט דיר? מיט אונז בלייב, מיר געהען אידישע נקמה נעהמען.

— אויך איך וויל האבען א היימאטה, אויך איך וויל צו ווערען געהערען, איך בעשטעה אויך פון עפעס.

מיט'ן ערשטען צוג איז ער צוריק געפאהרען נאך רוסלאנד,
דארט האט ער זיך אנגעגעבען אלס פרייוויליגער.
נאר דאס אלעס איז שוין אזוי לאנג געווען.

---

דער פריהמארגען איז אויפגעגאנגען אין א נאסער ראסע. כאטש די זונן האט אנגעהויבען אויסצוטריקענען די נאכטליכע פייכטקייט, דאך איז זעהר קאלט און פריש געווען. אסנת איז ארויס פון זיין געצעלט און געקוקט אויף דעם רויטען פריה־מארגעדיגען הימעל, און געפרעהט זיך, וואס ס'איז טאג. אין לאנגער האט זיך שוין אנגעהויבען א בעוועגונג. דא און דארט האבען זעלנער אויסגעשפרייט אין דער זונן זייערע פייכטע מאנטלען צו טריקענען. דא און דארט האט מען

זיך געוואשן, געשייערט די צינערנע ראנדעלעך. דער אפּע־טיט צום עסן האָט זיך אינאיינעם געוועקט מיט דעם מאָרגן. אָבער ניט האָבענדיג צו פאַרבייסן, האָבן זיך די זעלנער דערוויל די ראנדעלעך געשייערט.

פון פריהמאָרגן אָן האָט זיך געהערט פון דערווייטענס א בע־שטענדיגע שיסעריי פון פעלד־הארמאטע, וואס זייער עכא האָט אין פרישן מאָרגן טעמפּ אָבגעשלאָגן. אויף די סאָלדאטן האָט דאָס שיסן צום ערשטן מאָל פון אזא נאָהענטקייט געמאַכט אַן איינדרוק. זיי האָבן זיך געוועקט, און אין גאנצן לאַנגער זיינען געוואָרען קופּקעלאַך און מען האָט זיך גע'סוד'עט.

דער מאָרגן איז געווען אזא שעהנער, די זונן האָט אזוי געוואַ־רעמט דאָס גרינס ארום, אז דאָס נאָהענטע שיסן אין דעם רוהיגן פריעדליכן זונענדיגן לאַנדשאַפט האָט געמאַכט אויף אסנת'ן א מאָד־נעם איינדרוק. ער איז ניט געווען אויסגעשלאָפן, צופרוירען פון קעלט, האָט ער זיך אויסגעזוכט א שטיקעל פּלאַץ, וואס די זונן האָט דאָרט געלויכטען, און האָט זיך אריינגעזעצט צווישען די שטראַהלען, וואָרימענדיג זיך אין דער זונן.

באלד זיינען צוגעקומען לעווין מיט נאָך צוויי אידישע סאָלדאטן פון דעם זעלבען פּאָלק, לעווינזאָן און קאַהאנאָווסקי, איינגעהילט אין דורכגעווייקטע, צוקניטשטע מאַנטלען. זיי זיינען אויך ניט געווען אויסגעשלאָפענע, אָבער אויסגעזעהן האָבן זיי מונטער, אויפגערעגטע פון שיסן. ביי לעווינזאָנ'ען האָבן די אידישע אויגן אויסגעדריקט שרעק, זיי זיינען פּשוט ווי וואסער צוגאנגען אין די ווייסע גריבעלאַך וואס אונטער זיי; די נאָז איז ביי איהם געווען בלייך, און ער האָט זיך פערקלעהרטערהייט געצופּט זיין קורץ בערדעל. לעווין האָט גע־קוקט תמ'עוואטע, נאַכדענקענדיג, און דאָך איז ווי עפּעס געווען צו מערקען א חסידיש שמייכעלע אויף זיינע דינע ליפּען. אַנדערש האָט אויסגעזעהן דער אינגערער פון זיי, קאַהאנאָווסקי. אויף זיין געזונטען, טונקעלען פּנים האָט דאָס שיסען פון די הארמאטען ארויס־גערופען א צורייצטע נייגעריגקייט, זיינע שווארצע אויגען האָבען גע־לויכטען, און זיין פּנים און זיינע בעלעבטע בעוועגונגען האָבען אויס־געדריקט אַן אונרוהיגקייט, ווי די אונרוהיגקייט פון א יעגער הונד, ווען ער זעהט, אז זיין בעל־הבית נעהמט די ביקס אין האַנד.

— איהר הערט, אסנת, איהר הערט? — האָט לעווינזאָן געזאָגט, מיינענדיג דאָס האַרמאָטען־שיסעריי.

אסנת האָט געשוויגען.

— אוראַי הערט ער. וואָס איז ער איז דען ניט קיין סאָלדאַט?

— זאָגט קאַהאַנאָווסקי פרעהליך.

— און וואָס איז אויף דיר די שמחה? — פרעגט לעווינזאָן אויפ־געגערעגט.

— מען הערט קנאַקען, — ענטפערט קורץ אָב קאַהאַנאָווסקי מיט אַ וואונק.

לעווינזאָן איז געווען דער אינטעליגענט פון פּאָלק. ער האָט פאַר אַלע אידישע סאָלדאַטען בריעף געשריבען און די בריעף געלעזען, דערצעהלט זיי פון פּאָליטיק—און געוואוסט פון אידישקייט. און קאַהאַ־נאָווסקי פערקעהרט איז געווען בעקאַנט אין פּאָלק אַלס גראָבער יונג, וואָס קומט אַרויס פון גראָבע עלטערען. און געוואָהנט איז געווען לעווינזאָן, אַז קאַהאַנאָווסקי זאָל איהם פאָלגען און האָבען דרך־ארץ פאַר איהם. איצט, ביים שיסען פון די קאַנאָנען, ווען ער אַליין, לע־ווינזאָן, איז אַזוי דערשראָקען געוואָרען, האָט איהם קאַהאַנאָווסקי'ס דרייסטיגקייט נאָך מעהר דענערווירט.

— וואָס איז מיט דיר די שמחה אַזוי? דו געהסט אויפ'ן זיכערען טויט. זעהסט, ס'אַרא הנאה ער האָט, מען הערט קנאַקען. פרעה, דיך, פרעה דיך.

— און איך האָב נישט קיין מורא, — שרייט אויס קאַהאַנאָווסקי, איך בין אַ סאָלדאַט און אַלע מיינע ברידער זיינען געווען סאָלדאַטען, און קוים ביזטו אַ סאָלדאַט, מוזט דו זעהן דיך אַרויפצואַרבייטען אויף אַ בענדעל און אויף צווייי, נישט ווי אַראַנאָוויטש, וועלכער האָט זיך די צייהן אויסגעריסען, ווייל ער וויל ניט דיענען, אָדער ווי די אידלאַך ביי אונז אין שטעדטעל, וואָס זיינען אויף גאַנצע נעכט פאַר'ן פּריזיוו און זאָגען תהילים און פייניגען זיך, אַז מען זאָל זיי אין סאָלדאַטען נישט נעהמען. מיין טאַטע האָט געדיענט ביי ניקאָלאַי'ען אין סאָלדאַטען, און מיר פינף ברידער, אַלע האָבען מיר געדיענט אין סאָלדאַטען, און אַז מען האָט מיך גענומען אין סאָלדאַטען האָט מיר מיין טאַטע אַ זאַק געקויפט, אַריינגעלעגט אַ פּאָאַר נייע שטיוועל, אַ פּאָאַר העמדער, אַ נאָדעל מיט פאָדעם און מיטגעגעבען אַ דריי־רובעלדיגען אויפ'ן וועג און

געזאגט: „געה, דיען עהרליך דעם קייסער און העך נאטשאלסטווא, און זעה צו זיין א גוטער סאָלדאט, וועט דיר גוט זיין און אַלע וועלען דיך ליעב האָבען. און אז דו וועסט קומען אין א שטאָדט אריין, זוך דיר אויף אן אָרענטליך מיידעל פון בעל־הבתיש הויז. געה אין הויז אריין, שדכן זיך, וועסטו צו עסען קריגען, די מויד וועט דיר די וועש וואשען, נאר זעה, דו זאָלסט די מיידעל ניט אומגליקליך מאכען, עס איז א אידישע טאָכטער“. אָט וואָס מיין טאטע האָט מיר אָנגעזאָגט, היט איך. איך בין א גוטער סאָלדאָט, כ'האָב געקראגען א בענדעל, נאטשאלסטווא האָט מיך ליעב. אָט אזוי ברידער, האָט מען דיך איינמאָל אבגעגעבען אין סאָלדאטען, טאָ זיי געטריי דעם קייסער!

— אבער פאר וואָס? — צוקאָכט זיך לעווינזאָן — פאר די פראַ־ווּעס, וואָס מען גיט אונז? פאר די פאָגראָמען, וואָס מען מאכט אויף אונז? וואָס מען שיקט אונז פון די דערפער ארוים און מען טרייבט אונז פון די שטעדט, ווי די ווילדע הינד? די גוים געהען אין מלחמה, שלאָגען זיך — זיי ווייסען פאר וואָס: זיי האָבען א פאטערלאנד, א קייסער. —פארוואָס זאָלען מיר דיענען? פאָר וואָס זאָלען מיר זיך דאָס לעבען איינשטעלען? אז מיר וועלען געווינען, וועלען מיר דען עטוואָס האָבען דערפון? אדרבא, מען וועט אונז דערנאָך ניט לאָזען וואָהנען אין די איינגענומענע לענדער.

דער עולם האָט געשוויגען.

— און איך ווייס נישט דארט יאָ פראוועס אָדער נישט פראוועס. איך ווייס נישט מעהר, איך בין א אידישער סאָלדאָט, און איך מוז פאָלגען מיין נאטשאלסטווע. און אז מיין נאטשאלסטווע זאָגט מיר: געה אין מלחמה אריין פאר'ן קייסער און פאטערלאנד, געה איך. איך וועל זיך שלאָגען, ביז עס וועט נאר כח זיין. זאָלען זיי יאָ דערנאָך געבען פראוועס, זאָלען זיי נישט געבען — זאָל אויף זיי די שולד זיין. איך טהו דאָס מייניגע — איך שלאָג זיך פאר מיין פאטערלאנד.

— פאר'ן פאטערלאנד, — שמייכעלט לעווינזאָן און ווענדעט זיך צו לעווין'ען, וועלכער האָט זיך דערוויייל, ווי די האָבען גערעדט, די הענד געוואשען, ארויסגענומען זיך די תפילין, וועלכע ער האָט גע־טראגען ביי זיך, און געשטעלט זיך אין א ווינקעל אריין דאווגען.

— לעווין, ווילסטו זיך שלאָגען פאר'ן פאטערלאנד?

לעווין האָט געראווענט און ניט אבגעענטפערט.

אסנת האָט געקוקט אויף לעווין'ען און האָט איהם מקנא געווען און זיך אבגערופען אין דער שטיל:

— איהם איז בעסער פאר אונז אלע. ער האָט מעהר פאר אונז אלע.

— וואָס מיינט איהר? — פרעגט לעווינזאָן.

— ער האָט א גאָט.

— אָט דאָס איז זיין נאטשאלסטווא, דאָס איז זיין היימאטה! לעווין, — רופט ער זיך אָן צו לעווין'ען וועלכער איז פונקט אויסגע־גאנגען שמונה־עשרה, — וואָס מיינט איהר, לעווין, ווען מען לאָזט אייך יעצט אזוי אב אהיים, און דערפאר זאָלט איהר זיצען טאָג און נאכט אין בית המדרש און דאווגען, הא, וואָס וואָלט איהר געוואלט? א שטיקעל הארטען־רמב"ם אדער פאר „פאטערלאנד געהן א כפרה ווערען, הא?

— נו, זעהסטו שוין, וועלכעס איז דעם איד'ס נאטשאלסטווא, וועלכעס איז דעם איד'ס היימאטה, — זאגט ער צו קאהאנאָווסקי'ן. א איד האָט ניט קיין היימאטה — די אידישע היימאטה איז דער אידישער גאָט, ניט וואהר, לעווין? — רופט זיך אָן לעווינזאָן, וועלכער איז מיט א מאָל פרום געוואָרען.

— אוודאי אזוי, — שטימט איין לעווין, — אלע פעלקער האָבען מלכים בשר ודם'ס, און אונזער מלך איז גאָט.

קאהאנאָווסקי האָט א מינוט געשוויגען, ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען; דער יונג האָט געציטערט פאר אויפרעגונג; נאָך דעם האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאנט, און שרייט אויס:

— אָבער לעווינזאָן, פון וואנען זייט איהר אזוי פרום געוואָרען? איהר האָט דאָך שטענדיג געלאכט פון גאָט.

— עס איז ניט אמת, — זאגט לעווינזאָן — איך האָב קיין מאָל ניט געלאכט פון דעם אידישען גאָט.

נור אסנת האָט זיך א מינוט פערקלעהרט:

— האָט שוין דער איד מיט אן אמת קיין אנדער היימאטה ניט, נאָר די גייסטליכע, געטליכע? איז דער איד מיט אן אמת היימאטהלאָז? און וואָס טהוט דער איד, וואָס גלויבט שוין ניט אין גאָט?... — האָט ער געזאָגט פאר זיך.

עס איז אנגעקומען א בלייכער און א דערשראקענער אראנאַ־וויטש. דאס איז געווען א הויכער שטארקער יונגער מאן, מיט א מויל אָהן ציינער, וואס האָט ארויסגעקוקט פון זיין געזונד געזיכט ווי אן אויסגעהאקטע פענסטער פון א הויז. צוגעקומען איז ער א שטילער און געזאָגט מיט א טאָן, ווי מען זאָגט אָן דעם טויט.

— איהר ווייסט? מען בעגראבט דאָ אונטער אונזער לאַגער די טויטע אויפ'ן פעלד.

— פון וואנען ווייסטו עס, אראנאַוויטש?

— אַט געהען דאָך די סאָלדאטען ארויס קוקען. מען לאָזט זיי ניט. נאָ, זעהט, פון יענעם בערגעל זעהט מען עס.

זיי האָבען זיך אומגעקוקט און דערזעהן א צעהנדליג סאָלדאטען שטעהען אויפ'ן בערגעל און קוקען אין טהאָל אראב.

— זעהט זיך אויס, אז מיר זיינען אנגעקומען גאר נאָהענט, און היינט־מאָרגען וועט אויסקומען זיך צו שלאָגען. ניט געריכט זיך אזוי גיך — זאָגט לעווין — געמיינט עס וועט פריהער שלום זיין.

— ווערסט, ברודער, געהן אין פראָנט אריין, אין עסטרייכער שי־סען, — קלאַפּט איהם קאהאנאָווסקי אין דער פּלייצע.

— און וואס פרעהסט דו זיך אזוי? — פרעגט איהם אראנאַ־וויטש.

— פאר וואס זאָל איך זיך נישט פרעהען? אונזער קאָמאנדיר האָט געזאָגט, אז עס איז א גרויסער כבוד פאר א סאָלדאט צו געהן אין פראָנט. דער סאָלדאט, וואס געהט אין פראָנט, אויף איהם פער־לאָזט זיך דער קייסער אליין, און דער קייסער אליין ווייס פון איהם — פאר וואס זאָל איך זיך נישט פרעהען?

— גיב נאָר א קוק די שמחה וואס ער האָט, גע'הרג'עט צו ווערען אדער אן אנדער אידען צו הרג'ענען, — ווייזט אויף איהם לעווינזאָן.

— איך פערשטעה נישט, איהר האָט נישט געוואוסט צו וואס מען האָט אייך דאָ אהער געשיקט? — שרייט אוים אסנת, וועלכען ס'האָבען זעהר געריהרט די לעצטע ווערטער, וואס לעווינזאָן האָט געזאָגט, — מיר זיינען סאָלדאטען און מיר זיינען געגאנגען אין מלחמה אריין. מיר ווייסען נישט, ווער דאָרט אויף יענער זייט ליגט, צו א איד, צו א קריסט. מיר ווייסען נאָר, אז דאָרט אויף יענער זייט ליעגט דער שונא, — דער שונא פון אונזער לאנד. און דער סאָלדאט, וואס שיסט

נישט דארט אהין, דער איז א פעררעטהער פון זיין לאנד און איהם קומט די שטריק. קאהאנאווסקי, איהר האט רעכט, גיט די האנד, מיר וועלען אין איינעם שיסען די עסטרייכער און מיר וועלען זיך פערדיענען דעם גענערגיעווסקי, איהר האט רעכט, ביזטו איינמאל א סאלדאט, מוזטו זיין א גוטער סאלדאט. אז נישט, איז עס נישט נור בלויז א שאנדע פאר זיך, נאר א שאנדע פאר דער גאנצער נאציאן, פון וועלכער דו קומסט ארויס.

— זעהט איהר, מיט דעם האט איהר רעכט, — זאגט אראנאַוויטש, — מיר, אידישע סאלדאטען, דארפען זיך גוט שלאגען, כדי זיי זאלען נישט קענען זאגען, אז אידען זיינען פחדנים. מיר דארפען זיך שלאגען און ארויסווייזען מוטה, כדי צו ווייזען די אנטיסעמיטען.

— נישט פאר די אנטיסעמיטען, — שרייט אויס אסנת — דארפען מיר זיך שלאגען, נאר פאר אונז אליין. דערפאר ווייל מיר זיינען מענשען, און מיר ווילען, אז מען זאל אונז פאר אזעלכע האלטען.

— אודאי, אודאי דארף מען געטריי דיענען דעם קייסער, — רופט זיך צום לעצט אויך אן לעווין, — דער רב האט מיר אנגעזאגט, ווען איך האב זיך מיט איהם געזעגענט, אז איך זאל געטריי דיענען דעם קייסער, עס איז א גרויסע מצוה און א חוב.

אלע האבען א מינוט געשוויגען.

נאר אראנאוויטש האט נאך געציטערט פאר שרעק און געזאגט מעהר מיט דער האנד, ווי מיט'ן מויל:

— געהט אהין, געהט, זעהט ווי מען בעגראבט. ווי די הינד בעגראבט מען זיי. זעהט, זעהט, — האט דער יונג אויסגעשריען אין ציטערניש, פערמאכענדיג די אויגען.

— אודאי וועלען מיר געהן, — רופט זיך אן קאהאנאווסקי. — קומט, אסנת, איהר געהט זעהן, ווי מען בעגראבט די עסטרייכער ?

— אודאי גהע איך, — האט זיך אסנת אויפגעהויבען.

— ווארט, איך גהע אויך מיט, — שמייכעלט לעווינזאן, — לאמיר זעהען, ווי מיין קבורה וועט אויסזעהן, — האט ער זיך אויפגעהויבען.

— מען טאר נישט רעדען אזוי, — האט לעווין אין דער שטיל געזאגט.

— נו, און דו, אראנאָוויטש, קומסט מיט? — האָט קאַהאַנאָווסקי געשמייכעלט צום בלייכען יונגען מאַן.

זיי זיינען ארויף אויפ'ן בערגעל. דארט זיינען שוין געשטאַנען פיעל אנדערע זעלנער און האָבען אראבגעקוקט אויף א ברייטע פעלד. פון דערווייטענס האָבען זיי געזעהן פריש אויפגעגראָבענע ערד אין לאַנגע, לאַנגע שורות. אידען אין שווארצע קאַפּאָטעס, מיט קליינע אידישע היטעלעך, זיינען געשטאַנען מיט שאַפלען אין די הענד און האָבען פערדעקט די ערד. נעבען זיי זיינען געשטאַנען סטראַזשניקעס מיט ביקסען אין די הענד, און אָנגעיאָגט די אידען צו דער ארבייט. פיעל זעלנערשע זאכען, קליידער, ביקסען, זיינען געלעגען ארום דער אויפגעגראָבענער ערד, און זעלנערשע פוהרען זיינען ארומגעפאָהרען און אויפגעקליבען די זאכען. דאָס גאַנצע פעלד איז צוטראָטען, ארום די בוימער ליגען אבגעבראָכענע צווייגען, האַלב אבגעשאָסענע שטאַמען. די פערוואונדעטע בוימער האָבען מעהר דערצעהלט פון דער גרויסער הריגה, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען, ווי די אָנגעוואָרפענע זאכען אויף דער ערד. עס האָט עפּעס אויסגעזעהן, ווי די בוימער, געבראָכען אין מיטען בעסטען בליהען, וואָלטען געווען קינדער, וואָס ווייסען גאָר נישט, פאַר וואָס און צו וואָס דאָס איז אַלעס פאָרגעקומען, און זיי האָבען געמוזט שטעהן אויף איין אָרט און ניט געקענט אוועקגעהן.

נאָר לאַנג קוקען האָט מען די סאָלדאַטען נישט געלאָזט. מען האָט זיי פון בערגעל אראבגעטריבען: נאַטשאַלסטווע האָט מורא געהאַט, אז דער טויט זאָל נישט אבשרעקען די יונגע מלחמה־לייט.

אז אסנת מיט די חברים זיינען צוריקגעקומען אויף זייער פריהער־דיגען אָרט, האָבען זיי געטראָפען אראָנאָוויטש'ן זיצען מיט לעווין'ען. לעווין האַלט א סידור אין האַנד און זאָגט תהילים, אראנאָוויטש בויגט אויך זיין קאָפּ אין סידור אריין און זאָגט נאָך לעווין'ען וואָרט ביי וואָרט, ווי א תלמיד נאָך'ן רבי.

דאָס האָט אויף די סאָלדאַטען געמאַכט א ווילדען איינדרוק. זיי האָבען געקענט אראנאָוויטש'ען, וועלכער האָט שטענדיג געלאַכט פון לעווין'ס פרומקייט און אפטמאָל געשטערט איהם צו דאַוונען און אָנגע־רעדט איהם פון קעסעל צו עסען. אראָנאָוויטש זאָגט מיט אמאָל תהילים! זיי האָבען אַלע דערפיהלט אין דעם תהילים־זאָגען דאָס

ערנסטקייט, וואס קומט אָן, און זיי זיינען זיך צוגאנגען יעדער אהן ווערטער, נישט וועלענדיג זיי שטערען.

---

אסנת איז געווען אויפגערעגט דעם גאַנצען טאָג און איז ארומגעגאנגען א ניערערגעשלאגענער און נישט געקענט געפינען זיך קיין ארט. ניט דער טויט אויפ'ן ברייטען פעלד האָט אויף איהם גע־מאכט דעם איינדרוק, נאר ער האָט פערלארען דעם טעם פון זיין שריט, וואס ער האט זיך אליין אבגעגעבען אין סאָלדאַטען. צוערשט האָט ער איהם אויך נישט ריכטיג פערשטאַנען, נאר ער האָט געפיהלט, פאר וואס ער טהוט דאָס. יעצט האָט ער דאס געפיהל אויך פערלארען, און עס האָט זיך איהם גערדאכט, אז עס איז געווען אַ נארישקייט. דאָס געשפרעך מיט לעווינזאן'ען האָט איהם דערמאָנט אַן פיעלע סצענעס פון אידישע בעליידיגונג, ווי מען טרייבט זיין פאטער פון דעם וואלד, וואס ער האט געקויפט. דער פאטער, דער גרויסער וואלד־סוחר, איז פערשריבען פאר אַ סוביעקט ביי אַן ארימען שיכור'ן גוי, וועלכען ער צאָהלט דערפאר וואכען־געלד... פיעלע סצענעס, נישט פון כעס. נאר פון קליינליכע נקמה און שלעכטקייט... און אפשר האָבען זיי רעכט, אז דער איד האָט ניט קיין פאטערלאנד, און וועט עס קיינמאָל ניט האָבען, און זאלען די פעלקער עסען איינער דעם צווייטען, וואס געהט עס דעם איד אָן? ער דארף זיך בעהאלטען אין קעלער און מיט א גלייכגילטיגער מינע צוקוקען, ווי ער געהט איבער, ווי א שקלאף פון איין האר צום צווייטען. ווארים וואס איז דער חילוק, ביי וועלכען פריץ ער וועט זיך מאטערען?...

און עס איז איהם געווען א שאד נישט זיין יונג לעבען, וואס ער האָט איינגעשטעלט אין סכנה פאר גאר נישט, נאר זיין געפיהל. עס האָט זיך איהם גערדאכט, אז נאטשאלסטווא אליין לאכט פון איהם, וואס דער איד אסנת האָט זיך א פריווילעגער אַנגעגעבען אין סאָלדאַטען מלחמה צו האַלטען פאר זיין „פאטערלאנד“.

---

**אסנת איז געלעגען אויפ'ן פעלד און צוגעקוקט ווי אראנאָוויטש, קאַהאַנאָווסקי און נאָך א סך אידישע סאָלדאַטען, פון וועלכע ער האָט**

געוואוסט, אז זיי האָבען קיינמאָל ניט געדאַווענט — קומען צו לעווין'ען. דאס דאַוונען ווערט וואס א מאָל מעהר ווארימער און פרומער. לעווינזאָן, דער אינטעליגענט, דער וואס האָט תמיד געלאכט פון גאָט, קומט אויך צו, נעהמט אויך א סידור אין האַנד אריין, — ער איז אויך פרום געוואָרען; און אראנאָוויטש וויינט. מען זעהט, ווי דעם יונג גיסען זיך די טרעהרען און ער פערקרימט דאָס פּנים, ווי ער וואָלט גרויס רחמנות געקראָגען אויף זיך אליין.

די קופּקע סאָלדאַטען ווערט שטילער; לעווין זאָגט הויך אויפ'ן קול ודוי, און אלע סאָלדאַטען זאָגען איהם נאָך, קלאַפּען זיך אין הארץ. א טהייל וויינען, א טהייל זיינען פערקלעהרט און א טהייל שווייגען, נור אלע זיינען ערנסט. נאָך דער ודוי האָבען זיך די סאָלדאַטען געקושט איינער מיט'ן צווייטען און געגעבען זיך די הענד, און עס זעהט ביי זיי אויס, ווי עס וואָלט געווען יום כּפּור צו כּל־נדרי.

לעווינזאָן קומט צו.

— נו, אסנת, גיט אהער די האַנד און זייט מוחל, כאָטש איהר גלויבט נישט אין דעם.

אסנת האָט איהם שטיל־שווייגענדיג די האַנד געגעבען.

נאָך'ן דאַוונען ביי די רוסישע און נאָך ודוי ביי די אידישע סאָלדאַטען איז אויפ'ן פעלד אביסעל לייכטער געוואָרען. די סאָלדאַטען האָבען אויפגעלעבט, געוואָרען עפּעס מונטערער, און איינער האָט זיך ברודערליך מיט'ן אנדערען אדומגענומען. דעם מיטאָג האָט מען גענעסען אינאיינעם, אין גרופּעס, און די רוסישע און אידישע סאָלדאַטען האָבען זיך געהאַלטען אין איין קושען און געזונגען מיט אנאַנדער, איינער האָט דעם צווייטען גליק געוואונשען, און א גרויס ברודערשאַפט האָט געהערשט אויפ'ן פעלד. אויך די אָפיצערען און דער פּאָלקאָווניק אליין זיינען אריין צווישען די סאָלדאַטען, געקושט זיך מיט זיי און געזעגענט זיך. די אָפיצערען זיינען אויך צוגעגאַנגען צו די אידישע סאָלדאַטען, געזעגענט זיך מיט זיי, און גרויסע ברודערשאַפט האָט געהערשט צווישען זיי. ארבוזאָוו, אביסעל שיכור פון אויפרעגונג, איז צוגעגאַנגען צו לעווין'ען, געקושט זיך מיט איהם, מיט נאָך אנדערע אידישע סאָלדאַטען און געהאַלטען אין איין רעדען:

— בעט'ס צו אייער גאָט, בעט'ס, אידישע סאָלדאַטען, ער איז אונזער גאָט אויך, זאָל ער אונז העלפען, זאָל ער אונז מציל זיין.

און צו די חברים, די רוסישע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען צוגעקומען מיט איהם, האָט ער גע'טענה'עט:

— יעדער האָט זיין גאָט און זיין ארט בעטען צו איהם.

— עס איז נאָר דאָ איין גאָט אויף דער וועלט פאר אונז אלע — האָט א אידישער סאלדאט געזאגט.

— נאר איין גאָט, — האָבען די רוסישע סאָלדאַטען מיטגע־שאָקעלט.

— נו, לאָמיר זיך געזעגענען, ברידער.

— אלע זיינען מיר ברידער.

און די אידישע סאָלדאַטען האָבען זיך צוקושט מיט די רוסישע, מיט די „דיאַדקעס“, מיט די „דענשטשיקעס“.

— דו האָסט איהם נעכטען בעליידיגט, — זאגט ארבוזאוו, ווייזענדיג אויף לעווין'ען, צום סאלדאַט, וואָס האָט נעכטען אריינגעשטופּט א שטיק פלייש אין לעווין'ס מויל, — געה, איוואַנאָוו, געה, בעט איהם איבער, האָסט איהם בעליידיגט.

— בעט איהם איבער, איוואַנאָוו, בעט איהם איבער, — האָבען די אַנדערע סאָלדאַטען מיטגעשאָקעלט.

עס איז ארויס איוואנאָוו, דער גרויסער, שטאַרקער גוי, א פּער־שעהמטער, און דערלאַנגט לעווין'ען די האַנד.

— קוש זיך מיט איהם, — האָט ארבוזאוו געשריען, — צוקושט זיך.

איוואַנאָוו האָט זיך צוקושט מיט לעווין'ען.

— אָט אזוי איז רעכט, — האָבען די סאָלדאַטען צוגעשטימט.

---

אסנת איז געלעגען אויפ'ן פעלד אליין. ער האָט געזעהן דאָס ברודערשאַפט און די אמת'ע מענשליכקייט, מיט וועלכע דער שוידער־ליכער טויט בינדט צו איין מענשען צום צווייטען, און ער האָט ניט געקענט קיין אָנטהייל נעהמען אין דעם. עס האָט איהם פערדראָסען אויף זיך, וואָס ער קען נישט אראָבוואַרפען פון זיך דאָס גאַנצע קלעהרען און ווי לעווינזאָן זיך ארייננוואַרפען אין דער אלגעמיינער ברודערשאַפט און אין איין מינוט אַן אלעס פערגעסען. ער האָט אויך געוואָלט צו־קושען זיך מיט די סאָלדאַטען, נאר ער האָט ניט געקענט. איהם האָט

זיך געדאכט, ווען ער וואָלט דאָס געטהאָן, וואָלט דאָס געפיהל ניט געווען קיין עכטעס, און ער וואָלט זיך עפּעס געוואָלט צו׳חנפ׳ענען צו די סאָלדאַטען. אליין האָט ער זיך געפיהלט, ווי דאָס הארץ איז אויך געווען איבערלאָפען, און איהם האָט זיך אויך געוואָלט אין דעם מאָמענט, איידער מען געהט אוועק אפשר זיך ניט מעהר צו זעהן איינער מיט׳ן צווייטען — וועמען די האנד צו דריקען. נאָר ער האָט קיינעם ניט געהאָט. דעם אינטעליגענט לעווינזאָן האָט ער פיינד געהאָט און לעווין איז געווען צו רעליגיעז פאר איהם. נאָר לענגער ליגען אליין אויפ׳ן פעלד האָט ער שוין ניט געקענט. די סאָלדאַטען האָבען איהם שוין בעמערקט און ער האָט מורא געהאַט, אז מען זאָל איהם ניט האלטען פאר א בעל גאוה. ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז אוועק פון די אידישע סאָלדאַטען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן קאהאַנאָווסקי׳ן און געזאגט צו זיך: יאָ, מיט איהם דארף מען זיך געזעגענען. ער איז איהם געגאנגען זוכען. צום סוף האָט ער איהם געפונען. יענער איז געזעסען מיט אראנאָוויטש׳ען אין א ווינקעל און עפּעס אין איהם אריינגערעדט. אראנאָוויטש האָט שוין יעצט ניט געוויינט, נאר געזעסען און געטרייסעלט זיך פאר שרעק. די אויגען זיינע האָבען אויסגעדריקט א אָהן־האָפענדיגע פערצווייפלונג, און ער האָט געשאקעלט אויף זיך אליין מיט׳ן קאָפּ. קאהאַנאָווסקי איז געזעסען נעבען איהם, געטרייסט איהם און מיט איהם גערעדט.

— אָט איז אסנת אויך דאָ, — זאגט ער צו אראנאָוויטש׳ען, — ער איז געבילדעטער פון אונז און איז א רייכערער פון אונז, אָט געהט ער אין קריעג און האָט גאר ניט קיין מורא, און קיינער פון די סאָלדאַטען האָט ניט קיין מורא. זעהסטו ווי מוטהיג זיי זיינען. מיר אלע געהען. דו מוזט דאָך האָפען, אז דו וועסט לעבען, און אז דו וועסט יענעם שיסען, וועט דיר קייז קויל ניט טרעפען. מוטהיג מוז מען זיין. ביזט דאָך ניט קיין קינד.

— אָבער איך האָב דאָך אָ קליין מיידעל אין דער היים און איך וואָלט אַזוי געוואָלט זעהן ווי זי וועט אויפוואקסען, ווי זי וועט אויסזעהן ווען זי וועט גרויס זיין. איך וואָלט אַזוי געוואָלט זעהן — און איך וועל זי שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט זעהן. — האָט דער יונג געזאגט אין אָן אונענדליכע פערצווייפלונג.

— אבער, אראנאָוויטש, מיר אלע האָבען דאָך טאַטעס מיט מאַ־

מעס! מען שטאַרבט דאָך נאָך ניט, וואָס טהוט זיך מיט דיר? קוק אויף מיר, קוק אויף אסנת, אויף אנדערע אידישע סאָלדאַטען.

אז קאַהאַנאָווסקי איז אוועק פון אראַנאַוויטש'ען, איז אסנת צו־געגאַנגען צו איהם און געזאגט מיט אַ מאָדנעם שמייכעל:

— נו, קאַהאַנאָווסקי, גיט די האַנד, אפשר וועלען מיר זיך שוין מעהר ניט זעהן. איהר זייט דאכט זיך אין דער זיבעטער ראָטע?

— יאָ, — האָט קאַהאַנאָווסקי אָבגעענטפערט. דערביי איז ער אויך בלייך געוואָרען און געגעבען די האַנד.

— איהר האָט וועמען? — האָט אסנת געפרעגט.

— איך האָב אַ כלה, וואָס איך ליעב זי.

— זיינט איהר גליקליכער פון מיר: איך האָב קיינעם ניט.

— קיינעם ניט?

— יאָ, אַ קליין שוועסטעריל, וואָס איך ליעב זעהר.

— גיט איהר דאָס קייטעל, אז איהר וועט אהיים קומען, — זאָגט קאַהאַנאָווסקי, און נעהמט אַראָב זיין קייטעל פון זייגער.

אסנת האָט עפּעס געזוכט אין זיינע קעשענעס, וואָס איהם צו געבען. ער האָט גאָר נישט געפונען, נאָר דאָס קליינע בענדעל, וואָס זיין שוועסטערל האָט איהם מיטגעגעבען אַלס אנדענקען. עס איז איהם אָבער אַ שאָד געווען דאָס אוועקצוגעבען. ער האָט זיך דערמאָהנט אָן זיין גאָלדענעם זייגער, די מתנה פון זיין פאָטער צו זיין ענדיגען גימנאַזיום. האָט ער איהם ארויסגענומען פון ראַנעץ און אוועקגעגעבען קאַהאַנאָווסקי'ן.

זיי האָבען זיך צוקושט און זיינען זיך צוגאַנגען.

אסנת איז אריין אין פּאַלאַטקע, ארויסגענומען פון זיינע זאַכען דאָס האַנד־טוך, וואָס ער האָט זיך מיטגענומען פון דער היים, אז ער זאָל עס האָבען נעבען זיך, ווען ער וועט דאַרפען (ער האָט ניט געוואָלט שטאַרבען אויף אַ פּרעמדע טוך אָדער אויף זאמד), ארומגעוויקעלט דאָס האַנדטוך ארום האַרץ, געמאַכט זיך גרייט אין וועג אריין.

אין אַ האַלבע שעה ארום האָט דער פּאָלק דאָס קרוינס פעלד פער־לאָזט און איז געגאַנגען אין פייער אריין.

---

זיי זיינען געגאנגען איבער'ן פעלד, וואס זיי האבען פריהער גע־זעהן פון בערגעל. אויף דעם פעלד האט געמוזט נעכטען עהער־נעכטען פארקומען א גרויסע שלאכט. דאס גאנצע פעלד איז געווען צוטראטען, צופאהרען; עס זיינען געווען אנגעווארפען דא און דארט לאנגע רייהען פריש אויפגעגראבענע ערד. ארום האבען זיך געשאקעלט די האלב־אב־געבראכענע בוימער, וואס זיינען געשטאנען אין זייערע אבגעשאסענע, נאך גליהענדע צווייגען, ווי הרוגים אין זייער בלוט. עס איז געווען א בוריקעס־פעלד, און עס איז נאך ניט געווען אבגערייניגט פון די בוריקעס. די רויטע און ווייסע בוריקעס זיינען געווארען ארויס־געקאפיעט פון דער ערד מיט די טריט. זיי זיינען געלעגען האלב צו־טראטען, און דאס גרינס אויף זיי האט זיך ווי שמאטעס געוואלגערט אונטער די פיס. צווישען זיי האבען זיך ארומגעוואלגערט הפקר זעל־נערשע קליידער, היטלען, ראנצעס, ביקסען, שווערדען, טהייל מאל א מענש, און טהייל מאל אן אבר פון א מענשען... אלטע פויערים, פויערטעס, שיקסעס האבען די בוריקעס אויסגעקליבען צווישען די אנגעווארפענע זאכען און צונויפגעלעגט אין קופעס, און אידען, אין שווארצע קאפאטעס מיט קליינע היטעלעך, האבען צווישען די בוריקעס צונויפגעקליבען די טויטע קערפערס און געטראגען זיי אין די פריש־אויפגעגראבענע גריבער. די גאנצע בוריקעס האט מען געקליבען אין קופעס צום נוצען, און די צוטרעטענע זיינען געבליבען אויפ'ן פעלד אינאיינעם מיט די מענשליכע גופים צו בעמיסטיגען די ערד...

די סאלדאטען זיינען געגאנגען שווייגענדיג, כאטש מען האט גע־הייסען זינגען. דא און דארט האט זיך געהערט אן איינצעלנע שטימע, נאר קיינער האט ניט אונטער געכאפט דאס געזאנג, און די איינצעלנע שטימע איז אויך צום סוף אנטשוויגען געווארען. זיי זיינען אנגע־קומען צו די גרויסע גריבער, ביי וועלכע די אידען מיט די שאפלען זיינען געשטאנען. די אידען האבען זיך אויף א מינוט אבגערוקט, געשטעלט זיך אן א זייט און האבען מיט די שאפלען אין איין האנד אבגעגעבען דעם פאלק „טשעסט". די סאלדאטען האבען אנגעהויבען צו שפרינגען איבער איינע פון די גריבער, זעהענדיג אינוויניג קופעס סאלדאטען, אנגעלעגט איינער אויפ'ן אנדערען, א טהייל נא־קעטע, א טהייל אין זעלנערשע קליידער, טויטע פנים'ער האבען ארויס־געקוקט מיט אפענע קליינע גאאיווע אויגען. די טויטע ערנסטע פנים'ער

האבען זיך ווי ארויסגעריסען פון די גראבע זעלנערשע קליידער. א טהייל סאלדאטען האבען זיך אויף א מינוט אבגעשטעלט קוקען אין גרוב, אבער די אנדערע הינטער זיי האבען זיי באלד אבגעשטופט. אזוי זיינען זיי אריבערגעשפרונגען איבער דעם טויטען־גרוב.

זיי האבען אויפ'ן וועג אנגעטראפען גרויסע שווארצע לעבער וואס האבען אויסגעזעהן פון דער ווייטענס ווי בלאטעס. אז זיי זיינען אבער צוגעקומען צו די לעבער און אריינגעקוקט אין די בלאטעס, זיינען זיי אפגעשפרונגען: זיי האבען דערינען דערזעהן עפעס ווי א אפ־געשטאנען געקעכטס... אויפגעריסענע מענשליכע אינגעווייד אינאיינעם מיט פערדישעס. פון א שווארצער צונויפגעקאכטער מאסע, וואס זיי האבען נישט געוואוסט, וואס דאס איז אזוינס, האבען ארויס־געשטארט מענשליכע פנים'ער, מענשליכע אברים און פון אויבען אויף איז אן אויפגעריסענער פערד מיט די אינגעווייד ארויס געלעגען אויף דעם אלעמען...

צוערשט האבען זיי אזוינע שווארצע גריבער געטראפען איינציג־ווייז, נאר וואס אמאל זיינען זיי געדיכטער געווארען. דאס גאנצע לאנד איז געווען פול מיט אזעלכע בלאטעדיגע גריבער, און די סאלדא־טען האבען זיך געמוזט זוכען א וועג צווישען זיי. זיי האבען געוואוסט אז די גריבער ווערען געמאכט דורך די באמבעס פון די שווערע האר־מאטען פון דעם שונא, נאר יעדער איינער האט זיך עפעס געטרייסט, אז איהם וועט אזא שווארצע בלאטיגע גרוב מיידען. פאר וואס — האט קיינער ניט געוואוסט, אבער די יונגע געזונדע לעבענס האבען פרא־טעסטירט און נישט געוואלט אונטערגעהען אין אזא ברודיגען קעסעל. וואו דער טויט איז אזוי שמוציג: זייערע פאנטאזיעס האבען זיך פארגעשטעלט א פרייען און בעסערען טויט...

די זונן האט זיך אנגעהויבען צו זעצען ביי'ם עק הימעל: דער לאנדשאפט איז געווען א גלייכער, א ברייטער, און דער הימעל איבער'ן לאנדשאפט איז געלאפען רונדיג ארום, און דער גאנצער זוים פון'ם הי־מעל איז געווען בעגאסען מיט א רויטען ליכט, וואס האט רויטליך אבגע־שפיגעלט אומעטום.

דאס לאנד האט זיך ביי'ם עק הימעל געבלייכט, עס האט זיך עפעס וואס געוויזען, וואס מען האט נישט געקענט פון דערווייטענס אונטער־שיידען, צו דאס זיינען הייזער, בערג אדער ווייטער וואלד. וואס נעהנ־

טער מען איז געקומען, האָט זיך דייטליכער ארויסגעוויזען, אז דאָס זייגען וואלקענס רויך. וואס געהן אויף פון דער ערד אין הימעל אריין. די סאָלדאטען האבען פערשטאנען, אז דארטען איז עס. ביי א טהייל האבען די הערצער אנגעהויבען שטארקער צו קלאפּען, א טהייל זיינען שוין גלייכגילטיג געווארען. דער וועג איז יעצט גראדע געווען א בע־סערער, די גריבער האבען זיך שוין מעהר ניט געוויזען, אויף די לאנגע שורות אויפגעגראבענע ערד האבען זיך געזעהן זעלטענער, נור פון צייט צו צייט איז אויסגעקומען איבערצושפּרינגען א טוידטען זעלנער, וואס איז געלעגען א פערלאָזענער אין פעלד. דער טוידטער זעלנער, מיט דעם ביקס אין דער האנד און דאָס, וואָס מען האָט איהם אָנגעטראָפען אזוי פּלוצלונג, אונערווארטעט — דאָס האָט נאָך מעהר אָבגעשראָקען, ווי די שווארצע גריבער. די פאַנטאַזיע ביי יעדען סאָלדאט האָט גע־ארבייט: איך קען אויך אזוי זיין ווי ער...

דער וועג איז שווערער געווארען, די ערד שרעקליך צוטראטען און צופאהרען, די זעלנער זייגען געגאנגען אין טיעפער זאמדיגער ערד דורכ־געפלאכטען מיט אזא מין גראז, ווי קוניטשיגע, וואס האט זיך געבונדען אן די פיס. עס איז אויך טונקעלער געווארען, עס איז אבער געווען פיעל היימישער און פערהיליכער. מען האָט אָנגעטראָפען פיעל, פיעל וועגען, פערד, אויטאמאבילען. הויכע גאָמשאָלסטווא איז געשטאנען אויף א בערגעל און גערעדט. מען האט זיך מיט אמאל ארומגעזעהן, אז מען איז זעהר, זעהר פיעל, און נישט זיי אליין געהען, נאר פון אלע זייטען קומען אן פאלקען, סאלדאטען און סאלדאטען: פיעכאטע, רייטערס, ארטילעריע. זיי האָבען ניט געוואוסט, פון וואנען דאָס האָט זיך גע־נומען מיט אמאל אזוי פיעל סאלדאטען, נור זיי האט זיך געדאכט, אז די גאנצע וועלט און די גאנצע ערד איז פול מיט זיי, ווארים וואו דאס אויג האט נור געקענט דערגרייכען, האט מען געזעהן און געהערט אונזעריגע. פאקלען האבען געברענט. ליכט־ווארפער האבען געשיינט. בעלויכטען אמאל דא און אמאל דארטען, און וואו זיי האבען געווארפען זייער ליכט, זייגען בעלויכטען געווארען סאלדאטען. פון דערווייטענס האט זיך געהערט א בעשטענדיגעס שיסען: קראד: קראד, קראד, נאר עס האט שוין קיינער דאס ערשט ניט בעמערקט און נישט געהערט. דאס שיסען איז פערטויבט געווארען אין דעם רעש פון די סאלדאטען. פון די וועגען און פערד, פון די אויטאמאבילען וואס זיינען פערביי־

געפלויגענ ווי די טייוואלים, איז פרעהליך געווען. און מען האט שוין גאר נישט זיך געשראקען און מורא געהאט. אזוי פיעל אנדערע!

נאר זיי האט מען נישט אפגעשטעלט אויף א מינוט. זיי זיינען דורך אין דעם רעש, צווישען דעם געיאג פון די סאלדאטען, איבערגע־גאנגען א דארף, וואו די הייזער זיינען געווען צוגעשלאסען, די לאדען פערהאקט, קיין מענש האט זיך נישט געזעהן. נור אין עק האט זיך דער שפיץ פון די קירכע געברענט און קיינער האט נישט געלאשען.

זיי זיינען אנגעקומען אונטער דעם דארף — האבען זיי פלוצלינג דערזעהן פאר זיך א שווארץ פעלד, בעוואקסען מיט עפעס: עפעס שטעהט פאר זיי, ווי בוימער אדער ווי מענשען. נאר עס איז אזוי טונקעל אז מען זעהט נישט.

פלוצלינג פאלט איבער'ן קאפ דער שיין פון א ליכט װארפער. עס בעלייכט זיך א װאלד אין גרינעם, מען זעהט אינ'ם ליכט, ווי די בלעטער רוישען, איינצעלנע סאלדאטען שטעהען איבער א לאנקע. באלד ווערט ווידער פינסטער, און פלוצלינג פליהט עפעס פערביי אין דער לופטען איבער די קעפ.

ער רוישט און קאכט אויף די לופט, און וויל דעם קאפ ארונטער־רייסען. מען הערט, ווי עס פאלט און גיט א טעמפען קלאפ אן דער ערד. בוימער פאלען...

מען געהט ווייטער, אז אויטאמאביל פליהט פערביי, ווי א שד װאלט געריטען... טריט פון פערד הערען זיך נאהנט, מען זעהט נישט ווער, מען ווייס נישט וואס... עס איז פינסטער. די פיס קלאפען זיך אן עפעס אן, מען ווייס נישט אין וואס. אין א שטיין, ניין, עס איז ווייך, עפעס אן אונבעקאנטע זאך...

עס איז פינסטער. מען געהט ווייטער. פלוצלינג פאלט א ליכט איבער'ן קאפ. מען זעהט די חברים ווי ביי טאג: ארנאוויטש'עס הויכער בלייכער פנים — די אויגען ווערען פערבלענדט. מיט אמאל א ווינד איבער'ן קאפ, און עפעס פאלט...

עס ווערט א קליינער רעש, זעלנער פאלען אין א גרוב אריין. חברים נעבען דיר פאלען, די פיס גליטשען זיך. נאר מען געהט ווייטער. ווידער גיט עס א בליטץ אין די אויגען און א ווינד איבער'ן קאפ. דער קאפ וויל פון קערפער ארויספליהען, און עפעס פאלט אריין. חברים ווערען אריינגעזויגען, מען הערט רופען: גאט, ראטעווע... נאר מען געהט

ווייטער, ווייטער, — ביז מען קומט אן צו גריבער. דארט געפינען זיך שוין אונזערע. מען הייסט זיך לייגען אין די גריבער. גראבען נייע, און אלע סאלדאטען ווארפען זיך אויף דער ערד.

ארום איז שטיל. מען הערט יעצט שארף אין דער שווארצער נאכט דאס קראכען פון שיסען, און איבער די קעפ פליהט ליכט פערביי און נאך דעם — א רוישען, ווי מען וואלט די לופט אויפגעוואכט.

לאנג זיינען די זעלנער אין די גריבער געלעגען, בעשיצענדיג זיך די קעפ מיט זאמד. פון דערווייטענס האבען זיך געזעהן קליינע, קליינע פייערלאך — דארט איז דער פיינד. נאר מען האט אנגעזאגט, אז מען זאל נישט שיסען, ביז מען וועט נישט הייסען, ווארים עס האט זיך געהאנדעלט וועגען אויסנארען דעם שונא פון זיין פערפעסטיגטער פאזיציע. מען האט געדארפט, דער שונא זאל גלויבען, אז אונזערע, אויף וועלכע ער האט ביי טאג אנגעשטעלט זיין שווערע ארטילעריע, האבען אבגעטראטען. דערווייל האבען אונזערע ביינאכט שטילערהייד פערמעהרט זייערע קרעפטען, כדי אזוי ווי דער שונא וועט נאר וואגען ארויסצוטרעטען פון זיין פאזיציע צו מאכען א טריט נעהנטער, זאלען זיי איהם נעהמען אויף די באיאנעטען, ווארום אין אזא קאמפף האבען זיך אונזערע געפיהלט א סך שטארקער. אבער די סאלדאטען האבען זיך דאך נישט געקענט איינהאלטען און איבערגעטוישט זיך פיש'ן פיינד מיט איינצעלנע שיסע, וואס האבען ווי טויטע עכא'ס אבגעקלונגען אין דער פינסטערער נאכט.

אז אסנת האט זיך געפונען אין זיין גרוב, האט ער דערפיהלט עפעס ווייכעס אונטער זיך. ער איז אין דער ערשטער מינוט אויפגעשפרונגען פאר שרעק, דערנאך האט ער דערהערט אונטער זיך א קול: „האב רחמנות, ברודער". ער האט זיך צוגעבויגען און דערזעהן א סאלדאט אונטער זיך:

„גיב צו טרינקען, ברודער, — האט יענער געקרעכצט, — איך שטארב פאר דורשט".

ער האט איהם דערלאנגט זיין פלאש, פון וועלכער דער קראנקער זעלנער האט געטרונקען.

„וואס איז דיר, ביזט פערוואונדעט?" — האט איהם אסנת געפרעגט, — פאר וואס האבען זיי דיר פון דאנען נִיט אוועקגענומען?"

— „נישטא קיין צייט, קיינער איז נישט געקומען פרעגען. אלע אונזערע דא אין גרוב זיינען טויט אדער פערוואונדעט — א גאנצען טאג זיינען די באָמבעס געפאלען, ווי די דונערס פון הימעל. גאָט'ס קללה, ברודער, גאָט'ס קללה איז אויף דער וועלט אויסגעגאסען געווארען''.

— און ווי אזוי האט מען אונז אריינגעלאזט טרעטען אויף מענשען, אויף לעבעדיגע מענשען? — האט אסנת אויסגעשריען.

— מיר האבען אויך געטראטען אויף מענשען. נא זעה, אונטער מיר ליגט אויך ווער. א גאנצען טאג איז ער נאך ווארעם געווען, דאס וואסער מיינס האָט ער אויסגעטרונקען: דאָס גאַנצע העמד האָב איך איהם אין דער וואונד פערשטעקט. יעצט איז ער שוין קאלט. דאס בלוט איז איהם אויסגערונען. פון פארנאכט אן איז ער קאלט, גאט האט אויף איהם רחמנות געהאט. א קאטאליק געווען, וואלעסטין סטעכאוויטש האט ער געהייסען, פון 87טען סטרעלקאווען פאלק, געדענק עס גוט. ער האָט מיר געבעטען פאַר'ן טויט, אז איך זאָל זיין נאָמען געדענקען און איבערגעבען אין פאלק, אז מען זאָל זיין מוטער שרייבען. יעצט וועל איך דיר דעם נאמען איבערגעבען: געדענק איהם, איך האב איהם גע'חזר'ט אַ גאַנצען טאָג. און מיינעם געדיינק: איוואַן מאלאַ־דעץ, פון 14טען סטרעלקאווען פאלק, 6טע ראטע. געדענק איהם גוט, געדענק איהם...

— דו וועסט נאך לעבען, ברודער! אונזערע זיינען געקומען, פיעל זעהר פיעל, מיר וועלען פאר אייך אלע נקמה נעהמען!

— ניין, ליעבער ברודער, ניין. איך וועל עס שוין ניט דורכלעבען — קרעכצט דער קראנקער סאלדאט. — דו אפשר יא, איך שוין ניט! דאס גאנצע בלוט רינט ארויס. אט לויפט עס פון דער זייט איבער דער האנד, ווי א ווארימער טייכעל. און קיין וואסער איז שוין ניטא. דיינס איז אויסגעטרונקען און עס דורשט שוין ווידער.

— לאז, וועל איך איהם ארויסטראגען פון גרוב, וועט דיר בעקוועמער זיין צו ליגען, — זאגט אסנת.

— ניין ברודער, טהו דאס ניט, דא איז ער זיכערער! אין דרויסען וועלען איהם די גראנאטען אזוי צוהאקען, אז גאט וועט איהם ניט דערקענען, גאט'ס געזיכט וועלען זיי צושטערען. אין הימעל וועט ער ניט קענען ארויפקומען. לאז איהם ליגען. עס איז א רחמנות.

— וואו האסטו די וואונד, גיב אהער. איך וועל זי דיר פערבינדען — זאגט אסנת.

— שוין ניטא מיט וואס: אלעס, וואס איך האב געהאט האב איך צוגעלעגט, נאס, דאס בלוט לויפט. אלעס איז שוין פארנעצט.

— איך האב ביי מיר א האנדטוך — זאגט אסנת און ציהט ארויס דאס היימישע האנדטוך, וואס ער האט געהאט ביי זיך די ברוסט צו פערבינדען, — גיב אהער.

דאס האנדטוך האט אבער ניט געהאלפען. דארט, וואו די וואונד איז געוועזען איז ארום און ארום, אויף דער ערד, אויף די קליידער און אויפ'ן קערפער געווארען א פערגליווערטע מאסע, וואס האט פערבונ־דען דעם קערפער מיט דער ערד. אין א מינוט ארום האט שוין דאס האנדטוך געהערט צו דער פערגליווערטער מאסע.

אסנת האט זיך דערפיהלט מיט דעם פרעמדען סאלדאט פערבונדען דורך דעם, וואס ער האט איהם אפגעגעבען זיין האנדטוך. און דאס געפיהל האט איהם גוט געטהאן. ער האט זיך קיינמאל ניט פערגע־שטעלט, אז א מלחמה איז אזוי שרעקליך און אכזריות'דיג, נאר עס האט איהם אויף איין מינוט ניט באנג געטהאן וואס ער האט דערקענט די שרעקען פון מלחמה.

שטאלצער און צופריעדענער איז ער געוועזען יעצט מיט זיך, קיין שפור איז ביי איהם יעצט ניט געבליבען פון דעם מיאוס'ען געפיהל און פון דעם אבערגלויבען, וואס האבען איהם געמאטערט בייטאג. איצט האט ער שוין ניט איבערגעקלעהרט און ניט נאכגעגריבעלט, נור ער איז געלעגען אין דער פינסטערער נאכט און געפיהלט די ערד אונטער זיך, די שווארצע, קאלטע ערד, און ער האט דאס געפיהל געהאט, אז פאר קיינעם איז ער ניט געגאנגען אין דער מלחמה אריין, נאר פאר די ערד דא. פאר די ערד, אויף וועלכער ער איז געבארען געווארען און זיין פאטער'ס פאטער איז געבוירען געווארען, און אויף וועלכע זיי האבען זיך תמיד געפונען. — פאר איהר און צוליעב איהר ליעגט ער דא יעצט אין גרוב, ניט לאזענדיג קיינעם זי אוועקנעהמען. דאס פער־בינדעט איהם מיט דעם קראנקען סאלדאט דא, וואס ער קען איהם ניט. און וואס ער איז מיט איהם אפשר שונאים. און וואס ער האט אפשר אמאל איהם אדער זיינע ברידער בעליידיגט, אדער גאר אנטהייל גענומען אין די פאגראמען אויף אידען. דאס פערבינדעט איהם מיט

דעם סאלדאט, דא, וואס זיי ביידע, ניין, זיי אלע דריי — ער האט זיך דערמאָהנט אן וואלענטין סטעבאוויטש — געהן בעשיצען דעם שפּאן ערד, אויף וועלכען זיי זיינען אלע דריי געבוירען געווארען.

ער האט געקוקט אויף דער שווארצער נאכט, וואס ליגט אויף דער ערד, און עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער געהט בעפרייען זיין שפּאן ערד פון דער שווארצער שרעקענדער נאכט. פון דערווייטענס האבען זיך אלץ געוויזען די פיינדליכע פייערלאך, וואס פינקלען ווי די אויגען פון א גיפטיגער שלאנג, וועלכע קריכט אויף דעם האלז פון זיין מוטער. ער, אסנת, איז געקומען בעפרייען דער מוטער פון דער גיפטיגער שלאנג. ער האט דאס געפיהל געהאט, אז די ערד איז קראנק; דורך דעם איז זי אזוי שלעכט צו איהם, ווייל עס קריכט אויף איהר די שלאנג. מען דארף זי בעפרייען פון די גיפטיגע ברענענדיגע פייערלאך, וואס ווייזען זיך פון דער ווייטענס. יעצט האט ער געפיהלט אין זיך די קראפט און דעם מוטה דארט אהין צו געהן און צוטרעטען די פייערלאך מיט זיינע פיס. ער האט געפיהלט, אז ער איז יונג און שטארק און ער האט די קראפט זיין קראנקע מוטער פון דער גיפטיגער שלאנג צו בע־פרייען.

אזוי איז ער אפּגעלעגען א האלבע נאכט אין גרוב, פערבראכט אין די געדאנקען, און געקוקט אין דער שווארצער נאכט, אין די פייער־לאך געגענאיבער. דער קראנקער סאלדאט האט ניט אויפגעהערט צו קרעכצען און צו בעטען וואסער. אסנת האט שוין איבערגענומען די פלאשען וואסער פון זיינע שכנים, נור דארטען האבען זיי אויך געהאט קראנקע חברים, וועלכע זיינען געשטארבען פון דארשט. א געוויסע צייט איז דער קראנקער גאר פערשטילט געווארען: עס האט זיך גע־דוכט, אז ער איז איינגעשלאפען. אסנת האט איהם ניט געוואלט וועקען. פלוצלינג, אין א צייט ארום, רופט ער זיך אפּ:

— ברודער, איך פיהל: עס איז שלעכט, צלם מיך, פאר'ן טויט.

אסנת האט געקלעהרט א מינוט, נע'צלמ'ט דעם קראנקען און זיך אנגערופען: איך בין ניט קיין קריסט, נור דאַד...

א מינוט האט דער סאלדאט געשוויגען.

— וואס, א מוסולמאן? — פרעגט פלוצים דער קראנקער סאלדאט.

— ניין, א איד, — האט אסנת אבגעענטפערט.

— א איד, — האט דער קראנקער סאלדאט ווי געזאגט פאר זיך.
— נו, אלץ איינס. איין גאט איז דא אויף דער וועלט. קוש דיך מיט מיר. עס טהוט באנג אליין צו שטארבען.
אסנת האט זיך צוקושט מיט איהם.
— און פארגעס ניט וואלענטין סטעבאוויטש א קאטאליק, און איוואן מאלאדעץ א פראוואסלאווני, חזר איבער, וועסט פארגעסען.
— און אסנת מאיר א איד, — האט אסנת געזאגט פאר זיך.
דערויף איז דער סאלדאט שטיל געווארען.
אין א האלבע שטונדע ארום האט אסנת דערפיהלט א קעלט. ער האט זיך איבערגעדרעהט און אנגעשטויסען אויפ'ן קראנקען סאלדאט, נאר דער לעצטער האט זיך שוין גאר ניט אפגערופען. אסנת האט איהם געשטופט מיט דער האנד און געפרעגט: „וואס איז דיר? דו הערסט?" ער האט ניט געענטפערט. אסנת'ען האט א שרעק ארומ־גענומען. ער האט זיך אינסטינקטיוו אפגערוקט פון דעם טויטען, אבער ליגען רוהיג האט ער שוין ניט געקענט. עס האט זיך איהם זעהר געוואלט זעהן דאס געזיכט פונ'ם סאלדאט. דורך דער גאנצער צייט וואס יענער האט גערעדט מיט איהם, האט ער געהאלטען זיין פנים איינגעגראבען אין דער ערד, אבער אסנת האט מורא געהאט צו צוקעהרען זיך צו איהם, כאטש ער איז געווען זעהר נייגעריג. א צינדר־העלצעל אנצינדען האט ער ניט געטארט: מען האט אנגעזאגט אז מען זאל זיך ניט דערוועגען אנצוצינדען קיין ליכט, כדי דער שונא זאל ניט וויסען, וואו זיי געפינען זיך. צום סוף האט ער דאך אויפ־געהויבען דעם קאפ פון טויטען חבר און געקוקט איהם טיעף אין פנים אריין ביים שוואכען ליכט פון די שטערן. ביינאכט, אינ'ם אונקלאה־רען ליכט, האט ער אויסגעזעהן ווי ארבוזאוו פון זייער ראטע, און עס האט זיך אסנת'ען געדאכט, אז דאס ליגט ארבוזאוו נעבען איהם...
די רעשט נאכט האט ער פערבראכט אין קעלט און אין געפיהל פון פערלאזענקייט...

---

מיט די ערשטע מארגען־שטראהלען האט זיך אנגעהויבען דער לאנדשאפט צו בלייבען. צוערשט האט אסנת דערפיהלט א פייכטקייט ארום, וואס ער האט ניט געוואוסט, צי עס איז טהוי אדער עס איז בלוט

פון'ם טויטען סאלדאט. דערנאך איז דער ראנד פון הימעל רויט גע־ווארען און אלעס איז געווען בעדעקט מיט א נעבעל. באלד האבען זיך פון נעבעל אנגעהויבען ארויסווייזען פעלדער, איינצעלנע בוימער, דער־נאך א הויכער וואל אנגעשאטענע ערד מיט ווייסע הייזלאך. באלד איז אבגעגעבען געווארען דער בעפעהל צו שיסען. עס האט זיך אנגע־הויבען א שיסעריי פון גאנצען פראנט. די אויערען זיינען פערטויבט געווארען פון דעם קנאקען, די חושים פערשטאפט. מען האט גאר ניט געפיהלט, גאר ניט געוואוסט. נאר דאס אויג האט געזעהען א ווייסען שטריך און אהין האט מען געציעלט. עפעס איז געפלויגען איבער'ן קאפ, אין די זייטען — נאר קיינער האט אויף דעם ניט אכטונג געגעבען. ווי אין א חלום האט מען נאר געהאט דעם בעוואוסטזיין פון א דורכ־פליהען, ווארים אלע געפיהלען זיינען געווענדעט צום ווייסען שטריך ביי די בערגלאך.

אין א צייט ארום האט מען געגעבען דעם בעפעהל איבערצולויפען א פאאר מעטער צו די נעקסטע גרובען. אסנת האט געזעהן, אז אנדערע סאלדאטען לויפען, איז ער אויך נאכגעלאפען און אריין אין די צווייטע גרובען, וואס די זעלנער פון זיי זיינען ארויס און ווייטער געלאפען, שפעטער האט מען ווידער אנגעהויבען צו לויפען. אסנת האט זיך מיט אנדערע סאלדאטען געווארפען אויף דער ערד, אויסגעגראבען א גריבעל און אנגעשאטען א בערגעל כדי צו פערשטעלען זיין קאפ, און האט ווידער געציעלט.

אסנת האט געקוקט אויף דער פאהן פון זיין פאלק, וואס איז גע־גאנגען פאראויס אין דער מיט. וואוהין די פאהן איז געגאנגען, אהין האט ער געוואוסט, דארף ער אויך מיטגעהן. דאס בעוואוסטזיין איז ביי איהם געווען, און ער האט אלעס נאכגעטהאן. אבער געפיהלט האט ער גארנישט: אלע זיינע חושים זיינען געווען געווענדעט צו איין ציעל. די פאהן האט זיך אלע ווילע אויפגעהויבען איבער די קעפ און געלאפען פאראויס, ער נאך איהר. אבער יעדעס מאל זיינען אלץ ווייניגער זעלנער געלאפען נאך איהר: זיי זיינען איינגעזונקען געווארען אין די גריבער, וואס האבען זיך געעפענט אונטער זייערע פיס. באלד זעהט ער, ווי די פאהן בויגט זיך, פאלט אויף ארונטער צו דער ערד. עפעס פליהט איהם אין קאפ פערביי דער געדאנק:

לעווין מיט'ן טלית־קטן, די אידישע פאהן, יעדער איד ווערט

בעגראבען איינגעוויקעלט אין פאהן... און ער לאזט זיך לויפען פון זיין גרוב צו דער פאהן. עפעס פליהט פערביי, עס גיט א ברען, ווי ער וואלט זיך אבגעבריהט... ער לויפט ווייטער. ער האט דאס געפיהל, אז ער לויפט ראטעווען עפעס זעהר א נויטיגע זאך, נישט קיין מענשען, נאך מעהר פון א מענשען, און אז ער וועט דאס ראטעווען, וועט ער האבען געראטעוועט די ערד אונטער זיך. ער לויפט. עפעס פליהט ווידער פערביי, עס גיט ווידער א ברען; ארום קאפ צינדט זיך עפעס אן א הייסער רייף, נאר ער פיהלט דאס נישט, איהם דאכט זיך אז ער הויבט אויף די גאנצע ערד אונטער זיך מיט אלע איינגעזונקענע סאלדאטען, ער פאכט מיט דער פאהן איבער'ן קאפ און לויפט ווייטער.

ווייטער יאגט עפעס פערביי, עס גיט ווידער א ברען. יעצט דאכט זיך איהם שוין, אז דער קאפ ברענט איהם, עס ברענען די האאר, עס ברענט דאס פנים, נאר ער לויפט. ער קוקט זיך ארום, אויב ווער לויפט מיט איהם. ער זעהט קיינעם נישט הינטער זיך: אלע זיינען ווי איינגעזונקען אין דער ערד. און אט איז ער שוין באלד ביים ווייסען שטריך; פון דארטען ריהרט מען זיך, ער זעהט, ווי מען הויבט אן צו לויפען צו איהם. א סעקונדע בלייבט ער אליין שטעהען אין פעלד, מיט דער פאהן אין האנד. קיינער איז נישטא ארום, אלעס איז איינגעזונקען. און דער קאפ ברענט ביי איהם, אט וועט זיך באלד אויך די פאהן אנצינדען און ברענען.

פון דער ווייטענס ווינקט ווער, מען טראמייטעט. ער דערמאהנט זיך, אז ער לויפט צום פיינד. אט זעהט ער שוין, ווי די קליינע מענשעלאך דארטען הויבען אן לויפען צו איהם, זיי קומען וואס נעהענטער. ער דרעהט זיך אום און הויבט אן צוריק צו לויפען מיט דער פאהן.

איבער'ן קאפ פליהען פייערלאך, עס בריהט ווידער. פול מיט לעכער אין דער ערד, פול מיט גריבער. אין א גרוב דארט ליעגט אויסגעשפרייט א טלית־קטן. ער וויל אנהויבען שרייען: לעווין! נור ער שפרינגט איבער די גריבער מיט דער פאהן אין דער האנד. אט האט ער זיך שוין אויסגעגליטשט, נאר ער לויפט אלץ ווייטער.

עפעס ווערט איהם לייכטער, לייכטער; עס דאכט זיך איהם, אז ער האט פליגעל געקראגען; און ער לויפט מיט דער פאהן פאראויס און נאך איהם פליהען די סאלדאטען, אויף פייערדיגע פערד פליהען זיי

און ער האט אויך א פייערדיגען פערד. ער שפרינגט אריבער מיט זיין פערד די טויטע שווארצע גריבער.

אט האט ער מיט אמאל געגעבען א פאל אראב פון פערד, ער וויל זיך אויפהויבען, לויפען, ווייטער לויפען... אויף דער ערד אראב... נור ער איז שוין געווען אויסער'ן פייער. צוויי סאלדאטען האבען איהם געכאפט אונטער'ן ארים און צוגעטראגען איהם מיט דער פאהן אין האנד, בעלאפען מיט בלוט פון קאפ ביז די פיס, צום גענעראל.

דער גענעראל האט ארויסגערעדט צו איהם, אבער ער האט ניט פערשטאנען. ער האט געקלערט וועגען דעם, אז שפרינגענדיג איבער די גריבער האט ער דערזעהן עפעס צוגעדעקט מיט א טלית קטן. דער טלית־קטן האט ארויסגעקוקט צווישען א סך פנים'ער...

אז ער האט אויפגעעפענט די אויגען, האט ער זיך געפונען אין א גרויס פעלד, פול אנגעשטעלט מיט בעטלאך. זעלנער אין ווייסען אנ־געטהאן קוקען ארויס פון אלע בעטלאך. עס איז א גרויסער טומעל; פון אומעטום הערט זיך קרעכצען. ערגעץ דארט אין א ווינקעל קלאנגט א סאלדאט הויך אויף'ן קול. אסנת'ן האט זיך געדאכט, אז ער געפינט זיך אויף'ן שלאכט פעלד און אז די סאלדאטען אין ווייסען האט מען אוועקגעלעגט אין די „טרענשעס" אין די בעטלאך. ער האט געקוקט אויף'ן באלקען און האט געווארט אז עס זאל פון דער הויך עפעס אראב־פאלען, און א אינערליכער אינסטינקט האט איהם באוואויגען אז ער זאל זוכען נעבען זיך דעם ביקס. ער האט זיך האסטיג א ריהר געטהאן — און מיט אמאל האט ער דערפיהלט א שטאך אין קאפ, אין די זייטען, אין די פיס ווי מען וואלט איהם מיט שפיזען געשטאכען. ער איז געבליבען ליגען רוהיג, גלייכגילטיג און דער קאפ און דאס הארץ איז געווען פוסט.

עס האט ווער גערעדט צו איהם פון דער צווייטער בעט.

— סאלדאטשיק, פון וועלכען פאלק? פון וועלכער שלאכט?

ער האט פערשטאנען די פראגע, דאכט זיך אז ער האט עפעס אב־געענטפערט, נאר יענער סאלדאט האלט אלץ איין איבערפרעגען:

— סאלדאטשיק פון וועלכען פאלק? אין וועלכער שלאכט? וואס דו הערסט נישט?

— א קאטאליק, א רוס, און א איד, האט אסנת געשטאמעלט פאר זיך, אזוי אז יענער האט נישט געהערט.

באַלד איז צוגעקומען צו איהם אַ מיידעל, אַנגעטהאָן אין ווייסען (אַלעס האָט ביי איהם אין די אויגען אויסגעזעהן ווי סאָלדאַטען), און האָט גערעדט צו איהם פּשוט אידיש:

— איהר וועט לעבען, אסנת, איהר וועט לעבען. דער פּראָפעסאָר אַליין גיט זיך אָב מיט אייך. די אָפּעראַציע איז גליקליך דורך. די דאָקטוירים גיבען זיך אַלע מיה.

אסנת האָט נישט פערשטאַנען וואָס זי רעדט און זיך געוואונדערט.

ער האָט אויסגעטרונקען פון איהר האַנד עפּעס אַ געטראַנק. די אויגען זיינען איהם ליכטיגער געוואָרען און ער האָט דערקענט אַז ער געפינט זיך נישט אויף אַ פעלד, נאָר אין אַ גרויסער, גרויסער שטוב אָנגעשטעלט מיט בעטלאַך.

— וואו בין איך? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— איהר געפינט זיך אין וואַרשויער אידישען האָספּיטאַל. מיר אַלע ווייסען דאָ פון אייך, די צייטונגען האָבען געשריעבען פון אייך. איהר זייט אַ העלד, אסנת, אַ העלד, מיר אַלע זיינען שטאָלץ מיט אייך.

אסנת האָט נאָך נים ריכטיג פערשטאַנען איהרע ווערטער, נאָר ער האָט זיך געפיהלט גוט, ווען די מיידעל האָט גערעדט צו איהם.

— און דער גובערנאַטאָר אַליין איז געקומען פרעגען אויף אייך, דער גענעראַל און היובע נאַטשאַלסטווא, אַלע קומען זיך נאָכפרעגען אויף אייך. אַט האָט מען אייך אויפגעהאַנגען דעם „געאָרגיעווסקי" צוּקאָפּענס, דער גענעראַל האָט איהם געבראַכט און האָט איהם אַליין אָנגעהאַנגען איבער אייער בעט. מיר אַלע זיינען שטאָלץ מיט אייך, אסנת, וואָס איהר זייט אַ איד. אַלע אידען פרעהען זיך.

אסנת האָט יעצט אָנגעהויבען צו פערשטעהען, נאָר ער האָט געהאַט עפּעס אַ מאָדנע געפיהל. איהם האָט זיך געדאַכט, צייט ער איז געקומען צו זיך, אַז עפּעס פעהלט פון איהם, אַ שטיק פון זיין קערפּער פעהלט, — נור נישט דאָס דאָס איהם אַזוי געאַרט. ער האָט געהאַט דאָס געפיהל, אַז דאָס שטיק אָבער, וואָס פעהלט פון איהם, ציטערט, בעוועגט זיך, זוכט צוריק זיין אָרט, און דער ציטער איז דאָרט, וואו זיינע פיס זיינען געוועזען...

ער האָט פּאַמעלאַך אין דער שטיל געטאַפּט מיט זיין האַנד אונטער זיין קאָלדרע, און עפּעס אַ מאָדנע זאַך: ער האָט זיינע פיס נישט געקענט געפינען... דאַכט זיך, אַט זיינען זיי דאָ, ער פיהלט זיי... זיי

ציטערן... נור וואו זיי זיינען, ווייס ער נישט. עפּעס זיינען זיי בע־האלטען אין אן אנדער ארט. עס איז איהם אזוי וואונדערליך פאר־געקומען: ער ליעגט אין איין בעט און די פיס זיינען אין א צווייטע בעט... קען מען דען פיס אוועקנעהמען פון לייב?... און פונדעסטוועגען פיהלט ער זיי דאך... ער פיהלט דעם נערוו... עס קיצעלט איהם אין קליינעם פינגערל פון זיין לינקען פוס און ער וויל קראַצען. ער זוכט מיט דער האנד, פאמעלאך, פאמעלאך די פיס...

וואס אמאל ווערט עפּעס בולטער דער געדאנק. ער ציטערט אויף, פרעגט דאס מיידעל אונרוהיג:

— וואס, מען האט מיר די פיס אבגעשניטען?

דאס מיידעל איז בלייך געווארען, צוויי גרויסע טרעהרען האבען זיך איהר בעוויזען אין איהרע אויגען. זי האט אנגעבויגען איהר קאפּ אויף זיין געזיכט און געקושט זיין שטערען. איהרע טרעהרען האבען נאס געמאכט זיין געזיכט און זי האט געמורמעלט פאר זיך:

— איהר זענט א העלד, אסנת, איהר זענט א העלד.

נאר באלד איז צוגעקומען דער דאקטאר, ער האט געזעהען די סצענע פון דערווייטענס, ער האט אראבגענומען דעם געארגיעווסקי צלם פון וואנד און איבערגעגעבען איהם אסנת'ן, זאגענדיג מיט א פייערליכען טאן:

— דער גענעראל האט מיך בעאויפטראגט דאס אייך איבערצוגע־בען אין קייזער'ס נאמען ווען איהר וועט קומען צו זיך.

אסנת האט א מינוט געהאלטען דעם שטאלענעם צלם אין האנד: אונטער דער קאלדרע האט ער אלץ נאך געפיהלט דעם נערוו פון די אבגעשניטענע פיס... ער האט געקלערט: וועט ער שוין טאקע נישט קענען געהן? און ער האט דאך דאס געפיהל, אז אט שפּרינגט ער ארויס פון בעט, אזוי לעבעדיג פיהלט ער זיינע פיס....

---

אין א פּאאר וואכען ארום האט מען אסנת'ן ארויסגעלאזט פון האספיטאל. ער איז דורך דער צייט אויס מיוחס געווארען: עס זיינען געקומען אנדערע אזעלכע העלדען, ווי ער, און די אויפמערקזאמקייט האט זיך איבערגעטראגען צו זיי. דורך דער צייט האט ער זיך אביסעל צוגעוועהנט צו זיינע צוויי הילצערנע פיס און צו זיינע צוויי קוליעס.

מיט וועלכע ער האט זיך אנגעהויבן בענוצען נאך אין האספיטאל. די געוועזנהייט צו לעבעדיגע פיס האט זיך אויסגעלאשען און האט זיך ביסלעכווייז אנגעהויבן איבערצוטראגען אויף די הילצערנע פיס. ער האט זיי ליעב געקראגען... אפטמאל האט ער געהאט א מאדנע גע־פיהל: דער נערוו פונ'ם לעבעדיגען אדער האט אנגעהויבן ציטערן אין דעם קאלטען האלץ — און ער האט דאס האלץ ליעב געקראגען.

לאנג פערבלייבען אין האספיטאל האט ער ניט געקענט: אויף זיין ארט האבען געווארט הונדערטער און טויזענדער. מען האט איהם איבערגעשיקט אין א קלענער שטעדטעל, ווייט ארויף אין רוסלאנד. דארט איז ער אויך נאך געווען א חידוש. ער האט געווארט ביז דער טאטע וועט קומען און איהם אהיים נעהמען. ער האט איהם שוין איי־ניגע מאל טעלעגראפירט, אבער פון דער היים האט ער נישט בעקומען קיין אנטווארט. געהערט האט ער נאך אין האספיטאל, אז זיין שטעד־טעל יאנאוו, וואס ליגט נישט ווייט פון דער גרענעץ, איז א פאר מאל שוין איבערגעגאנגען פון די רוסען צו די דייטשען און פארקעהרט, און אז דאס שטעדטעל איז חרוב. אבער וואו איז דער טאטע? וואו איז די מאמע? וואו איז די קליינע שוועסטערל?

אידען פון דעם שטעדטעל, וואו ער איז איצט געלעגען, האבען צו־זאמענגענומען א פאאר רובעל און איהם אבגעשיקט אהיים. צוויי וואָ־כען האט ער זיך געוואלגערט אויפ'ן וועג, אין פראכט־וואגאנעס, ביז ער האט זיך דערשלאגען קיין יאנאוו. ער האט דאס שטעדטעל נישט דערקענט: די בוימער פון די פעדער ארום זיינען געווען אויסגע־האקט; די פעלדער און די וועגען פערוויסט; דער מארק איז געווען אבגעברענט; די קוימענס האבען ווי שווארצע שדים ארויסגעקוקט צווישען די ווייסע ווענד. דאָ און דארט זיינען איבערגעבליבען גאנצע הייזער מיט אויסגעהאַקטע שויבען און ארויסגעשטעלטע טהירען. עס האט זיך קיינער ניט געוויזען אויפ'ן גאס, א חוץ א פאאר זעלנער, וואס האבען אין מיטען מארק אנגעלעגט א פייער, געזעסען ארום איהם און געווארעמט די הענד. ער האט געזוכט צווישען די חורבות זיין פאטער'ס הויז און האט פון דערווייטענס דערזעהן די וואנד פון זיין מוטער'ס שלאף־צימער: ער האט זי דערקענט אן די ווייסע טאפעטען: א רעמעל פון א בילדעל איז נאך געהאנגען אויף דער וואנד. דער הויף איז געווען אנגעווארפען מיט שטיקער וואנד. שטיינער, שטרוי האט זיך

ארומגעוואלגערט, און צווישען די שטיינער דער מאמע'ס אטלאסענע קלייד, א שייטעל, א ספר, א צובראכענער טיש.

ער איז אוועק פון דארט און זיך ארומגעדרעהט אין גאס, געזוכט וועמען. ער האט אבער קיינעם ניט געזעהן, נאר א פאאר הונגעריגע הינד האבען זיך ארומגעדרעהט אין מארק און געקוקט מיט משוגענע אויגען און נישט פערשטאנען, פאר וואס איז דאס אלעס געווארען אזוי... אין אן עק גאס האט ער באמערקט דאס אלטע בית־המדרש'ל. ער שטעהט נאך גאנץ, ווי עס איז געווען, און פון די שויבען שיינט א ליכטעל ארויס. ער איז אריינגעגאנגען. פאר'ן עמוד האט זיך איינזאם א ליכט געברענט, און א פאאר אלטע אידען, אין לייכטע צוריסענע קאפאטעס, האבען געציטערט פאר קעלט, פאר שרעק און הונגער ארום דעם קאלטען גרויסען אויווען.

זיין אריינקומען האט די אידען אויפגעוועקט. זיי האבען זיך אנגעהויבען קלייבען ארום איהם, צוערשט מיט שרעק, מיט אונצוטרויען, דערנאך האבען זיי איהם דערקענט און ער האט זיי אנגעהויבען צו דערקענען: ר' יוסף ראזענקראנץ, דער נגיד פון שטעדטעל, ר' חיים סאכאטשעווער, דער מחותן. ער האט זיי קוים דערקענט: בעלי־בתים זיינען דא פריהער געווען, די שעהנסטע אידען פון שטאדט. איצט זעהען זיי אויס ווי אורחים, ווי ארימע לייט.

א מינוט האבען זיי אלע געשוויגען. ר' יוסף האט זיך געווישט די אויגען מיט אן ארבעל און געזאגט:

— אזוי, אסנת, אזוי זעהן מיר אויס!

— און וואו איז דער טאטע? — האט אסנת געפרעגט.

די אידען האבען געשוויגען, איינער דעם אנדערען אנגעקוקט.

פלוצים האט זיך ליב שמש אבגערופען:

— וואס איז דא צו בעהאלטען? ער דארף עס וויסען. ער דארף קדיש זאגען. אסנת, דער טאטע לעבט נישט.

— פאר וואס? — האט אסנת אויסגעשריען.

— זיי האבען איהם זיין רעכט געטהאן. קוים ארויסגעקריגען דעם גוף צו קבר ישראל.

— ווער?

— די קאזאקען.

— האבען זיי איהם געשאסען?

— נאך ערגער.

— וואס? זאגט! — שרייט אסנת.

— זיי האבען איהם צום טויט געשמיסען!

אסנת האט זיין ליפ געביסען און איז שטיל געווארען.

א לאנגע צייט האבען זיי אלע געשוויגען.

— און וואו איז די מאמע?

— די מאמע איז אויבען אין דער ווייבער־שוהל מיט די ווייבער. אונזערע ווייבער קאבען פאר אונז אויבען אביסעל געקעכטס.

עס איז נישט אוועקגעגאנגען קיין צוויי מינוט, און פון דרויסען האט זיך דערהערט א ווילד געשריי, ווי א חיה וואלט געשריען, ווען מען פערוואונדעט זי: דאס איז געווען אסנת'ס מוטער, וואס איז אריין אין בית המדרש מיט א ווילד, אויסגעמאטערט געזיכט. זי האט שוין אויבען געהערט, אז איהר קינד איז צוריקגעקומען, און האט אנגעפילט דעם גאנצען בית־המדרש'ל מיט א ווילד־מוטערליך געשריי.

— מיין קינד, מיין קינד איז צוריקגעקומען!

זי האט זיך געווארפען אויף איהם פון איין זייט, דאס שוועסטערל פון דער צווייטער זייט, און א לאנגע צייט האט זי קיין ווארט פון מויל נישט געקענט ארויסברייגנען.

פלוצים האט זי דערזעהן די הילצערנע פיס, און מיט א שטארקען אימפעט האט זי זיך געגעבען א ווארף צו דער ערד און ארומגענומען די הילצערנע פיס און געשריען מיט נישט קיין מענשליך קול:

— זעהט, זעהט וואס זיי האבען פון מיין קינד געמאכט! מיינע פיס, מיינע גאלדענע פיס!! — און זי האט די הילצערנע פיס געקושט. ארומגענומען, געדריקט זיך צו זיי מיט איהר פנים און בעגאסען מיט מוטערליכע טרעהרען.

אסנת איז געשטאנען ווי א דונער וואלט איהם געטראפען. ער האט געריסען דעם שטאלענעם קרייץ פון זיין מונדיר און געהאלטען איהם אין האנד און געזאגט ווי פאר זיך:

— איז דאס ווערטה א טאטע, א מאמע? איז דאס ווערטה א פאאר פיס, צוויי לעבעדיגע פיס?

און ער האט דעם צלם'על ווייט אוועקגעווארפען פון זיך.

אסנת האט געהאט דאס געפיהל ארויסצורייסען דאס צלמ'ל פון דער ברוסט און אוועקצוווארפען. ער האט זיך אבער דערמאהנט,

אַז דאָס איז ניט געווען פאַר זיי. — ניט פאַר זיי האָט ער זיך געשלאָגען נאָר פאַר זיך אַליין — פאַר אסנת, האָט ער מיט שטאָלץ די מאַמע געוויזען דאָס צלמ'ל אויף זיין ברוסט:

— די פיס פאַרלאָרען, מאַמאַ, — אָבער דערפאַר אַ מעדאַל געקריגען.

די מוטער האָט אָבער געריסען דאָס צלמ'ל פון זיין מונדיר און געשריען ווי אַ פערוואונדעטע טיער:

— זעהט מענשען. מיינע פיס, מיינע צוויי לעבעדיגע פיס — פאַר אַ צלמ'ל...

# אין א פריהלינגס-נאכט.

(ערצעהלונג)

---

שבת צו־נאכט פאר הבדלה. אין געסעל פאר די פענסטער שפאצירען נאך די מיידלאך, די ווייבער זיצען פאר די טהירען און מאטלען. מאטעל קארעטע איז געזעסען ביי זיין טיש אהן א קאפאטע און האט גערעדט מיט דער ווייב, קוקענדיג פון צייט צו צייט אויף זיין כלה־מיידעל, וועלכע איז געזעסען אין האלבען שאטען און האט ארויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער אין געסעל אריין.

— וואס פעהלט דיר נאך, חנה, הא? און נישט ווארטענדיג אויף קיין אנטווארט, האט ער צוגעלעגט, ווי ער וואלט זיך פלוצלונג דערמאנט — ווייסט וויפיעל חיים׳על האט געטראפען אויפ׳ן זייגער? הונדערט און פופציג קארבונעס, כ׳האב דאך גאר נישט געוואוסט, א 65־ציגער פרואוו, דו הערסט? דאס אידעל האט נישט גענארט — וועט דאס זיין א מתנה, זאג איך דיר, שוין איינמאל!

— מיינסט, אז זיי וועלען זיך פערשטעהען דערויף. זיין מאמעלע וועט עס נאך גאר נישט געפעלען פאר איהר קינד. אז זי האט זיך משדך געווען מיט די פערד־הענדלער. אז דו וועסט זי אפילו אבגילטען, וועסט דו זיך אויך נישט אויסקויפען.

— נו, שוויג, שוויג, ער איז א וואוילער יונג (אין דער שטיל, אז דאס מיידעל זאל נישט הערען). זיי זיינען מיך מקנא מיט׳ן חתן — ווייזט מיט אן אויג אהין צו דער טאכטער — האט געפאקט א קעפעל — די גאל ווערט דאך זיי צופלאצט. מאטעל קארעטע זאל האבען אזא חתן!

— אז זיי זאלען נאר צופלאצט און צוזעצט ווערען, טאטע איי־נער! אז וואס זיי ווינשען אונז, זאל זיי געשעהן. — ווי גרויסע אוי־גען מען האט דאס! מען קען דאס נישט צוזעהן.

— שוין גוט, שוין גוט, אלטע, — קלאפט ער איהר אויף די פליי־צעס — זאלען זיי רעדען, זאלען זיי נור רעדען, און מיר וועלען מיט גאט'ס הילף אונזער קינד אויסגעבען. א נדן געבען, א חתונה מאכען, און אויסשטייער און זאלען זיי צוקוקען און רעדען, וואס ארט עס דיך! נאר — זאג נאר, האסט נור אלעס, וועלען מיר מאכען א שבועות. דו הערסט, כ'האב דעם חזן געזאגט, אז ער זאל מיר א צוויי משוררים'לאך שיקען צום טיש, ווען דער חזן וועט זיין ביי אונז צו גאסט, און ער אליין קען אויך קומען אויף קוגעל, ס'שאדט נישט. ער קריגט כבוד־יום־טוב־געלד.

— גיב נור א פאר רובעל, גיב נור, מען דארף אין געוועלב געהן — שרה'לען דעם זומער קאפעליוש אהיים נעהמען, צום שפאציער.

— שוין צו דער פולער וואך געלד! — זאגט ער מיט האלב גע־בייזער פון געוואהנהייט, ווען דאס וייב רעדט צו איהם וועגען געלד — און געהט צו צום פענסטער, שטעקט ארויס דאס קאפ, זוכט א שטערן. בעמערקענדיג דאס מיידעל, בעטראכט ער זי און זאגט אין דער וועלט אריין: מען דארף שוין באלד דעם וואגען שפאנען, לייב'לען (דעם חתן) אנטקעגען צו פאהרען.

— נו, שרה'לע, וואס קוקסט דו?

— גלאט אזוי, — ענטפערט דאס מיידעל, האלטענדיג איהר שעהן רונדיג פנים'על אנגעלעגט אויף בײדע הענד.

ער נעהמט אז א געקרייזעלט לאקען פון איהרע געקרייזעלטע האהר, וועלכע פאלען איבער איהר פנים און פערשטעלען איהר די אויגען און דעם הויכען בולט'ן שטערן ביז די שארפע שווארצע ברעמען און לאנגזאם וואַרפענדיג אויף איהר בחן'ט פנים'ל א צערטליכען געטרייען פאטער־בליק, פרעגט ער זי:

— נו, שרה'לע, ביזט צופריעדען וואס דער חתן קומט צו גאסט?

א רויטער בלוט פלאם האט געגעבען א שלאג ארויס אויף דעם מיידעל'ס רונדיגע נור געגוג בולט'ע בעקלאך. זי האט מיט איהרע ליפעלאך, וועלכע זיינען נישט גאנץ צוגעגאנגען און האבען שטענדיג ארויסגעוויזען איהרע צייהן, און מיט איהר לענגליך געמבעלע

און שאַרף גענעזל. וועלכער האָט זיך שאַרף געריסעוועט פון איהר גע־זיכט ארויס, אַז אונצופריעדענע גרימאסע געמאַכט. און געדרויטעלט זיך אין גאנצען ביז איהר ווייטען האלז אריין, און איהר פולער רונ־דיגער קארק, און איהר קליינע נור דיקע האלז, וואָס האָבען זיך ארויס־געוויזען פון איהרע האַהר, האָבען זיך אויך געדרויטעלט און אויסגעזאָגט, אַז ווייטער, ווייטער הינטער איהר ווייס שבת'דיג בלוזקעלע מוז נאָך דאָס רויטליכקייט דערגרייכען און צודעקען איהר גאנצען ניעדריגען, נור רונדיגען און אויסגעקנעטען קערפּער'ל.

דער פאָטער האָט איהר אַ גלעט איבער איהרע הערלאָך געגעבען, און געשמייכעלט צופריעדען און גליקליך געזוכט אַ שטערן און גע־זאָגט:

— מען מעג שוין הבדלה מאַכען. חנה, צינד אָן אַ ליכט.

אַנגעצונדען אַ ליכט. די אידענע האָט דאָרט געברומט: „גאָט פון אברהם". דער פאָטער האָט זיך אויך אין אַ ווינקעל געשטעלט, דאָרט עפּעס געזאָגט. דאָס מיידעל האָט זיך ווייטער שטיל־שוויי־גענדיג דורך דער פענסטער ארויסגעקוקט און בעטראַכט מיט אַ שטילע מינע, וועלכע בעהאַלט עפּעס ווי אַ סוד, די שפּאַצירענדע.

ערשט ווען דער פאָטער האָט שוין דעם וויין אין בעכער אריינ־געגאָסען צו הבדלה, האָט ער זי גערופען, אַז זי זאָל די ליכט האַלטען.

דאָס מיידעל האָט מיט דער שמילער מינעלע פון פריהער די ליכט גענומען און דעם פאָטער צו די הבדלה געלויכטען.

ביי דער ליכט האָט מען בעמערקט איהרע אויגעלאָך, וועלכע זיי־נען שוואַרץ און אונרוהיג אין ראַנד פון איהר הויכען שטערן געזעסען און די הייטעלאָך, מיט שאַרפע שוואַרצע הערלאָך האָבען זיך אין גאַנ־צען איבערגעצויגען איבער דער אויג עפּעל, און הינטער איהר אויי־בערשטע ליפּ, וועלכע האָט ניט דערגרייכט צו איהר ווייסע נור עט־וואָס געקרימטע שאַרפע צייהנדעלאָך, האָט זיך אַ מין שטיל לעבעלען ארונטערגע'גנב'עט, ווי אַ שטיל קוואַלכעל וואַסער, וואָס האָט עפּעס בעהאַלטען אין זיך, אַ קליין, קליין, נור אַ אינטערעסאַנט סוד'ל...
איינצייטיג האָבען זיך איהרע הייטעלאָך איבערגעקוקט כשר איבער די אויגען און איהר פּנים'ל האָט אָנגענומען אַן ערנסט פרום מינעלע...

הבדלה געמאַכט, האָט דער פאָטער ארויסגענומען פון שראַנק אַ צעהן־רובעלדיגע, געגעבען עס דער מוטער, אַז זי זאָל מיט דער כלה־

מיידעל געהן אין געוועלב אריין. עס איז געקומען דער פעטער חיים'ל און דער בחור, לייבעלע דעם שדכנ'ס זוהן, וועלכע האבען געווארט אויפ'ן וואגען, אז זיי זאלען פאהרען אנטקעגען דעם חתן, וואס דארף אנקומען פון זיין שטעדטעל צו זיין כלה צו גאסט אויף שבועות, וואס וועט זיין מאנטאג און דינסטאג.

די מאמע מיט דער טאכטער, דאס כלה־מיידעל, האבען זיך אנ־געטהאן, גענומען די שירמלאך אין די הענד אריין און זיינען אוועק־געגאנגען אין געוועלב אריין, קויפען א קאפעליוש אויף שבועות.

עס איז געווען א ליכטיגע פריהלינגס שבת־צו־נאכט אין די שבועות־טעג אין אונזערע קליינע אידישע שטעדטלאך. שפעטלאך איז שוין געווען און די זון האט נאך געהאלטען ערגעץ אין אונטערגעהן, אויסגע־גאנגען לאנגזאם, לאנגזאם, לאנגזאם אין די טונקעלע נאכט אריין. עס האט זיך געהערט די זשאבעס קוויטשעריי אין די וואסערלאך אויף די פעלדער, וואס איז ארום די שטעדטעל, אין די הייזלאך האבען זיך ליכטלאך געפינקעלט. נור דאך זיינען די מענשען אין די גאסען געווען,פאר טהיר און טויערען געזעסען. מאמעס האבען זייערע קינ־דער אויסגעבעט אויף די בענק, אין די רינשטאקען האבען זיך קליינע מיידלאך געשפיעלט, און אינגלאך האבען פון די בוימער כראבאנזשעס געבאפט, אידען און ווייבער האבען אין די געסלאך גערעדט און שניי־דער־מיידלאך האבען אויף די שטאדטס־וועגען שפאצירט, ראמאנען געשפיעלט און איבער דעם אלעם איז די נאכט צוגעפאלען. וויגענדיג זיך צווישען די בלעטער פון די צווייגען און צווישען דעם גרינס פון די פעלדער, און די קנאספען פון אלערליי געבליטהען האבען זיך גע־עפענט און אנגעפילט די נאכט מיט א ליעבען חלומ'דיגען ריח, וואס האט זיך אין שטח געטראגען, און איינגעשלעפט און געוועקט צו א בעהאלטען שטיל... שטיל... לעבען...

זיי זיינען אין בריטען מארק אנגעקומען, מען האט נאך שפא־צירט אויפ'ן טראטואר, אין געוועלב ביי די ווארשאווער קאפעלוש־מאכערין האבען זיי געטראפען אייניגע פון די פיינסטע בעל־הבית'ישע מיידלאך, וועלכע האבען זיך אויך קאפעלושען צוגעקליבען, געווארט אלץ אויף דעם פרייטאגדיגען טראנספארט, וואס דער „שפיליטער" וועט ברייגגען פון ווארשוי, שרה'לע האט זיך לאנג א קאפעלוש צוגע־קליבען, די מוטער האט זיך געוואלט פלינק אפפארטיגען, אהיים

געהן, די פוטער־קוכענס באַקען, אָבער שרה'לע האָט לאַנג, לאַנג זיך געפּאַסט און אַלע האָבען געקוקט אויף איהר, ווי זי האָט מיט איהרע פולע רונדיגע הענדלאַך די קאַפּעלושלעך געמאָסטען אויף איהר קעפּעלע, און געטראַכט זיך אין דער שטיל: די מיידעלע ווייסט וואָס עס איז איהר שעהן.

אהיים געקומען מיט'ן קאַפּעלושעל שוין שפּעטלאַך. דאָס געסעל איז שוין לעער און שטיל געווען, נור וואו נישט וואו האָט זיך הינטער אַ לאַדען אַ שטיל פערטרויען שעפּטשען געהערט פון אַ פּאָר'ל, אָדער אַן אויסגעלאָסען קיכער'ן פון אַ דיענסט־מיידעל, אָדער אַ שוסטער־יונג. איינצעלנע פּאָרלאַך האָבען ווייט אין געסעל שפּאַציערט. אין שטוב ביי מאַטלען האָט זיך שוין גערודערט. די מויד האָט שוין די פּוטער־קוכענס געקנאָטען, די מוהמע האָט איהר צוגעהאָלפען, דער פאָטער מיט'ן פעטער זיינען אין דער גרויסער שטוב געזעסען און האָבען די וואָך־רעכבנונג געמאַכט. די מוטער האָט זיך באַלד אויך גענומען צו דער ארבייט, און דער פאָטער מיט'ן פעטער האָבען זיך געגרייט אין די חברה צו געהן אויף תקון שבועות.

שרה'לע האָט זיך ארומגעדרעהט, האָט געוואָלט מיטהעלפען באַקען און זיך געפרעהט, אַז זי וועט אויך אויף זיין אַ גאַנצע נאַכט, נור די מוטער האָט זיך אויף איהר געבייזערט און זי געיאָגט, אַז זי זאָל געהן שלאָפען.

— געה, שרה'לע, געה שלאָפען, דו וועסט דאָך מאָרגען אויסזעהן בלאָס.

— באַלד, באַלד, מאַמעלע, איך וועל נאָך אביסעלע אויף זיין. עס איז אַזאַ שעהנע נאַכט, אוי, מאַמעלע, איך וועל אביסעלע פאַר דער טהיר ארויסגעהן.

— געדענק אין גאָט, שרה'לע, אַ כלה אַליין ביי נאַכט! וואָס טהוט זיך מיט דיר?

דאָס מיידעל האָט זיך פערשעהמט און לייכט און ליעבליך זיך אָבגעהוסט. באַלד איז דער פּאָטער מיט'ן פעטער אריינגעקומען פון דער צווייטער שטוב. מאַטעל האָט געזעהן ווי מען באַקט די קוכענס, און אין אויווען ברענט זיך, האָט עס איהם הנאה געטהאָן. און ער האָט געקוקט אויף דער טעכטערעל... זי האָט אַביסעל איהר קליידעל מיט מעהל איינגעריכט, האָט ער זיך אָבגערופען מיט אַ ליעבליך געבייזער:

— געה, כלה מיינע, מארגען קומט דער חתן, מוזט זיך גוט אויס־שלאפען, אז דו זאלסט שעהן אויסזעהן, אפשר וועסט דו איהם גאר נישט געפעלען ווערען ?

דאס מיידעל האט זיך פערשעהמט און איז פלינק אין איהר צי־מער אריין ניט זאגענדיג איהרע עלטערען א „גוט ווארט“.

— כא, כא, כא, ווי זי איז אנטלאפען וואו פעפער וואקסט !

— און שטענדיג מוזט דו מיט דיינע שעהנע ווערטעלאך דאס קינד קרענקען — זאגט די מוטער, — האב נישט קיין מורא, זי איז אזוי אויך גענוג שעהן, מעגען אונזערע שונאים צופלאטצט ווערען.

— רעד נישט און גיב לעקאך און בראנפען — מען דארף באלד אין די חברה געהן צו תקון שבועות.

די מוטער איז מיט די מאנספערשוינען אין צווייטען שטוב אריין לעקאך און בראנפען געבען.

אז דאס מיידעל איז געקומען צו זיך אין שטיבעל אריין, האט זי די טהיר פערשלאסען הינטער זיך, אויף איהר בעט זיך געזעצט און אנ־געהויבען זיך לאנגזאם אויסצוטהאן. אויסגעטהאן האט זי זיך אבער נישט, בלויז די קאמאשען פון זיך אראבגעווארפען און צום אפענעם פענסטער צוגעגאנגען און געקוקט אין גערטענדעל אריין, וואס איז אויפ׳ן הויף הינטער דעם פענסטער געווען. די נאכט איז שטיל געלעגען צווישען די בוימער, און האט זיך איינגעקוקט צו די בלישטשענדע שטערן אין הימעל און זיך צוגעהערט צום זשאבען־קוויטשעריי. דער זשאסמין האט געבליהט און דער בעז האט איהר קליין שטיבעל אנגע־פילט מיט פריהלינגס דופט. דאס מיידעל איז פאמעליך אין די זאקען צוגעגאנגען צו דער טהיר, אריינגעקוקט דורך דעם שליסעל־לאך אויב דער פאטער איז נאך דא. דאן האט זי זיך אנידערגעזעצט האלב־גע־קליידעט אויף איהר בעט. געלעגען א לאנגע ווייל. האט זי זיך באלד אבער אין דער שטיל אויפגעהויבען, גענומען א טוך אויף זיך, איינגע־וויקעלט זיך, אז מען זאל זי נישט דערקענען, און מיט גאנץ לייכטע טריט, קוים, קוים ווי געשוועבט, דורך דער ניעדריגער פענסטער אין גערטענדעל אריין ; און ווי א קאץ דורך דער הינטער טהירעל זיך ארויסגעלאזט, אריבער בארפוס איבער דאס שטיקעל פעלד און פלינק אריין אין דאס הויז, וואו עס האט געוואהנט דער יונגער אפיצער, פון דער איינציגער ראטע וואס איז געשטאנען אין שטעדטעל.

עס האט זי אבער בעמערקט גיטעל די שכנ'טע, וועלכע איז פונקט ארויסגעגאנגען אין עמער וואסער אנשעפען. זי האט איהר אין דער שטיל נאכגעקוקט און געזעהן, ווי דאס מיידעל לויפט אריין צו דעם אפיצער אין הויז.

די שכנ'טע איז צו קארעטע'ן אין קיך אריין, גערופען דעם פאטער און מוטער אן א זייט און דערצעהלט זיי וועגען דעם.

דער פאטער האט געגעבען א לאף צו דער מיידעל'ס טהיר און די מוטער האט די אידענע אויסגעזידעלט.

געפינענדיג די טהיר פערשלאסען, איז ער ארוים אין גאס צום פענסטער צו. די מוטער האט דערוויל אנגעהויבען שטארק צו האקען אין טהיר, רופענדיג: „שרה'לע, שרה'לע, עפען, עפען!"

— עפענען וועט זי דיר! — איז דער פאטער געגעבען א לאף אריין. זי איז ביים אפיצער! — און האט געכאפט דעם שטעקען און איז ארוים אין גאס.

— א בראך איז צו מיר — האט די מוטער געשריען איבער'ן געסעל — אן אונגליק האט מיך געטראפען. און מיט'ן טוך איבער'ן קאפ איז זי אויך געקומען צו לויפען פאר דעם אפיצער'ס טהיר.

— חנה, געוואלד, וואס שרייסט דו, מאכסט דאך אונז אונגליקליך! — האט דער פאטער געשריען און איז ארויף צום אפיצער. ער האט אבער אויף די טרעפ א זעלנער געטראפען, וועלכער האט איהם געסטראשעט מיט דער ביקס אין האנד.

דאס שטעדטעל איז נישט געשלאפען. די ווייבער זיינען ביים בעקער געזעסען, האבען פוטער־קוכענס אויף שבועות געבאקט, די מאנספערשוינען אין די חברות אין די שוהל'עכלאך, אדער אין דער היים האבען תקון שבועות געזאגט, געהערט א געוואלד אין געסעל, זיינען זיי פון די הייזער ארויסגעקומען, האבען אויפ'ן הימעל געקוקט. אבער דער הימעל איז נישט רויט געווען, און ס'איז ניט ערגעץ וואו א שרפה געווען. איינער האט דעם צווייטען געפרעגט: „וואו ברענט?" — נור זיי האבען נישט געזעהן קיין רויטען הימעל, האבען זיי זיך בערוהיגט. פאר א הויז האט זיך א איד אין גאטקעס געווייזען, ארומגערינגעלט פון א קופע ווייבער און האט זיי עפעס דערצעהלט. פון א לופטשיק האט א אידענע דעם קאפ ארויסגעשטעקט

און גערופען אין מארק און האט געבעטען זיך ביי די פארבייגעהענדע:
„ליעבע ליים, וואס האט געטראפען? וואס האט געטראפען?"

אז דער עולם האט זיך בערוהיגט, האבען זיי אויסגעשפיגען, וואס זיי זיינען אבגעקומען בלויז מיט שרעק און זיינען צוריק אין די היי־זער געגאנגען.

די נייגעריגע האבען אבער געוואלט דערגעהן, וואס עס האט גע־טראפען. זיינען זיי געגאנגען נאכ'ן קול און זיי זיינען אנגעקומען צום אפיצער'ס הייזעל. דארט האבען זיי געטראפען מאטעל קארעטע מיט זיין ווייב; זיי האבען זיך אביסעל פון דערווייטענס אבגעשטעלט, געשטויסען זיך יא, געשטויסען זיך נישט, און א נייגעריגער האט געפרעגט: „וואס האט געטראפען? וואס איז געשעהן?"

— וואס'אי געשעהן? — וואס האט געזאלט געשעהן? גאר נישט איז געשעהן.

נור אז זיי האבען געזעהן, אז מאטעל און זיין ווייב שטעהען און ווארטען, האבען זיי זיך אויך אנידערגעשטעלט ווארטען.

— וואס ווארט איהר דא? וואס שטעהט איהר דא? וואס איז? האט מאטעל גע'טענה'ט צום עולם.

— גאר נישט, גלאט אזוי.

— גאר נישט, גלאט אזוי — פאשאל וואן! — האט ער געשריען צו די אינגלאך, וואס זיינען געקומען צולויפען.

דערווייל זיינען אנגעקומען נאך אייניגע און האבען געזעהן א קופ־קעלע שטעהט, זיינען זיי אויך געבליבען שטעהן און געפרעגט איינער דעם אנדערען:

— וואס איז געווען פאר א געוואלד? ווער האט עס געשריען?

— ווער האט געשריען? עס האט קיינער נישט געשריען.

דערווייל האט שוין אנגעהויבען צו טאגען, די פעלדער זיינען ענטפלעקט געווארען פון דער טונקעלהייט, פון די וואסערלאך זיינען פארעם אויפגעגאנגען, און דער מארגען־שטערן, וועלכער איז רויט אויפגעגאנגען און צופלאמט א האלבען הימעל, האט געטריקענט די פייכטע ערד, די פויגעלאך האבען געשפרונגען אויף די צווייגען פון די בוימער און פרעהליך געקווימשעט; די בעז־בוימער, וואס האבען ארומגערינגעלט דעם אפיצער'ס הייזעל, האבען פערשפרייט א שטארקען

גערוד, וועלכער האָט דעם טרוקענעם בעשמעקטען פריה־מאָרגען אָנגע'שיכור'ט.

דער עולם איז אלץ געשטאַנען פאר דער טהיר, וואָס אמאָל האָבען זיך מעהר נייגעריגע געוויזען. אַ איד אין אַ שלאָף־ראָק, פון וועלכען מען האָט די אונטער־הייזען געזעהן, אין שלאָף־מיץ אויפ'ן קאָפּ איז שטיל שפּאַצירענדיג אָנגעקומען, די הענד פערלייגט אויף הינטען און געפרעגט: „וואָס שטעהט מען?" אייניגע יונגע לייטלאך זיינען אין די ווינקעלאך געשטאַנען און האָבען נייגעריג ארויפגעקוקט צום אָפּיצער'ס פענסטער, וועלכע זיינען געווען אָפען, און דער ווינד האָט די אָראָבגעהאַנגענע גארדינען בעוועגט. אַ יונג איז אויף דעם דאך ארויפגעקראָכען וואָס איז געגענאיבער דעם אָפּיצער'ס הייזעל און האָט דורך אוים געוואָלט כאַפּען אַ בליק אין פענסטער אריין. מיידלאך אין די טיבער איינגעהילט האָבען זיך ווייט אין געסעל געדרעהט, אהער געקוקט צו דער קופּקעלע פאר דעם אָפּיצער'ס הייזעל און גערוימט זיך אין די אויערען און זיך בעהאַלטען אין די הייזער, ווען זיי האָבען געזעהן אַ מענשען אָנקומען. יונגע לייטלאך, בחורים, האָבען זיך תמ'עוואטע אהין און אהער געדרעהט פאר'ן אָפּיצער'ס הייזעל און האָבען געוואָרפען אַ בליק צו די פענסטער ארויף. ווייט אין געסעל איז נאָר אלץ דער איד אין די גאַטקעס געשטאַנען פאר דער טהיר, ארומגערינגעלט פון אַ קופּקעלע ווייבער, אין די שלאָף־הויזען, און האָט זיי געוויזען אויפ'ן אָפּיצער'ס פענסטער, און עפּעס דערצעהלט; פון דאָרט האָט זיך אַ שטיל קיכערן געהערט.

און די מאַי פריהלינגס לופט האָט זיך אין געסעל געגאָסען. עס האָט זיך געדראכט, אַז פון'ם אָפּיצער'ס אָפענע פענסטער, צו וועלכע אַלע האָבען גנב'יש זייערע בליקען אין דער שטיל געוואָרפען, גיסט די מאָרגען לופט ארוים, וועלכע שיכור'ט אָן דעם שטח מיט דעם שטאַרקען בעזגערוד, און לעגט זיך איבער די פעלדער, און איבער דעם גאנצען שטעדטעל.

און די יונגע לייטלאך און די מיידלאך שטעהען, סוד'ען זיך און שעפּטשען אין די ווינקעלאך און אָנגע'שכור'ט אין דער שטאַרקער מאַי־לופט, וואַרפען זיי בענקענדע, בעהאַלטענע בליקען צו די פענסטער ארויף און איינער פרעגט דעם אַנדערען: „וואָס האָט געטראָפען? וואָס האָט געטראָפען?"

— גאר נישט האט געטראפען, א טאפ פוטער־מילך איז צובראכען געווארען — זאגט דער פערד'ס יונג און ווייזט אין געהיים מיט דער האנד אויף מאטעל קארעטע.

— א טאפ פוטער־מילך? וואונדערען זיך א טהייל.

— יא, יא, דאס טעפעל איז צובראכען געווארען און די מילך האט זיך אויסגעגאסען — ענטפערט דער יונג, ווייזענדיג אויף די אפענע פענסטער.

אין די ווינקעלאך הערט זיך א פערשטיקט קיכערן, נור באלד האט זיך מאטעל קארעטע גע'סוד'עט מיט סטעפאן'ען, דעם סטרוזש. דער עולם האט זיך נייגעריג פון דערווייטענס צוגעקוקט און געטייטעלט מיט די פינגער.

און פלוצים האט זיך געהערט א קלינגען פון די פייער־גלאקען, וואס שטעהען אין מיטען מארק. דער עולם איז אין די ערשטע מינוט דערשראקען געווארען, בלייך געווארען, איינער האט אויפ'ן צווייטען געקוקט — געוואלד עס ברענט! — האט מאטעל קארעטע געגעבען א געשריי אויס און האט אנגעהויבען צו לויפען. דער עולם איז איהם אין די ערשטע מינוט נאכגעלאפען, נור באלד האט זיך איינער פון'ם עולם אנגערופען, ווייזענדיג מיט'ן פינגער אויפ'ן אפיצער'ס פענסטער:

— דא ברענט אויך, דא אויך!

דער עולם האט ארויסגעזעצט אין א געלעכטער.

מאטעל איז געלאפען איבער די גאסען. דער עולם, וועלכער איז איהם אין די ערשטע מינוט נאכגעלאפען, האט זיך באלד צוריק אומ־געקעהרט, לאזענדיג מאטלען אליין לויפען.

— א חכם, ער וויל אונז פון דאנען אוועקקריגען!

— עס ברענט איהם, נעבעך, אוי, ברענט עס איהם! — האט א אידענע צוגעלעגט.

— דארט אויבען איז היים, היינט א הייסע נאכט דארט אויבען געווען.

דערווייל האבען די גלאקען אין געסעל געשאלט, פון דערווייטענס הערט מען שוין פערד פון די פייער־לעשערס פענדזשען: ווייבער, אידען, מוידען זיינען יעצט ארוים פון די הייזער אין די נאכט־העמדער, אין די אונטער־הויזען, געכאפט אויף זיך ווער א טוך, ווער א ראק, און

זיך געלאָזט לויפֿען מיט פֿעקלאַך אין די הענד, וואָס זיי האָבען אין איילעניש געכאַפּט מיט געוואַלדען און געשרייען:

— געוואַלד, אידען, וואו ברענט? וואו ברענט?
— די קינדער ראַטעוועט מיר, די קינדערלאַך!
— מיין ביסעל אָרימקייט, אוי משה, משה!

דערזעהן פֿון דערווייטענס אַ רעדעל מענשען פֿאַר'ן אַפּיצער'ס הויז, איז דער עולם געקומען צולויפֿען פֿאַר'ן אַפּיצער'ס הויז מיט די פֿעקלאַך.

— אידען! וואו? וואו?
— דאָ, דאָ! —
— אַ בייזע נאַכט אויף קאַרעטע'ס קאָפּ! די טאַכטער איז איהם צום אַפּיצער אַנטלאָפֿען, שרעקט ער דאָס שטעדטעל איבער, האָט'ס שוין געהערט אַזעלכעס? — שרייט אַ אידענע.

דער עולם לאַכט.

מאַטעל קומט צולויפֿען פֿון מאַרק, שטעלט זיך אָב און שרייט פֿון דערווייטענס, ווייזענדיג מיט דער האַנד אויפ'ן עק שטאָדט.

— אין דאָרף ברענט, — אין לאַנשיען, קומט'ס, אידען, קומט'ס — און מאַכט זיך לויפֿען.

דער עולם שטעהט אויף איין אָרט, קוקט איהם אָן און לאַכט.

— די פֿייער־לעשער קומען שוין אָן.

— מיט'ן שפּריטץ לעשען! — זאָגט קאַמיזע, — און דער עולם ברעכט אַרויס מיט אַ געלעכטער.

— אַ כאָלעריע וועט אייך דאָ אויפ'ן אָרט אַנידערלייגען — שרייט אוים מאַטעל — אוועק פֿון דאַנען, וואָס שטעהט איהר דאָ? און האָט זיך געגעבען אַ לאָז אריין אין דעם עולם מיט פֿויסטען, דעם עולם פֿאַנאַנדערצוטרייבען. אינגלאַך האָבען אָנגעהויבען צו לויפֿען, דער עולם האָט זיך אַביסעל מיט אַ געלעכטער אַבגערוקט אָן אַ זייט.

— וואָס לאַכט איהר? און איז זי געלאָפֿען, און איז זי ביים אַפּיצער — שרייט מאַטעל — און הענגט זיך אויף!

פֿון דערווייטענס האָט מען שוין טאַקע געהערט די פֿייער־לעשערס, די שפּריטץ פֿאָהרט איבער'ן געסעל מיט'ן קלומפּער פֿון פֿאַרענט. דער עולם איז זיך יעצט וואָס אמאל מעהר צונויפֿגעקומען נאָך דעם שפּריטץ.

— די שפריטץ פאהרט, די שפריטץ!

נור דאס האט מאטעל שוין ניט געקענט אויסהאלטען. ארויף אויף די טרעפ פון אפיצער'ס וואהנונג, אוועקגעשטופט דעם זעלנער. צו לאנג האט ער נישט געברויכט צו ווארטען. ער האט געפונען דער טאכטער הינטער דער טיהר איינגעוויקעלט דאס פנים אין א טוך. נור דאס גנב'ישע לעבעלע אויף די ליפעלאך האט פון אונטער דער טוך ארויסגעשיינט...

— א בראך זאל מיר געשעהן נאך דיר! און ער האט זי געגעבען א כאפ און א טראג אראב פון די טרעפ אהיים איבער דער גאס.

די מוטער איז נאך דער מויד נאכגעגאנגען און מיט די פויסטען זיך אין קאפ געשלאגען.

— וועה איז מיר און ווינד!

און דאס גאנצע שטעדטעל, האלב נאקעט, אין די נאכט־העמדער, אין די אונטער־הויזען איז נאכגעגאנגען נאך דער לויה, מיט א געשריי און א פייפעריי און די שפריטץ פון די פייער־לעשערם נאך זיי — אזוי האט מען זיי אהיים בעגלייט — און וואס מען האט זיי דארט אנגעשאלטען זאל אין אלע וויסטע מדבריות אריין.

---

אין א שעה ארום איז לייבעל בעל־העגלה'ס וואגען איבער'ן לעשניצער טראקט געפאהרען, צו ברייננען שרה'לעס חתן אויף שבועות צו גאסט.

יום־טוב האט מאטעל א מנין ביי זיך אין שטוב געמאכט, די קרובים פערבעטען, געהייסען דעם חתן, אז ער זאל מיט קיינעם נישט א ווארט רעדען. עס האבען זיך געפונען גוטע פריינד וואס האבען פאר'ן חתן צום טיש כיבוד געשיקט.

און יום־טוב נאכמיטאג צום שפאציר איז שרה'לע, מאטעל קארעטע'ס טאכטער, ארויסגעגאנגען מיט דעם חתן'ס שוועסטער שפאצירען, אין דעם נייעם זומער־קאפעלושעל, מיט דעם זומער אנצוג פריי און פראנק איבער'ן מארק, איבער דער שטאדט אפען פאר אלע אויף דעם שפאציער ארוים.

די ווייבער זיינען פאר דער טהיר געזעסען און צוגעקוקט:

— ווער איז דאס?

מאטעל'ס טעכטערל.

אין די ווייסלען פון איהרע ליפען האט זיך אויפבעהאלטען א נייע אונבעקאנט שמייכעלע, וואס מען האט עס ביז יעצט נאך נישט בעמערקט...

# דער גנב מיט זיין מוטער.

(סקיצע).

---

עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער־טאָג. דער שנעע איז געלעגען האַרט פערפרוירען ביז איבער די האַלבע הייזלאַך, און האָט פערשלאָסען די איינוואָהנער אין זייערע לעכער. זעלטען ווער עס האָט זיך אַרויסגעוואַגט אויף דער גאַס אַרויס אין דעם בייסענדען פראָסט. די איינוואָהנער האָבען זיך איינגעקופּיעט אין די וואַרימסטע שטובען אָדער אין די קיכען פון זייערע הייזלאַך און געגעסען דאָס, וואָס זיי האָבען זיך אויפ'ן ווינטער אָנגעגרייט: קאַרטאָפעלס און איינגעזויערטע קרויט. און האָט די נויטה וועמען פון שטיבעל אין גאַס געיאָגט צו פערדיענען אַ פּאָר גראָשען, איז ער ניט ווייטער דערגאַנגען ביז צום אידישען שענקעל, וועלכעס איז געווען אין אַ עק פון גאַס, אַריינגעכאַפּט זיך אָנצואָוואַרעמען אין רויך פון פּאַפּיראָסען און די פּאַרע פון די מענשען וועלכע זיינען געזעסען אין שענקעל, געשפּיעלט אין דאָמענע, און פון צייט צו צייט אויסגעטרונקען אַ געוואוינע גלעזעל בראָנפען, אָדער אַ קופעל ביער.

אין אַזאַ פראָסט האָט זיך נטע גנב געלאָזט איבער'ן געסעל פון זיין הייזעל אַרויס, אַריין אין שענקעל און אויסגעקויפט אַ האַלבען שענקעל. אַ צוויי פלאַשען שנאַפּס, די גאַנצע וואורשט אָוועקגעקויפט וואָס האָט זיך געפונען אויפ'ן לאַגער, דאָס שטיקעל פערטריקענטע לעקאַך, קיכעלאַך און אַריינגעלעגט דאָס אַלעס אין קייבעריל. מיט פייכטקייט אין מויל און מיט קנאה'דיגע אויגען האָבען די בעל־מלאכה'ס, קצבים־יונגען און קאַרטען־שפּיעלער געקוקט וואָס נטע קויפט איין. אַלע האָבען געוואוסט פון וואָס פאר אַ געלד נטע קויפט איין די גוטע זאַכען. אַז פאר צוויי וואָכען צוריק האָט ער ערשט אויסגע'גנב'עט לייבעל'ס

לערער קראַם און איז ערשט נור צוריקגעקומען פון זשאַבלין, וואו ער האָט די סחורה פערקויפט. נור קיינער האָט ניט געוואַגט איהם אַ וואָרט צו זאָגען. אָבער טראַכטען האָבען זיי זיך געמעגט וואָס זיי ווילען און אויך מורמלען זיך אין די אויערען:

— פאַר לייבעל׳ס געלד, פאַר וואָס זאָל ער זיך נישט לאָזען לוסטיג געהן שווער געהאָרעוועט האָט ער אויפ׳ן געלד?

— זעה זעה, די גאַנצע וואורשט קויפט ער אויף.

נטע האָט אָבער ליעב געהאַט ווי מען בעטראַכט ווי ער קויפט אויף דאָס שענקעל. און אַז ער האָט געזעהן, אַז די פורמאַנעס און די קצבים יונגען האָבען אוועקגעוואָרפען די דאַמענע און זיך ארומגע־שטעלט צו בעטראַכטען איהם — האָט נטע ארייגעשטעקט די הענד אין די קעשענעס און געפרעגט:

— און אַ געבראַטען גענזעל האָט איהר נישט?

די פעטע אידענע וואָס איז געשטאַנען הינטער דעם בופעט און פערקויפט האָט געשמייכעלט, חנפה׳דיג זיך צו איהם:

— פאַר וועמען זאָל איך האַלטען געבראַטענע גענזלאַך? פאַר די דלפנים דאָ? אַז איך וואָלט געוועזען געוואוסט, אַז זיי וועלען קומען — וואָלט איך אָנגעגרייט אַ פעט גענזעל.

נטע׳ן האָט געשמעקט דער קאָמפּלימענט. ער האָט זיך גלייך גע־מאַכט זיינע שעהנע צוויי וואָנצעלאַך, ארייגעשטעקט די הענד אין די קעשענעס און ארומגעקוקט זיך אויף די שעהנע לייט וואָס זיינען ארום געשטאַנען. ער האָט געזעהן ברוד׳ל פוהרמאַן, ווי ער קוקט מיט גאַווער אין מויל אויף די גוטע זאַכען וואָס ער האָט איינגעקויפט — האָט ער זיך אָנגערופען:

— נו, ברוד׳ל, ווילסט אַ שנאַפּס? — גיט איהם ראָזע אַ שנאַפּס.

ראָזע האָט אָנגעגאָסען און ברוד׳ל האָט אויסגעטרונקען, אָבגעווישט זיך דאָס מויל און געזאָגט:

— גוט, נטע!

— נאַ, פערבייס, האָט איהם נטע אָבגעשניטען אַ שטיק וואורשט און האָט איהם געגעבען.

— גוט, נטע — האָט ברוד׳ל געזאָגט, קייענדיג די פעטע פערטרי־קענטע וואורשט.

— און איהם גיט אויך — האָט נטע אָנגעוויזען אויף אַ צווייטען

בעל־עגלה, ווער עס וויל קען קריגען א שנאפס. דער יונג האט ארויס־גענומען א זילבערנעם קערבעל פון זיינע טאשען און אוועקגעלעגט אויפ'ן בופעט־טיש פאר ראזע'ן.

קאלט איז געווען און די מאגענס זיינען לעער געווען. און גאר ניט אין געווען צו טהאן אין אזעלכע פרעסט, און נטע'ס טהיילען שנאפס איז געווען ווי פון הימעל אראבגעפאלען: האבען זיי אלע זיך צו־גערוקט צום בופעטעל, געטרונקען שנאפס, זיך אבגעווישט די מיילער, און אלע האבען אנגעקוקט נטע'ן מיט דאנקבארקייט און געזאגט:

— גוט, נטע.

און נטע איז צופריעדען געווען.

און ווי נטע איז אזוי געשטאנען און געטהיילט שנאפסען, האט זיך די טהיר פון שענק אויפגעפראלט און עס איז אריין מיט א געררודער לייבעל, דער לעדער־סוחר, איינגעהילט אין אן אויסגעקראכען פעלצעל, אין א צוריסען שלימוזעל אויפ'ן קאפ — און האט אנגעקוקט נטע'ן מיט א ביטערען בליק, פערביסען די ליפען. די לאנגע נאז איז איהם בלייך געווארען, אזוי, אז עס האט זיך געדאכט, אז די נשמה האט זיך איהם אוועקגעזעצט אויף די שפיץ נאז, געשאקעלט מיט'ן קאפ:

— מיין בלוט טרינקסט דו, נטע, מיין שווערע פראצע, מיינע קינ־דער'ס ברויט עסט דו אויף — הע, — הע?

נטע האט איהם אנגעקוקט גלייכגילטיג, גלייך געמאכט זיך די שעהנע וואנצעלאך און געזאגט ווי צו זיך, גלייכגילטיג:

— צייט אהיים צו געהן.

און ער האט גענומען דאס קייבעריל מיט די איינגעקויפטע זאכען און איז ארויס פון שענקעל.

— גאט זאל דיר בעצאהלען וואס דו האסט מיר געקרדזשיוודעט— האט איהם לייבעל אנגעשאלטען.

נטע האט זיך ניט אבגערופען און זיך געגאנגען ווייטער זיין וועג.

אין דער היים האט שוין אויף נטע'ן געווארט זיין מוטער. די אלטע פעשע איז געווען א קצב'טע און האט געהאקט פלייש אין די יאטקעס. נור צייט נטע איז געווארען א גנב האט איהם נישט געפאסט אז די מו־טער זאל האקען פלייש אין די יאטקעס, האט ער זי געהאלטען אין דער היים, און ער האט פערדיענט אויף איהר. די אלטע פעשע האט

שטאַלצירט מיט איהר זוהן, און נטע האָט ליעב געהאַט דער מאַמען. טאָמער האָט ווער אַ שלעכט וואָרט אויסגערעדט אויף דער מאַמען, איז זיך נטע געגאַנגען שלאָגען.

— אויף מיר קענט איהר זאָגען וואָס איהר ווילט, איך בין אַ גנב. אַל־דאָס שלעכטעס בין איך, נור מיין מאַמע׳ס נאָמען זאָלט איהר היטען. אויף מיין מאַמען זאָלט איהר קיין שלעכט וואָרט ניט אויס־ריידען אַז ניט וועל איך די קעפּ שפּאַלטען — האָט נטע ניט איינמאָל גע׳טענה׳ט אין געסעל.

די אַלטע פּעשע האָט געוואוסט, אַז נטע האָט געמאַכט אין זשאַכלין אַ גוט געשעפט מיט לייבעל׳ס גנבה. און ער איז געגאַנגען אין שענקעל אריין אהיים ברענגען גוטע זאַכען. זי האָט זיך דערמאַהנט, ווי גוט ער איז. האָט זי איהם אַבגעקאַכט קאַרטאָפעל־קלויסקעס וואָס ער האָט ליעב. קאַלט איז געווען, די שויבען פערקאַוועט און דער פּראָסט האָט זיך גענומען אויפ׳ן אַבענד שטאַרקער, האָט זי אונטערגעהייצט דעם אַל־טען אויוועז מיט דער רעשט טאָרף וואָס איז געווען אין שטוב, און כדי די וואַרימקייט זאָל אנהאַלטען אַ גאַנצע נאַכט, האָט זי אריינגע־פּאַקט אין אויווען אריין אַלעס וואָס האָט זיך געפונען אין דעם ווינקעל, די רעשטלאַך טאָרף, העלצער, — עס האָבען זיך מיטגעשלעפּט אַלטע שמאַטעס, אַלטע לעדער; — אין שטיבעל איז באַלד געוואָרען אַ סוואַנט, אַ געשטאַנק, נור דער סוואַנט האָט געוואַרימט דאָס שטיבעל, און פאַר פערגעניגען פון וואַרימקייט האָט זי ניט געפיהלט דעם געשטאַנק.

אַז נטע איז אהיים געקומען מיט׳ן אַקעוויט און וואורשט איז שוין טונקעל געווען. די מאַמע האָט שוין אַנגעצונדען דאָס קליינע לעמפּעל. אויפ׳ן טיש איז שוין געשטאַנען אַ טעלער מיט קאַרטאָפעל־קלויסקעס פון וועלכע עס איז ארויסגעגאַנגען אַ רויך.

— אַ, מאַמע, קאַלט אין דרויסען, אַ שרעק — האָט נטע געזאָגט אריינגעהענדיג.

— קום אהער, מיין קינד, נעהם אַביסעל בראַנפען, וועסט דו זיך דערוואַרימען. דאָס פּרעסטעל נעהמט צו.

נטע האָט אויפגעעפענט דעם בראַנפען.

— וואָס פאַר אַ געשטאַנק איז עס אין שטוב ? — האָט נטע גע־פרעגט.

— עס דאכט זיך דיר נאָר אַזוי, מיין קינד — איך האָב איינגע־הייצט דעם אויוועז, איידער דער טאָרף צוברענט זיך איז אַביסעל רויכיג.

— עפּען אויף די טהיר, מאַמע, מען ווערט דערשטיקט — האָט נטע געזאָגט.

— אין קיך איז ווארימער, מיין קינד, אין דרויסען איז קאַלט.

נטע האָט געטרונקען פון בראַנפען, און דער מאַמען אַנגעגאָסען.

— טרינק, מאַמע, וועסט דו זיך דערוואַרימען.

— יאָ, מיין קינד, איך וועל טרינקען. דאָס פּרעסטעל נעהמט צו.

זיי האָבען געטרונקען שנאַפּס און פערביסען מיט די ווארימע קארטאָפּעל־קלויסקעס; דעם וואורשט האָט די אַלטע פּעשע אויסגע־ריישט מיט אַ ציבעלע און דער רויך פון ריישערס האָט צוגעדעקט דעם רויך פון אויוועז. דער אקעוויט האָט געוואַרימט די ביינער, און דער קאָפּ איז צוהיצט געוואָרען, און פון סוואַנט האָט מען שוין גאָר ניט געוואוסט און גאָר ניט גערעדט.

אַז די מאַמע און זוהן האָבען זיך גוט אָנגעגעסען מיט קארטאָפּעל־קלויסקעס, מיט די אנגערייכערטע וואורשט און פערטרונקען גוט מיט שנאַפּס, האָבען זיי זיך ביידע דערשוויצט. די אַלטע פּעשע האָט אויסגעבעט די בעטען, אויסגעזוכט קישענס און דעקען, אַלטע קאפּטאַנעס און פּעלצען וואָס האָבען זיך געפונען אין שטוב — און דערמיט צוגעדעקט די בעטען.

— דאָס פּרעסטעל נעהמט דורך, מיין קינד, שטאַרק. פערקאָ־וועט די שויבען. מען דאַרף פערריגלען דעם אויוועז, אַ שאָד די וואַ־רימקייט וואָס לויפט ארויס. און די אַלטע פּעשע האָט ניט געזעהן אויב דער טאָרף איז יאָ צוברענט אָדער ניט. זי האָט פעררוקט דעם אויוועז, אוועקגעלעגט זיך אַ צושוויצטע פון בראַנד־וויין און וואורשט. זי — אין איין בעט און דער זוהן אין דער צווייטער בעט און גוט זיך צוגעדעקט מיט אַלע דעקען און קאַפּאָטעס, ווארים דער פראָסט אין דרויסען האָט טאַקע שטאַרק צוגענומען...

צו מאָרגענס אין דער פריה, דער זייגער האָט שוין געשלאָגען צעהן. עס איז שוין געווען נאָך מיטאָג און ביי פּעשע'ן זיינען נאָך געווען די לאָדען פערהאַקט. איינער איז פאַרבייגעגאַנגען, געזעהן די פערהאַקטע לאָדענס, האָט ער זיך געוואונדערט; אַ צווייטער איז דורכגעגאַנגען

און געזעהן די פערהאקטע לאַדנעס, און מעהר האָט מען שוין ניט גע־דארפט: עס איז באַלד געוואָרען אַן עולם ארום פעשע'ס פענסטער, און מען האָט אַנגעקלאַפּט אין די לאַדענס.

— פעשע, נטע, — וואס איז דער מעהר?

אָבער קיין ענטפער האָט מען ניט בעקומען. אַ איד האָט גע־פּרואווט די לאַדענס אויפרייסען, צו זעהן וואָס אינוויינינ טהוט זיך. האָט פון אויפגעריסענעם לאַדען געגעבען אַ זעץ ארויס אַ קנויל רויך און אַ געשטאַנק פון אַ סוואנט. האָט מען זיך באַלד שוין דערוואוסט וואָס עס איז געשעהן, און עס איז געוואָרען אַ געשריי אין געסעל:

— פעשע די קצב'טע מיט איהר זוהן זיינען פערסוועגדזשעט גע־וואָרען.

באַלד איז געוואָרען אַ איינגעלאַף, און געוואַהר וועהרענדיג אַז מענשען זיינען אינוויינינ, האָט מען ניט געפרעגט יא גנב, ניט גנב, דאָס לעבען איינגעשטעלט און אריין אין שטיבעל און די צוויי ארויס־גענומען און אוועקגעלעגט אויפ'ן שנעע.

— מען דארף די שלייפען רייבען מיט שנעע — האָט אַ איד אַן עצה געגעבען.

— ניין, מען דארף וואסער אין די נאָז גיסען.

מען האָט די שלייפען געריבען מיט שנעע, מען האָט וואסער אין די נעזער געגאָסען, געשאָקעלט זיי אויף דער לופט. דער יונג האָט די אויגען געעפענט און ארומגעקוקט זיך:

— וואו איז די מאַמע? — האָט ער דאָס ערשטע געפרעגט.

מען האָט איהם גאָר ניט געקענט ענטפערען, ווייל זיין מוטער איז שוין טויט געוועזען.

אַז דער יונג האָט געזעהן, אַז מען ענטפערט איהם ניט, איז ער ארויס מיט אַ געוויין, און וויפיעל כח ער האָט געהאַט, איז ער צוגעקראָ־כען אויף אַלע פיער צו דער מוטער, און זי געוועקט:

— מאַמע, מאַמע, שטעה אויף, מאַמע!

זיינע געשרייען „מאַמע" האָבען דערציטערט יעדעס הארץ, אין פיעלע אויגען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען. און איינער האָט דעם אַנדערען געזאָגט:

— כאָטש אַ גנב, דאָך ליעבט ער די מאַמען.

— וואס, א גנב האט ניט קיין הארץ? — יעדער מענש האט א הארץ — האט א אידענע געזאגט.

לייבעל, דער לעדער־סוחר, איז געקומען צולויפען: אין זיינע אויגען האט געברענט דער פייערעל פון נקמה. אויסגעגלעט זיך מיט דער האנד דאס בערדעל, כאטש דער פראסט האט געשניטען, און געזאגט צו די ארומיגע:

— איך האב געוואוסט אז גאט וועט זיך פאר מיר אננעהמען.

די ווייבער האבען איהם אוועקגעטריבען:

— געפונען יעצט אן ארט נקמה צו נעהמען — א מענש איז געשטארבען!

# דער פויער און די ערד.

(אַ מעשה׳לע וועגען דער נייער רוסלאַנד).

דער פויער קאָנסטאַנטין בוריאַן איז אוועק פון פעלד זיך שלאָגען כמעט אַ נאַקעטער. פון דער שטוב האָט ער גאָר ניט מיטגענומען, נאָר זיין לייב־העמד און צוריסענע הויזען, מיט אַ דריי־פונטיגען דאַזאַווען ברויט אונטער׳ן אָרעם. אַזוי האָט ער געשפּרייזט פון זיין דאָרף צו דער נאָהענטער סטאַנציע וואו נאַטשאַלסטווע האָט זיך געפונען — צו געהן זיך שלאָגען פאַר זיין צאַר און פאָטערלאַנד. ער האָט געוואָלט מיטנעהמען זיינע שטיוועל וואָס ער האָט זיך געקויפט אויפ׳ן יאָהר־מאַרק ביים איד אויף פּאַסכא, זיין איינציגעס אייגענטהום — האָט זיין אַלטער פאָטער, אַ קלוגער פויער, געניט אין לעבען, איהם אָבגעראַטהען דערפון:

— טאָמער וועט מען דיך דער׳הרג׳ענען און דער פיינד וועט זיי דיר פון די פיס אַראָבציהען.

האָט דער יונגער פויער איינגעזעהן דעם פאָטער׳ס קלוגשאַפט, האָט ער זיי איבערגעלאָזט.

— זאָל עס זיין אַ ירושה צו דעם ניי־געבוירענעם, אַז עס וועט קומען אויף דער וועלט — האָט דער יונגער מאַן געשמייכעלט צו נרישע זיין יונג ווייבעל, וועלכע האָט שוין געטראָגען זיין קינד אונטער איהר האַרץ.

— דאָס איז קלוג, מיין קינד — האָט דער אַלטער גוט געהייסען דעם זוהן׳ס בעשלוס.

ביי די בוריאַנס האָט מען זיך ניט געשראָקען צו רעדען וועגען טויט. מען האָט גערעדט וועגען איהם ביי די רוהיגע מאָל־צייטען, און

נאָך מעהר האָט מען געקלעהרט וועגען איהם און געוואונשען איהם אַלס אַן אנגעלעגטען גאַסט. אַלע וואָס האָבען זיך געפונען אין דער אייגענער גרויסער כאַלופע, די דריי בוריאַנס ברידער, די צוויי איידעמס, די ווייבער און די קינדער — אַלע האָבען געוואַרט, אַז דער אַלטער פאַטער זאָל אוועקשטאַרבען, ניט צוליעב דער ירושה, נאָר עס זאָל ווערען אַ מויל ווינציגער אין שטוב, וואָס עסט און בריינגט קיינעם קיין נוצען ניט. דער אַלטער האָט געוואוסט פון די קינדער'ס וואונש און ער אַליין האָט מיטבעדויערט מיט זיי זיין לאַנגעס לעבען. נאָר העלפען האָט ער זיך ניט געקענט.

— וואָס קען מען טהאָן, אַז עס איז נאָך ניט געקומען די צייט.

ווארים פון די פינף דעסיאַטין ערד וואָס איז געווען פון דער גע־מיינדע פאַר דער משפחה — האָבען זיך די בוריאַנס ניט געקענט דער־נעהרען. אַ שטאָדט און אַ פאַבריק איז ניט געווען אין דער נאָהנט, וואו מען האָט געקענט געהן פערדיענען. מאָסקווע איז געווען ווייט, און זיי האָבען געהערט דערפון, ווי פון אַן אַלטער בייקע... די שכנים אַרום האָבען גענוג הענד געהאַט אַליין און ווענינ ערד. איז דער איינציגער רעטער געווען טהיילמאָל דער טויט, וואָס האָט די מענשען ווינציגער געמאַכט; און טהיילמאָל די נאַטשאַלסטווא וואָס האָט גערופען אין סאָלדאַטען, און ארויסגענומען אזוי אַרום אַן עסער פון שטוב.

קאָנסטאַנטין האָט זיך געזעגענט מיט זיין יונג ווייבעל, מיט זיין ניט זעהר בעזאָרגטע משפחה, מיט זיינע זעהר בעזאָרגטע בהמות, מיט זיין פעלד און וואלד און האָט געשפרייזט אַ האַלב־נאַקעטער אָהן אַ היטעל, מיט אַ ברויט אונטער'ן אָרעם, צו דער סטאַנציע, צו די נאַ־טשאַלסטווא — אין סאָלדאַטען.

ביי די סאָלדאַטען איז קאָנסטאַנטינ'ען זעהר געפעלען געוואָרען. ווענינ ארבייט און גענוג צו עסען, און פרעהליך איז אויך געווען. ער האָט זיך גוט געלערענט די דיענסט, וואָס איז בעשטאַנען אין געהאָרכ־זאַמקייט צו נאַטשאַלסטווא — ווייל געהאָרכזאַמקייט איז געווען זיין נאַטור.

לאַנג איז קאָזאַרמע האָט מען קאָנסטאַנטין'ען ניט געהאַלטען. עס איז געווען אַ צייט פון מלחמה — און ערגעץ־וואו האָט געוואַרט אויף איהם אַ רעהר פון אַ ביקס, אָדער אַ קאַנאָן. טויזענדע אנדערע האָט

מ׳עז מיט קאָנסטאַנטין׳ען איינגעפּאַקט אין וואַגאָנען, און מען האָט זיי אוועקגעפיהרט ווייט, ווייט צו שלאָגען זיך מיט׳ן פיינד.

אויפ׳ן וועג איז פרעהליך געווען. צו עסען גענוג, צו ארבייטען ווייניג און פרעהליכקייט אַ סך. מען האָט געזונגען, געטאַנצט, גע־שפּיעלט זיך אין פּאַטשען אין די געזעסער, אין ענגע דושנע וואַגאָנען, און מען איז געפאָהרען טאָג איין, טאָג אויס. פעלדער אַ סך, ברייטע, גרויסע לאַנקעס, וואַסערען און וועלדער, און הייזלאַך ווייניג. אַפּט־מאָל האָט זיך קאָנסטאַנטין אויסגעקליבען צווישען די גרויסע פעלדער זיין איין שטיקעל בערגעל, אויף וועלכען ער וואָלט זיך געוואָלט זיין הויז אויפשטעלען און זיין נחלה האָבען — און געטראַכט זיך: רוס־לאַנד איז גרויס — ערד אַ סך, נאָר דער פּויער איז אָרים.

— דאָס איז אַלץ דער דייטש שולדיג — האָט ער זיך דערמאָהנט וואָס מען האָט גערעדט אין קאַזאַרמע — דער דייטש און דער איד; נאָט וועט געבען, און מען וועט דעם דייטש פערטרייבען, וועט מען פון איהם די פעלדער אוועקנעהמען און די פּויערים צוטהיילען. אַ סאָלדאַט, אַ דאָפּעלטען חלק; אַ פּויער אין דער היים, איין חלק נאָר...

— אַז נאַטשאַלסטווא וועט ערלויבען, וועל איך מיר אָט דעם בערגעל אויסקלייבען, מיט דעם ברעג וואַסער, אָט אָ־דאָ וועל איך מיר פּאַשע־פעלד פאַר די בהמות האָבען — האָט ער זיך געטראַכט ארויסקוקענדיג פון וואַגאָן אויף אַ שטיק לאַנד, וואָס איז איהם גע־פעלען געוואָרען.

— נאָר ערשטענס דאַרף מען דעם דייטש פערטרייבען: דעם דייטש־פיינד פעריאָגען און זיינע פעלדער ביי איהם צונעהמען. דער־נאָך וועלען מיר קריגען.

אין קאָפּ איז איהם אפילו שווער געווען, ער האָט ניט פערשטאַנען צו וואָס מען בעדאַרף דאָס לעבען זיך איינשטעלען און ביים דייטש אוועקנעהמען — אַז רוסלאַנד האָט אַזוי פיעל. נאָר צו פרעגען איז קאָנסטאַנטין ניט געוואָהנט געווען.

דער צאַר־באַטיושקאַ האָט אַזוי ,געהייסען. נאַטשאַלסטווא ווייסט בעסער וואָס זיי האָבען צו טהאָן, אַז עס זאָל מעהר ערד זיין.

און די מלחמה האָט ביי קאָנסטאַנטין'ען געקראַגען אַ פערשטענדנים און אַ טעם. ער האָט געוואוסט צו וואָס מען דאַרף זיך געהן שלאָגען מיט'ן דייטש און פאַר וואָס מען דאַרף זיך דאָס לעבען איינשטעלען.

— אַז מען זאָל פון דייטש די ערד צונעהמען און די פויערים צו־טהיילען.

---

לאַנג איז קאָנסטאַנטין געלעגען אין די גראָבענס, אין די פעלדער, און האָט געהאָלפען מיט אַנדערע דעם פיינד צו פערטרייבען. דער קריעג איז געווען גוט און היימליך. צו עסען איז געווען פיעל און אר־בייט ווינציג. עס איז דורכגעגאַנגען דער זומער, עס איז דורכגעגאַנ־גען דער ווינטער — און דער דייטש־פיינד איז נאָך אַלץ ניט פערטריבען געוואָרען, און די ערד צוטהיילט מען נאָך ניט צווישען די פויערים. עס איז אָנגעקומען דער פריהלינג, דער גאַנץ פריהער פריהלינג. די ערד האָט אָנגעהויבען ענטפּלעקט צו ווערען פון די שנעען. דאָ און דאָרט האָבען זיך געוויזען שווארצע שטיקער איבערפלעכע וואָס האָבען זיך געשפּאָלטען און פאַרעם פון זיך ארויסגעגעבען, און געשמעקט מיט ערד־געשמאַק. קאָנסטאַנטין'ען איז דער קריעג שוין לאַנג פער'מיאוס'ט געוואָרען. ניט דער שרעק פאַר'ן טויט — צום טויט איז ער צוגע־וואָהנט געוואָרען דורך דעם יאָהר און אַ האַלב וואָס ער איז אין די טרענטשעס געלעגען. נאָר עס איז איהם פער'מיאוס'ט געוואָרען דאָס, וואָס ער האָט ניט געהאַט וואָס צו טהאָן. צו עסען איז נאָך געווען, אָבער ארבייט ווינציג, און עס האָט זיך געבענקט עפּעס צו טהאָן. דער יונגער פריהער פריהלינג וואָס האָט זיך אויסגעגאָסען איבער די לאַנ־קעס, האָט אָן עפּעס דערמאָהנט: אַז אַלטע בעקאַנטע זיסע ערינע־רונג. און עס האָט זיך איהם פערבענקט נאָך ערד, צו בעארבייטען די פעלדער, איינצושפּאַנען די פערד צום אַקער און איבערוואַרפען דעם גרונד. דאָס יונגע פרישע גראָז, וואָס האָט זיך דאָ און דאָרט ארויסגע־וויזען, האָט איהם דערמאָהנט אַז די יונגע בהמות, אַז די קעלבלאַך אין שטאַהל, אַז די זשערעבקעס וואָס זיינען דורך'ן ווינטער געבוירען געוואָרען און מען בעדאַרף זיי צום ערשטען מאָל אין פעלד ארויספיהרען, אַז זיי זאָלען גאָט'ס וועלטען דערזעהן. יעדען פריהמאָרגען, ווען קאָנ־סטאַנטין האָט זיך אין גרוב געוועקט, האָט ער דערפיהלט אַ נייעם

קוואַל פון ענערגיע, וואָס דער פריהלינג־הויך האָט אריינגעגאָסען אין די ערד אריין, און אויך אין זיינע ביינער אריין. אַך, ווי ער וואָלט גע־וואָלט אָנשטאָט די ביקס, דעם שפּאַדעל אין האַנד נעהמען און אויפ־קאַפּיען די ערד... געזעהן ווי די שראַפּנעלען גראָבען גריבער אין די ערד און די פעלד צודרעפּטשען זיי, האָט עס זיין האַרץ צושניטען:
— פערזינדיגען זיך פאַר גאָט... די ערד'ס פּנים פערדאַרבען זיי...

---

וואָס עלטער דער פריהלינג איז געוואָרען, האָט די ערד אַלץ מעהר געבענקט נאָכ'ן פּויער, און דער פּויער נאָך איהר... די פּויערים זיי־נען אָבער אין סאָלדאַטען־מאַנטלען אין די גריבער געלעגען, געגעסען אַ סך און גאָר ניט געטהאָן. קאָנסטאַנטין האָט אָנגעהויבען צו פער־שטעהן, אַז עפּעס איז ניט גלאַט אין דער וועלט, „צוהוליעט זיך די מענשען", האָט ער זיך געטראַכט, קוקענדיג אויף די פּויערים וואָס ליגען אין די גראָבענס מיט די ביקסען אין די הענד, און געהען ניט ארוים די ערד בעאַרבייטען. מיט בעדויערען און רחמנות האָט ער גע־קוקט אויף דעם באָדען וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר איהם אַ שוואַרצער און אַ פייכטער און האָט געבענקט נאָכ'ן אַקער, ווי אַ מענש נאָך אַ פרישע העמד, ווען דער פריהלינג קומט...

די ערד האָט זיך געשפּאָלטען, געפּאַרעט. דאָ און דאָרט האָבען זיך גרעזלאַך געוויזען, ווילדע שפּראָצען ארויסגעקומען, וועלכע זיינען באַלד צוטראָטען און צודרעפּטשעט געוואָרען פון די פערד, פון די שראַפּנעלען און פון די זעלנערשע פּיס... די פּויערים זיינען פויל גע־וואָרען, און עס האָט זיי גאָר ניט פאַר דער ערד געאַרט, און פאַר'ן פריהלינג געקימערט. די פעלדער שטעהען אין הויכען פריהלינג וויסט, און די פּויערים עסען און טהוען גאָר ניט...

---

קאָנסטאַנטין האָט זיך דערמאָהנט אַז זיין סוויניקא, אַז זיין דאָרף — שטעהען דאָרט אויך די פעלדער וויסט, און קיינער בעאַרבייט זיי ניט — ניט קיין קאַרטאָפעלס פערזייעט, ניט קיין ווייצען אויפ'ן ווינ־טער, ניט די בהמות פון שטאַהל ארויסגעלאָזט... און דאָ איז שוין אַזוי שפּעט אין פריהלינג — און ער זיצט דאָ אין אַ גרוב, מיט אַ ביקס

אין האַנד, מיט נאָך פויערים און מען רויכערט טיטון און מען טאַנצט א קאַמאַרינסקע, און גאָר ניט — נאַטשאַלסטוואָ הייסט אזוי.

— צוהוליעט זיך, נאַטשאַלסטווא צוהוליעט זיך — טראַכט זיך קאָנסטאַנטין — דעם פויער פויל געמאַכט, די ערד פערדאַרבען, און פאר גאָט פערזינדיגט זיך...

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אויף דעם פראָנט, אין די גראָבענס אַז נאַטשאַלסטווא איז אוים געוואָרען: צאַר באַטיושקאַ אראָבגעזעצט — און נאַטשאַלסטוואָ ניטאָ מעהר: רוסלאַנד איז בעפרייט געוואָרען פון נאַטשאַלסטווא.

דער פויער קאָנסטאַנטין האָט זיך פערטראַכט וועגען די נייעס, און זיך צו די פויערים, זיינע חברים, אבגערופען:

— אויב אזוי, קומט אהיים, פויערים! גענוג געהוליעט, צייט די פעלדער צו בעאַרבייטען! רוסלאַנד איז פריי פון נאַטשאַלסטוואָ!...

# די שטומע.

נאך א געוויסע צייט, אז איך האב מיך אין דער וועלט ארומגע־וואלגערט בין איך צוריק צו מיין טאטע־מאמע אהיים געקומען.

איך זיץ ביי'ם פענסטער און קוק מיר ארויס אין מיין בעקאנט געסעל... די גאס איז אין א האלב־טונקעלען וואלקען איינגעהילט ווי אין א פאטשיילע, א ווארים ווינטעל האט אין געסעל געבלאזען.

געגענאיבער מיין פענסטער — דער בעקאנטער אייביג וויסטער און אייביג בעשמוצטער סטעלמאר'ס פלויט, מיט די גרינע צווייגען, וועלכע שטייגען פון איהם ארויס, און אינגלעד קריכען און רייסען בארגעס... ווייט אין הימעל, ביי'ם אלטען פאלאץ, וואס שטעהט אין איינזאמען וואלד, וואו דער פריץ ליעגט בעגראבען, באדען זיך וואל־קענדלעך, פליסענדיג אין זיך און פון זיך, געהען אין ים אריין, טרינ־קען זיך אן מיט וואסער, און וועלען באלד אין געסעל אנקומען אויף אונז ארויבגיסען דאס וואסער, וואס זיי האבען אין ים זיך אנגע־טרונקען...

יעקב דער טרעגער לויפט פארביי פאר'ן פענסטער, טראגט א בארעל ביר פון לאנקעשין און קינדער אין דער גאס זינגען:

„— די מאמע, די מאמע איז ניטא.

„— וואו איז זי געפאהרען?

„— נאך לאנקעשין.

„— וואס וועט זי מיטברענגען?

„— א טונדעל ביר.

„— וואו וועט מען עס שטעלען?

„— הינטער דער טהיר.

„— וואו וועט מען עס שטעלען?

„— איך מיט דיר".

עס פאָהרט אַ וואָגען פאַרביי פאַר׳ן פענסטער אָנגעפּאַקט מיט קאָרב און קאַסטען, און אַזוי פיעל דרענגער, מיט מענער און ווייבער; מען פאָהרט אודאי פון מאַרק, אַ שטויב געהט אויף. אַ גאַנצע סטאַדע גענז שרייען, נאָך זיי געהן נאָך „צוויי הויכע דייטשען מיט לאַנגע בייטשען"...

און דונקעל ווערט אין געסעל.

די הימלען קומען נעהענטער צו דער ערד. קומט אַ וואָלקען צו ציהען און שלינגט איין אַלע קליינע וואָלקענדלעך אין זיך, און אַ שוואַרצער פלעק הילט איין דאָס געסעל, דאָס שטעדטעל...

ווייט אין געסעל רופט אַ מאַמע:

— קומט, קומט קינדערלעך אין שטוב אַריין, אַ רעגען וועט זיין. אַ רעגען וועט זיין!

געהט אַ אידענע פאַרביי, איינגעהילט דאָס פּנים אין אַ שוואַרצע פאַטשיילע; דאַכט זיך זי וויינט און לאַכט צוזאַמען. שטעלט זיך אָב פאַר מיין פענסטער און נעהמט צוזאַמען שפּענדלעך פון גאַס. דאָס טוך פאַלט איהר פון קאָפּ אַראָב, די האָר פרעסען זיך אויפ׳ן שטערן, און די ווייבע לעפּלען פון די אויערען ציטערען אין דער שטיל... דער ווייסער האַלז, וואָס ציהט זיך פון אַ געריויטעלט קאָפּ־טענדעל אַרויס איז טרויעריג־שטום, און די ברוסטען בעוועגען זיך לייכט אונטער דעם קאָפּטענדעל. דאָס יונגע און נאָך גאַנץ פרישע געזיכט, אויף וועלכען עס ליעגט אויסגעגאָסען אַ בעהאַלטענע תאוה, האַרמאָנירט ניט מיט די טיפע, ערנסטע שוואַרצע אויגען, וואָס בעהאַלטען זיך טיעף אין געזיכט. און די אויגען וויינען, דאַכט זיך, אין דער שטיל פאַר זיך, נאָר דאָס פּנים שמייכעלט גוטווילינג.

— הינדעלע!

— יאָ, הינדעלע.

... טאַטע איז הימעל! דענסטמאָל ווען איך האָב געהאַלטען איהר האַנד אין מיינע... איהר גאַנצע נשמה האָט געציטערט אין איהר צערטליכע האַנד... און די ליפּען האָבען זיך אין דער העלפט געעפענט, און עס האָבען זיך געוויזען אַ רייהע ווייסע ציינער...

מיין האַרץ קלאַפּט אין דער שטיל:

— הינדעלע... הינדעלע...

און זי שטעהט פאר מיין פענסטער, פערריכט זיך דאס טיכעל אויפ'ן קאפ און שמייכעלט, ווי זי וואלט זאגען:

— יא, יא, הינדעלע!

און א רעגען הויבט אן צו טריפען, א טראפען צו א טראפען. דער פלויט ווערט דורכגעווייקט, א סך טרעהרען ווייזען זיך אויף די בלעטער פון די בוימער.

און דער רעגען נעצט זי דורך, זי שטעהט, לאכט און וויינט...

— נו, ווייס ניט גאט וואס ער טהוט? ער שענקט ניט קיינעם. אוי, אוי, ווייסט ער וואס ער טהוט.

איך קוק מיך אום, מיין מאמע זיצט אין צווייטען ווינקעל די ברילען אנגעטהון אויף די אויגען, האלט א גרויסען קרבן־מנחה סדור אין דער האנד, און דאוועגט מנחה...

— זעהסט דו, מיין זוהן, ביי גאט ווערט גארניט פערפאלען. לאזט געהן דעם קרוג ביז צום וואסער...

— דאכט זיך, הינדעלע?

— יא, הינדעלע, די ארענטליכע...

— וואס איז דאס מיט איהר געווארען?

— זי האט דאך חתונה געהאט!

— חתונה געהאט?!

— אודאי! מען זאגט, זי האט געוואלט א פערענטפערניש אויף יענער וועלט איבער איהרע מעשים, האט זי זיך גענומען א מאן, גלאט אזוי, נאר זי זאל הייסען זיין ווייב... איהם געגעבען וואס ער דארף, נאר ער זאל יערען טאג דאווענען פאר איהר, שבת האלטען. זי וויל, הייסט דאס, גאט איבערבעטען. נור גאט דארף ניט אזעלכע... איז זי קראנק געווארען, דער מאן וואלגערט זיך ערגיץ אין דער מדינה, און זי אין שטאדט ארעם, שטומערהייד.

שטום?

— מיט איהר קול האט זי געצווינגען צו זיך פרעמדע מאנספערשוינען, האט זי גאט שטום געמאכט.

און הינדעלע שטעהט אין גאס, קוקט אויף מיר, ווי זי וואלט מיט'ן קאפ צוגעשאקעלט: אזוי איז עס, אזוי איז עס.

— לויפט זי א גאנצען טאג אין גאס ארום, און ברומט... וואס? ווען? קיינער ווייט ניט וואס זי וויל; זי איז דאך שטום. מען

זאגט, אז זי וויל מען זאל איהר שרייבען א בריעף צו איהר'ן עפעס א „קאכאנעק“. וואס האט זי פערלאזט. ווער קאן זי דארט פערשטעהן?

— און וואו נעכטיגט זי?

— אין איהר שטוב. עס איז דאך א ירושה פון איהר פאטער, א פרומער איד געווען, און האט איבערגעלאזט נאך זיך אזא טאכטערל. ליעגט זי אויף איהר שעניק.

— און פון וואס לעבט זי?

— מענשען זיינען זיך אויף איהר מרחם, ברענגען איהר א לעפעל עסען. פון אונז טראגט מען איהר פון צייט צו צייט אויך עפעס אהין. עס איז דאך א נפש. גאט בעצאהלט איהר פאר דאס איהריגע אויף דער וועלט.

דער הימעל האט זיך פלוצלונג געשפאלטען, און גאט'ס וואגען איז איבער אונזערע קעפ דורכגעפאהרען...

מיין מאמע האט די האנד אן די שויבען אנגעריהרט און א ברכה געמאכט איבער'ן דונער.

— שמואל, שמואל! געה אוועק פון פענסטער.

די טראפען רעגען האבען אין די שויבען אנגעקלאפט. מיין מאמע האט זיך געשטעלט דאווענען שמונה־עשרה.

אין עק גאס שפילען זיך קינדער אין רעגען, אזוי ווי זיי וואלטען זיך מיט'ן טאטען אין הימעל גערייצט: דיינע טראפענס קענען אונז אין שטוב ניט ארייניאגען. טהוען זיי זיך אוים די שטיוועלעך מיט די קאפאטקעלעך און האלא! אין די רינשטאקען.

אין דעם ווערט א גערודער אין געסעל. פון דערווייטענס לויפט א אידענע מיט גרויסע געוואלדען:

— כאפט'ס! כאפט'ס!

איך קוק ארוים פון פענסטער. חנה שרה'לעס געוועלב שטעהט אין גאנצען אין רינשטאק און דאס וואסער כאפט פון איהם שטיקער האלץ ארוים: א באנק, א שטוהל, און חנה שרה'לע דורכגעווייקט אין רעגען לויפט נאך נאך די זאכען: כאפט'ס! כאפט'ס!

אין גאס ווערט א גרוים געלעכטער. קינדער וואס טרעפטשען אין די רינשטאקען און לאזען שיפען אויף'ן וואסער לויפען נאך חנה שרה'לען:

— דאָ! דאָ!
איך האָב זי געזוכט.
זי איז שוין אין גאַס ניט געווען.

---

ביינאַכט בין איך אין געסעל אַרויסגעגאַנגען, בעקוקען מיינע אַלטע חברים — די הייזער אין זייער נאַכט־שאָטען. דער שאָטען פון איין הייזעל האָט אין זיך איינגעהילט דאָס צווייטע הייזעל, און אַזוי איינ־איינעם האָט עס עפּעס געטרוימט, שלאָפעדיגערהייד צי וואַכעדיגער־הייד, די גוטע יאָהרען ווייסען זיי... נאָך דעם רעגען איז די נאַכט געווען אַ פינסטערע. שטיל איז אַרום, ערגעץ אין אַ נאָרע קלאָגט אַ הונד... ערגעץ אין אַ דאַך־שטיבעל וויינט אַ קינד... ווייט אין גע־סעל פאָהרט אַ פוהר און אַ מענש געהט פון דערוויטען, און דאָס עכאָ פון זיין טריט, ווי עס וואָלט פון אַ הוילען פאַס אָבגעקלונגען... ווייט אין געסעל קלאָגט דאָס מיהלעכעל פון אָרע קאַשעמאַכער, צורייבענדיג דעם ווייץ אויפ'ן שטיין, און עס הערט זיך דעם ווייץ'ס קרעכצען... און איבער דעם אַלעם איז צוגעדעקט אַ גרויער נאַכט־פלעק, בעהאַל־טען פון מענשענ'ס אויגען...

איך געה פאַרביי דאָס הויבע, איינשטאָקיגע הויז, וואָס שטעהט אין ליק פון אונזער געסעל. דער דאַך איז בעהאַלטען און אויסגע־מישט אין נעבעל פון דעם נאַכט־פלעק. אין דער הויך אין אַ קליין פענסטערעל, ווייזט זיך אַ ליכטעל, און עס הערט זיך אַ האַרצריי־סענדיג ברומען: אימ־מ־מ־ם! אימ־מ־מ־ם! ווי אַן איינזאַמע נשמה וואָלט פאַר זיך געוויינט.

איך קוק מיך אום.

אויף דער שוועל פון דעם קעלער־שטוב ווייזט זיך אַ אידענע, די בעקעריו, אין אַ טוך איינגעהילט, און ווייזענדיג מיר מיט'ן פינגער אין דער הויך צו'ם פענסטערעל זאָגט זי:

— קיין אויג לאָזט דאָס ניט צומאַכען אַ גאַנצע נאַכט, אָט אַזוי ברומט דאָס.

— וואָס וויל זי דאָס אַזוינס?

— איין גאָט ווייסט זי, ליגט אַ גאַנצע נאַכט און ברומט; זיי זאָגען דאָך: אַ בריעף וויל זי שרייבען. געה פרעג אַ שטומען!

איך בין ארויף אויף די פערקרימטע טרעפ, אריין צו איהר אין שטיבעל. אויפ'ן בעט, אין וועלכען די קישענס מיט די קאלדרע האַ־בען נאך דערמאהנט אן די גוטע צייטען, איז הינדעלע געלעגען. דער טונקעלער שיין פון דעם פערוויכערטען לעמפּעל האט האלב בעלויכ־טען איהר קערפּער און די ווייסע הענד, וועלכע האבען ווייך דעם קאפּ ארומגעהאלזט. די צולאזטע טונקעלע האהר, וועלכע זיינען געווען פער־בארגען אין שאטען, האבען, דאכט זיך, דאס גאנצע בעט צוגעדעקט. אין איהרע אויגען האט א שווארץ ליכטעל געברענט, און פון דער אויפגעדעקטער ברוסט האט ארויסגעשמעקט דער געשמאק, מיט וועל־בען די קישענס און די קאלדרע האבען דערמאהנט אן גוטע צייטען...

— דו ווילסט שרייבען א בריעף צו איהם? — פרעג איך זי.

א ליעבליכער שמייכעל האט איהרע ווייסע צייהן בעלויכטען.

איך האב אויפגעדרעהט דעם קנויט פון לעמפּעל, ארויסגענומען פון מיין בוזעם מיין ביכעל, און הויב אן שרייבען, לעזענדיג איהר הויך, וואס איך שרייב.

„צו מיין געליעבטען...

„פארוואס האסטו מיך פערלאזט? זעה, איך בין שוין געזונד, אין גאנצען געזונד, און ווארט אויף דיר, אז דו זאלסט קומען צו מיר, וועלען מיר ביידע ביי'ם רב חופּא וקדושין נעהמען.

„זעה, איך ווארט אויף דיר, איך בין שוין ווידער געווארען די „שעהנע הינדעלע". די האהר וועל איך מיר צולאזען, איך וועל פאר דיר זינגען, ווי דענסטמאל, דענסטמאל..."

א ווארעמער נערוו האט אין מיינע גליעדער געגעבען א ציי־טער... זי האט מיך ביי דער האנד אנגענומען. אין איהר האנד, אזוי שוואך און בלייך, האט געציטערט דאס גאנצע צערטליכקייט פון א פרוי, וואס איז קראנק געווען און קומט ביסלעכווייז צוריק צום געזונד. דאס געזיכט האט זי טיעף אין קישען איינגענורעט, און אנגעהויבען צו וויינען, אבער אזוי טיעף געוויינט, אז זי האט די טרעהרען גע־קושט, געטרונקען אין זיך...

איך האב אויפגעהערט צו שרייבען. דערנאך האט זי פון מיין האנד דאס בלאט גענומען, אויף וועלכען די פאר ווערטער זיינען גע־ווען אויפגעשריבען, און טיעף און צערטליך דאס בלאט צו איהרע

בריסטען געטוליעט, דערנאָך האָט זי דאָס פּאַפּיער פּעסט, ערנסט און לאַנג געקושט:

איך האָב געפיהלט, אַז דאָס, וואָס עס האָט איהר האַרץ ערפילט חדשים, וואָכען, טעג, און זי האָט עס ניט געקענט מיט די ליפּען אַרויס־ברענגען, האַלט זי יעצט אין איהרע הענד, און טוליעט עס צו איהר ברוסט...

יעדער נאַכט בין איך אין איהר שטיבעל געקומען, און איהר בריעף געלעזען פון מיין אנגעשריבענעם ביכעל, און זי האָט דאָס שטיקעל טויטע פּאַפּיער צו איהר ברוסט געדריקט...

פון דענסטמאָל אָן האָט איהר מורא־דיגער ברומען אויפגעהערט אין דער שטילער נאַכט דאָס שטילע געסעל צו שרעקען.

דאָס איז געווען מיין איינציגע טובה, וואָס איך האָב געקענט טהאָן פאַר אַ שטומע...

# אַ גע׳גט פאַר-פאָלק.

דער הימעל, זאגען מענשען, איז אומעטום גלייך. אָבער, זעהט איהר, דעם אילזשער הימעל האָט טאַקי דער אויבערשטער דוקא דירעקט פאַר איהר געמאַכט, — דעם שטעדטעל׳ס הימעל. אָבגעפאַסט איז ער, אַז ער זאָל זיך ציהען פון דאָרט, פון נאָך דעם גוי׳עשען „בית-עולם״ ביז וויט אונטער דעם באַרג, וואָס איז אויף יענער זייט שטעדטעל. אָבגעפאַסט איז ער, אַז דער סאַמע מיטען זאָל גלייך אויסקומען געגענאיבער דער שוהל. ווען מ׳זאָל דעם הימעל מעסטען, וואָלט אויסגעקומען, אַז דאָס פעהנדעל פון דער שוהל שטעהט פונקט אין מי-טען הימעל, און מיט אַ כיון איז דאָס אַזוי געמאַכט געוואָרען, כדי דער הימעל זאָל קענען אַלע צודעקען, אַלע שיצען, אַפילו דעם גוי׳עשען „בית-עולם״. זיי זיינען דאָך געווען אילזשער גוים, און אַן אילזשער גוי, מוזט איהר וויסען, איז אַ רעכטער צדיק, האַלט מעהר פון שבת איידער פון זונטאַג — זאָל ער זיך אַן עצה געבען, אַז שבת זיינען דוקא אַלע געוועלבער פערמאַכט און זונטאַג אָפען... אַפילו דער אילי-זשער סטראַזשניק איז אויך מעהר איד ווי גוי! ער רעכענט זיך מעהר מיט׳ן אידישען לוח, איידער מיט זייער׳ן... אַפילו זיין מונדיר טראָגט אויף זיך דעם ריין אידיש-אילזשער חן, אויך דאָס היטעל זיינס און די שליפעס! נאָך מעהר, אַפילו אויף דעם שפּיץ פון דער קירכע וואָלט מען געקאָנט בעמערקען אויך עפּעס אידישעס: אויף דעם דריידעלע און הנ׳דעל, וואָס איז אויף דעם שפּיץ, ליעגט עפּעס אויס-געגאָסען נחום מאיר דעם גלעזער׳ס שיק...

און אַפילו אין אַזאַ אילזשע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ דייטש און דאָס איז געווען יחזקאל מיכאל׳ס.

יחזקאל מיכאל׳ם איז אמאל געווען א בית־המדרש־בחור, האט ער חתונה געהאט פון אילזשע, און דערנאך אז ער האט שוין געהאט א קינד, פאלט איהם איין א נארישקייט און ער פאהרט אוועק נאך ווארשוי. קומט ער צוריק דייטש געקליידעט. דער שווער הויבט אן שרייען, דאס ווייבעל וויינט און מען כאפט דעם גוי אריין צום רב.

דאס וואסער איין אילזשע האט א נאמען און גט׳ן מעג מען.

און דאס ווייבעל וויינט און נעהמט א גט.

דאס קינד איז געבליבען ביי איהר, ער איז צוריק נאך ווארשע.

אויף אלע יום־טובים קומט ער אהיים צו זיינע עלטערן. אין שטעדטעל זאגט מען אפילו, אז דאס פאר פאלק האט נאך צווישען זיך א גרויס שיכות. נאר דאס איז א ליגען. דאס ווייבעל קאן זיין נא־מען ניט הערען, און וויל ניט נאך אמאל חתונה האבען נאר דערפאר, ווייל זי וויל דאס קינד זאל אביסעל עלטער ווערען.

---

געוועזען איז עס שבת נאך מיטאג, אילזשע האט אויפגעעפענט איהרע טויערען און ארויסגעפיהרט איהר ביסעל פערמעגענס אין גאס ארוים. איטליכעס ווייבעל, וואס האט נאר וואס עס איז פערמאגט, איטליכעס מיידעל, וואס האט נאר געהאט בעהאלטען א וועלכע עס איז שמאכטע, האבען זיך אנגעטהאן, אויסגעפוצט און שפאציערען גע־גאנגען. אויף צו ציערען זיך, און צו שפאציערען האט אילזשע איהר בעזונדער שיק. עפעס דאס געהן פון יעדען ווייבעל, פון יעדען מיידעל איז מיט א כיון, עפעס מיט א בעזונדער מיין: „זעהסט, איך האב מיך אויסגעציערט, געה איך מיר שפאציערען, כדי צו בע׳חנ׳ווען איל־זשע מיט מיין שעהנקייט"...

---

פאר א הויז שטעהט יחזקאל מיכאל׳ס, א הויכער יונגערמאן, אנגע־טהאן אין א שווארצען קאפעליוש. דאס שנירעל פון קאפעליוש איז צוזאמענגעפלאכטען מיט דעם שנירעל פון די ברילען, און ער שטעהט און קוקט מיט א געלעכטערעל אויף די שפאציערענדע. קינדער רינג־לען איהם ארום, בעקוקען איהם פון קאפ ביז די פיס; די עלטערע

מענשען שטעהען פון דערווייטען. איינער מיט קאָפּ און באָרד פול מיט פעדערן און מיט וואַנצעס, וואָס טראָגען נאָך אויף זיך דעם סימן פון געטרונקענעם רויטען ווישניאַק, שטעהט און טייט מיט אַ פינגער אויף איהם. מיידלעך און ווייבלעך וואַרפען אויגען און פערשעהמענ־דיג לויפען זיי פלינק פאַרביי. טהייל ווייזען, אַז זיי זיינען ניט קיין קליינשטעדטיגע בהמות און קוקען איהם גלייך אין די אויגען אריין. און ער קוקט, שמייכעלט, מאַכט אַ מינע פון אַ גרויס־שטעדטיגען און קוקט זיי גלייך אין די אויגען.

באַלד, עפּעס ווי פון הימעל אַראָבגעשפּרונגען, איז צו איהם צו־געגאַנגען אַ קליין פינף יעהריג מיידעל, אָנגעטהון אין אַ רויט קליי־דעל מיט אַ ווייס שערציל, און גלעטענדיג יחזקאל מיכאל׳ס ביי דער האַנד, האָט זי ליעבליך געקוויטשעט:

— טאַטעשי, טאַטעשי!

יחזקאל מיכאל׳ס האט ארומגענומען דאָס קינד, עס אויפגעהויבען, צוגענומען עס צו זיין האַרץ און געטריי געקושט.

— זעהסט, טאַטעשי, — זאָגט דאָס קינד, — מאַמע האָט געקויפט, — און זי ווייזט דאָס נייע רויטע קליידעל, אין וועלכען זי איז געווען אָנגעטהאָן, דאָס שירצעל און די שוואַרצע שיכלעך.

און ער גלעט דאָס קינד:

— מאמע האט אבגעוואשען, אויפגעקעמט, און געשיקט צום טאַ־טען, — זאָגט ווייטער דאָס קינד אויפהויבענדיג די קליינע אויגעלעך אין דער הויך צום פאָטער צו, און פון די דינע רויטע צוזאַמענגעצוי־גענע ליפּעלעך האָבען זיך אַרויסגעוויזען צוויי שורות ווייסע צייהנער. די הערעלעך האָבען לייכט געציטערט איבער איהר דינעם האַלז.

ער שווייגט און גלעט דאָס קינד.

הינטער אַ טויער, וואָס איז גלייך געגענאיבער, שטעהט אַ יונג ווייבעל און קוקט ארויס דורך אַ שפּאַלט. זי זעהט, ווי יחזקאל גלעט דאָס קינד, אַזוי ווייך אַזוי טאַטע׳דיג, און ווי דאָס געזיכט פון קינד לאַכט פון פרייד, שפּרינגט צום טאַטען. דער מוטער טהוט דאָס אַ

גרויסע הנאה; באלד אבער רוקט זיך אראב איהר קליינער שטערן, און א זיפץ לאזט זיך הערען אין דער שטיל.

— טאטעשי, קום, רייסט דאס קינד דעם פאטער ביי דער האנד.

יחזקאל מיכאל'ם האט אנגענומען דאס קליינע קינד ביי דעם קליי־נעם הענטיל און מיט איהם שפאציערען געגאנגען.

די זון האט זיך אלץ מעהר און מעהר אנגעהויבען ארונטערלאזען אונטער דעם בארג, און זיך פערבלאנדזשעט דארט טיעף צווישען בלאהע אינזלען. א לייכטע כמארע שוועבט אויף דעם הימעל, און דארט איבער דעם בארג זיינען עפעס ווייסע וואלקען, ווי ווייסע בערג בע־גילדעט געווארען, און ווארפען א גלאנץ אויף דעם שפיץ פון דער חורבה, וואס איז אויף דעם בארג.

יחזקאל געהט מיט דעם קינד טריט ביי טריט, און גלעט עם לייכט מיט דער האנד איבער די געגרייזעלטע הערעלעד.

הינטער דעם טויער שטעהט דאס ווייבעל און קוקט נאך און שמייכעלט, דער טאטע מיט'ן קינד געהען פאר'ן טויער דורך.

דאס ווייבעל איז פלינק ארונטער דעם פלויטעל, וואס איז ביי דעם טויער, און קוקט מיט איין אויג ארויס.

זיי זיינען פערביי־געגאנגען, און זי איז ארויס פון דעם פלויטעל. איהר רויט געזיכט, וואס האט זיך ארויסגעוויזען פון אונטער דעם שייטעל, האט אין דער שטיל געשמייכעלט.

— זעהסט, טאטעשי, דא וואהנט די מאמעשי, קום! — זאגט דאס קינד, ציהענדיג דעם פאטער ביי דעם ארבעל.

ער איז שטיל געווארען און האלטענדיג פעסט דאס קינד ביי דעם הענטיל, איז ער ווייטער געגאנגען.

דאס קינד האט זיך פלוצלונג אומגעדרעהט און האט דערזעהן, די מוטער שטעהט פאר דער טויער.

—טאטעשי, טאטעשי, — די מאמע, די מאמע! — האט דאס קינד פרעהליך געטאנצט, ציהענדיג דעם פאטער ביים ארבעל, און ווייזענדיג מיט'ן פינגער אהין צום טויער...

עפּעס ניט ווילענדיג האָט זיך יחזקאל מיכאל׳ם אומגעקעהרט און האָט דערזעהן זיין געוועזענע פרוי.

אַ מינוט איז דאָס פּאָר־פאָלק געשטאַנען און געקוקט איינער אויף דעם אַנדערען, באַלד אַבער האָבען זיי זיך ביידע אָן עפּעס דערמאָהנט, זי איז פלינק אַרונטער דעם טויער, און ער, האַלטענדיג דאָס קינד ביים הענטיל, איז מיט גיכע טריט ווייטער אַוועק אין געסעל.

— טאַטעשי, טאַטעשי, — די מאַמע, די מאַמעשי דאָרט.

# קראָקוי.

## (זיי און מיר).

**געווידמעט סטאַניסלאַוו וויטקעוויטש.**

---

### I

### דער „רינאַק“.*)

זיי זיינען די בעלי־בתים, מיר — **די שכנ'ס־שכנים. איך** וועל אָנהויבען פון די בעלי־בתים.

דער מאַרק דאָס איז די מזרח־וואַנד אין קראָקוי. הויכע שמאָלע הייזער שטעהען איינגעקוועטשט איינער צום צווייטען, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך אָנגענומען ביי די הענד; האָבען זיי מורא פאַר עפּעס און זיי האַלטען זיך אין איינעם, איינע דאָס צווייטע אונטערגע־שטיצט? אין מיטען „רינאַק“ די לאַנגע „צוקערניצע“ מיט איהר פּוילישער קאַפּקע אויפ'ן קאָפּ. די — באָבע אַרום די קינדער. די באָבע אין דער ברייטער שירץ, מיט די ברילען אויף דער נאָז פער־צעהלט אַלטע מעשיות די אַרומיגע הייזער:

„עס איז אַמאָל אַ פאָלק געוועזן,
עס איז אַמאָל אַ פאָלק געוועזן“.

אין דער שטילער נאַכט איז עס געוועזן, **איך האָב אַליין אין די** גאַסען געבלאָנדזשעט. כ'לעבען, אין „רינאַק“ איז גוט צו בלאָנדזשען. דו פיהלסט דיך עפּעס זיכער צווישען אַלטע, ערענסטע הייזער —

---

*) דער מאַרק אין קראָקוי.

עס איז זיך דאָ אויף װעמען צו פערלאָזען... דער הימעל איז געװען אויסגעשטערנט, איין שטערן, װייט אָבגערוקט פון צװייטען, האָט מיט שטיל־שװייגעניש דאָס זייניגע זיך געטהאָן. די לבנה האָט פון לאַנגװייליגקייט אין פליסענדיגע װאָלקען זיך געטונקט, טהיילמאָל האָט זי אונװיסענדיג אַ דאַך בעלויכטען, און די הייזער, איינס האַרט ביים צװייטען, שטעהען און שװייגען. אָן ערנסט שװייגען — ניט זיי שלאָפען, ניט זיי זיינען אויף, נור קוקען דיך שטום אָן — װילען דיר עפּעס זאָגען און זאָגען ניט: זיי האָבען אין זיך אַ ערנסטען סוד בעהאַלטען און האָבען דאָס מויל פערמאַכט... אין זייערע שװאַרצע לעכער, דאַכט זיך דיר, ליעגען די העלדען פון „פּאַן טאַדעאוש" טויט איינגעשלאָפען, אין זייערע ברייטע, לעדערנע פּאַסקעס, און זייערע פּוילישע „שאַרמאַנקעס" מיט די שװערדען אין דער האַנד און די היטלען אויפ'ן קאָפּ. פון ערגעץ װאו אַ פענסטער שיינט אַ שטראַהל ליכט אַרויס. צי האָט זיך ניט דאָרט, טהיילמאָל, אַ טויטער אויפגעכאַפּט? באַלד דערויף איז דאָס ליכטעל שוין אויסגעגאַנגען. אַ פּנים, יענער דאָרט האָט פערשטאַנען, אַז עס איז בעסער צו חלומ'ען װי אויפצוזיין, און האָט זיך װייטער שלאָפען געלעגט...

די נאַכט איז שטיל, די נאַכט איז רוהיג. מען װייסט ניט, װען עס האָט זיך אָנגעהויבען אַריין צוגנב'ענען אַ ליכטיגער שטראַהל אין הימעל אַריין און טיעף, װייט און ברייט אין הימעל געלאָזט אַ כװאַליע בלוט אין איינער פון די װעלען אויפ'ן הימעל און דער רויטער גלאַנץ גיסט זיך אויס און קוקט אַרויס פון צװישען די צװיי הויכע שפּיצען פון דער „מאַריאַנסקער" קירך אין דער װעלט אַריין. די נאַכט, אָדער דער טאָג שוין, קוקט מיט גרויסע ברילען אויף דער שטאָדט. די הייזער װי פריהער שטעהען שטום, נור זיי האָבען פון זיך אַ סוד אַראָבגעװאָרפען. און הויכע מצבות בעגעגענען דעם טאָג מיט גלייכגילטיגקייט.

פון „מאַריאַנסקען" טהורם אַראָב פערבלאָנדזשעט זיך אַ שפּיעלען פון אַ טראָמפּייט און זאָגט אָן דער גאַס און װעקט די גאַס: דער מאָרגען ברעכט אויף!

די אַלטע, הויכע מצבות האָרכען אויס מיט גלייכגילטיגקייט דעם טראָמפּייטער'ס שאַלען.

## אין מוזעאום.

עס האט אמאל א העלד געלעבט. דער העלד איז געשטארבען. זיינען געקומען זיינע אייניקלעך און האבען אויפגעזוכט זיינע טאבאק־קעשטעלאך, זיינע סידורים און האבען דאס אויסגעציערט און אויס־געפוצט, אין דער גלעזערנער שראנק אריינגעשטעלט: א אנדענקען פון זיידען.

און אויסגעזוכט האבען זיי די צובראכענע ציגעל פון זיידענ'ס אויוועז און האבען זיי גלייך געשטעלט. א רחמנות, נעביך. מען זעהט בחוש, א פאלק וויל ניט געהן אין קבר אריין. און מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט צובלוטיגטע הערצער, האבען זיי אויפגעקליבען די שטיקלעך, די ברעקלעך וואס שטעלען צוזאמען א פאלקס־נשמה, א פאלקס־הארץ, און קלייבען צוזאמען, מיט אלע כחות עס צו דער־האלטען:

„קומט לאמיר צוזאמענקלייבען די נשמה!"

און דעם זיידענ'ס פערראסטעטע שווערדען האבען זיי צוזאמענ־גענומען און אויסגעשטעלט זיי אין ברייטע שויבען שאפען: „אונ־זערע שווערדען" „דעם זיידענ'ס שווערדען". שווערדען אין א מו־זעאום — איז דאס ניט דער צייכען פון טויט? שווערדען אלס אנ־דענקען זיינען געוועזענע שווערדען.

געוועזענע שווערדען, אויסגעדיענטע עפאלעטען! שליפעס אין דער שראנק — קענען שוין ניט בעפעהלען.

„פאמיאנטקעס", מצבות אויף העלדען:

„עס איז אמאל א פאלק געווען,

עס איז א פאלק געווען"...

עס רייסט דאך ביים הארץ...

## אין דער גאס.

געה איך אין דער גאס, מענשען לויפען, איילען זיך, האנדלען און וואנדלען, די עלעקטרישע טראמווייען דווישען און ווי משוגעים לויפען זיי אין מארק ארום. מענשען שטעהען און דינגען זיך, מען לעבט. עס קאכט א לעבען. און זעהסט דו דארט דעם אידעל מיט'ן איינגעקנויטשטען צילינדערעל אויפ'ן קאפ — ער לויפט, ער האנדעלט.

ער וואנדעלט — און הינטער דעם לעבען ווערט עפּעס אַ אַנדער לעבען: עס וויל עפּעס, עס בענקט נאָך עפּעס...

און די אַלטע הייזער שטעהען טויט-שטום און פערשלאָסען אין זיך, און מיט טרויעריגע שווערע געהיימניס קוקען זיי זיך צו צום היינטיגען לעבען: וואָס טהוען אונזערע אייניקלעך? וואָס ווילען זיי? און זיי לערנען ניט, די אַלטע, זיי ווייזען ניט קיין וועג, זיי בעפעהלען ניט — נור קוקען זיך צו און שווייגען.

## אין „וואַוועל".

עס איז דאָך אַ געלעכטער, אָבער דאָך אַזוי. די „פאָלקס-פערזאָרגער" האָבען מורא, אַז די נשמה זאָל ניט אין איינעם מיט'ן טויטען קערפּער אָבשטאַרבען, נעהמען זיי אַן צוזאַמען שטיקלעך נשמות און ווילען די נשמה איינמויערען אין אַ שטאַרק, פעסט געבויטען הויז, פערזיעגלען זי מיט זיעבען זיעגלען, היטען, אַז די נשמה זאָל ניט אַנטלויפען. זיי ווילען מען זאָל אַריינקומען, איינזויגען זיך מיט דעם פאָלקס-גייסט, שטאַרקער ווערען ביי זיך.

נאַראָנים, וואָס טהוט איהר? צובּרעכט דאָס הויז, אַ נשמה אין אַ הויז? גייסט אין מויערען?

איין וואָהנונג איז נור פאַר אַ נשמה — דאָס איז דעם מענשען'ס הארץ. אַזוי לאַנג ווי די נשמה לעבט אין מענשען'ס הארץ קען זי וועלטען בויען, וועלטען איינלעגען. אַ לעבעדיגע נשמה קען נור לעבען אין אַ לעבעדיג הארץ. אַ נשמה צווישען טויטע ביינער און שטיינער? פערוויסטעט קען זי נור ווערען, קליין און גלייכגילטיג!...

וואו נור אַ ביינדעל, וואָס איז געווען ערגעץ פערוואָרפען אויף זיעבען ימים, האָבען זיי עס געבּראַכט, אין אייזערנעם קאַסטען איינגעמויערט, דאָס קריינדעל אויפ'ן קאָפּ, די שווערד אין דער האַנד.

און טהיילמאָל ביינאַכט, ווען אַ ווינד געהט פון דער וויים אויף און וועהט אויף זיגמונד'ס גלאָק, ניט דאָן אַ קלונג און עס וועקט עפּעס. אַ גרוס פון עלטערע צייטען. אַ קוש פון דער עלטער-באָבע אין דער לופט. זיי מוזען זיך דאָך דאַרט די טויטע ביינער אין זייערע אייזערנע טרונעס בעוועגען. די שווערדען קלינגען אין די טרונעס אָב, אַ ווידער-קול איז עס... נור די טרונע איז צו שווער, פון איהר זיך אַרויס-צורייסען.

## אויף מיצקעוויטש'עס קבר.

מיצקעוויטש דער טאטע פון „פאן טאדעאוש" — וואס טהוט ער דא?

געגומען זיין קערפער, אין א געמויערטע טרוגע איהם אריינגע־לעגט, א דויערהאפטיג אנדענקען פון איהם געמאכט.

נאראנים! מיצקעוויטש'עס שווערדען שטעהען נאך ניט אין מו־זעען, זיין נשמה וואנדעלט נאך ניט צווישען פיער געמויערטע ווענד. אין טויזענדער הערצער לעבט זי, זי וועט לעבען ווען איהר וועט שטאר־בען; זי וועט לעבען אזוי לאנג ביז דעם מענשענ'ס געפיהל וועט אין מענשענ'ס הארץ לעבען!

זיין שווערד האט ער ניט אין דער האנד געהאלטען, אז דענסטמאל ווען די האנד שטארבט, שטארבט די שווערד אב. זיין שווערד איז ניט אויס אייזען געווען, וואס זי קען פערראסטעט ווערען. זיין שווערד איז גאט'סווארט געווען, א טוי, וואס לעבט אויף הערצער, א טוי פון תחית־המתים, די נשמה פון נשמות...

אין טויזענדער טרונעס ווען איהר וועט איהם איינמויערען, וועט איהר איהם ניט טויטען. פון זיין טויטען קערפער נור קענט איהר א אנדענקען מאכען. זיין נשמה האט זיך ארויסגע'גנב'ט, זי איז א לעבעדיגער טוי פאר טויטע הערצער.

איך וויל ניט וויסען, וואו מיצקעוויטש ליעגט בעגראבען.

נעהמט איהם ארויס פון אייזערנעם קאסטען, מישט איהם מיט די ערד אויס — לאזט איהם צוריק געהן צו דער נאטור, פון וועלבער ער איז געקומען. לאזט איהם צוריק צו דער מאמע־ערד ווינטער אונ־טער דעם דיקען שנעע צו ליעגען, זומער מיט אלעם צו בליהען, צו וואק־סען. דער רעגען זאל איהם נאס מאכען, דער טוי זאל איהם בעפריי־שען, און זעהסט דו דארט, א בלימעל צו א קרענצעל שמייכעלט אין הימעל אריין, עס קומט א פויגעל צו פליהען, ער גיט א צופ דאס קרענ־צעל. א טראפען פון איהם האט עס געגאסען. צו גיסט זיך ניט אויס זיין שאל־מעלאדיע אין דער לופט, ברייט און רייך?

אויף דעם געמויערטען קבר האב איך א בלימעל געפונען.

א פערשלאסען קעלך, נאך ניט צייטיג געווארען און עס הויבט זיך שוין אן צו פערטריקענען, ווי א ליעבליך אונשולדיג מיידעל, נאך

ניט אין די יאָהרען, הויבט אָן צו פערבליהען. אויף דעם פערטריקע־טען ליפען־רויז איז אַ פולע טרעהר געהאַנגען, אַ לעבעדיגער טראָפּען טוי. און די בלום זויגט חיונה פון דער טרעהר און קען ניט פער־וועלקט ווערען. די טרעהר לעבט, לעבט, וועקט און דערפרישט.

און קענסט דו דאָס מיידעל? ביים פענסטער זיצט זי, אין איינ־זאַמען דאָרף און קוקט אויף דער דאָרפ'ס גאַס. דאָרט ווייט צווישען די הויכע טאָפּאָלען פערבלאַנדזשעט אַ איד מיט'ן פעקעל אויפ'ן רוי־קען, פון דאָרט ווייט פון נאָך בערגער און טהאָלען קומט צו ציהען, קומט צו פליהען אַ פערגעסענער זימ־זימ־זים. דאָס מיידעל זיצט: „פאָן טאַרעאוש" אין דער האַנד, און אַ עלטער באָבע פערצעהלט אלטע מעשיות פון הארץ צו הארץ:

„עס איז אַמאָל אַ פאָלק געווען,
עס איז אַמאָל אַ פאָלק געווען".

און אַ פולע טרעהר אין אויג. גאָט מיינער, וואָלט איך די טרעהר פון דעם מיידעל'ס אויג אין מיר איינגעטרונקען, זי וואָלט מיר אַ נייע נשמת בעשאַפען.

ניין! איך וואָלט די טרעהר גענומען און געקומען צו מיין ארים אומגליקליך פאָלק און וואָלט טויטע מענשען מיט די טרעהר אָנגע־טרונקען. אַזאַ טרעהר — קראַנקע הערצער וואָלט זי געהיילט, צו־בראָכענע נשמות גאַנץ געמאַכט, זי וואָלט אַ ניי לעבען בעשאַפען...

אז עס פאָלט אַ טרעהר ניט אויף מויערען, ניט אויף ציגעל און לעהם, נור אויף אַ בלום, ווער ווייסט, וואָס אַזאַ טרעהר קען בע־שאַפען!...

---

## II

### קאַזמיערש.*)

אז משיח וועט קומען און אידען קיין ארץ־ישראל פיהרען, וועט אַ פוילישער פריץ מיט די טויזענדער אָבוועגען אַ איד, אָבי ער זאָל זיך אין זיין דאָרף בעזעצען. אין אַ פוילישען דאָרף אָהן אַ אידישען

*) קאַזמיערש דאָס איז דאָס אידישע קוואַרטאַל פון קראַקוי.

"פאכטארש"*) אהן א אידישע „קרעטשמע" פעהלט עפעס ווי א בלי־מעל אין א הויז... גוים דארפען דעם איד, אז ניט דאס בערדעל צו צופען, כאטש „מה יפית" צו זינגען — א גוי געהט אוים פאר א אי־דישען „מה יפית" — מיצקעוויטש האט דעם שעהנסטען „מה יפית" אין יענקעל מוזיקאנט'ס מויל אריינגעגעבען. „קאזמיערש" מאכט דעם איינדרוק ווי אזא מין אידישער „פאכטארש" אין קראקוי... און דער פאכטארש האט זיך זיין וועלט פאר זיך...

אן ארים אידיש מנין האט זיך ארומגעקליבען ארום די אלטע שוהל, אזוי ווי זיי וואלטען מורא האבען אליין אין גלות איבער צו בלייבען, ווילען זיי זיך פערלאזען אויף א גדול. אין מיטען כאפט זיך אריין איינס מיט דער „אויפגעדעקטער שאנד", דאס מיין איך, מיט אן אב־געריסענעם דאך, מיט אבגעריסענע ווענד, נור דאך ווערט עס ניט געפאלען ביי זיך און עס ווערט ניט אן דעם יחוס. א אטלעסענע קאפאטע, כאטש זי איז צופליקט, צוריסען, פענדעסטוועגען איז זי מעהר שבת'דיג ווי א גאנצע, א נייע קאפאטע... א פערשעהמט מנין. זייע־רע בעלי־בתים זיינען דאך נור אידען וואס זיצען אין דער גאס ביי די אונטערגעהייצטע קוימענס און פערקויפען געבראטענע קארטאפ־לעס... און פרעהען זיך, אז די קעניגין יאדוויגא האט פאר אונז „זשידקעס" א פרוכת אויפגענעהט אין דער אלטע שוהל אריין... אט געה, נעהם אראב די געטהא־קייט, וואס העגגט נאך אויפ'ן וואנד ביים אנהויב „קאזמיערש" און לעג זי איבער דער צווייטער זייט וואנד אריבער, האסט דו ווידער דאס „געטהא" פארטיג.

ביי נאכט איז עס נעווען. פון „רינאק" בין איך אויפ'ן „קאז־מיערש" ארוים. די הייזער זיינען געשטאנען, ווייל זיי זיינען געשטא־נען — און האבען מיט שטיל־שוויגעניש ווי א טויט, ערגענסט געזיכט נאכגעקוקט און בעטראכט אליץ וואס איך טהו.. נור טהיילמאל האט זיך מיר געדאכט, אז מען פערצעהלט מיר עפעס. מ י ר, דעם איינ־קעל. מען וויל מיר עפעס איבערגעבען, זאגען „נו, וואס?" און זיי קוקען מיך אן און שווייגען. און איך האב מיך געפיהלט אזוי משפחה'־דיג צווישען זיי, מיינע זיידעס. — אט, דא בין איך אין דער היים, ביי אונז...

*) פאכטארש — מולכיגער.

און אַלץ אַרום איז שטיל און שוואַרץ געוועז. ניט געשטאָרבען איז עס, נור בעהאַלטען אין זיך, טיעף אין איהר געהיימנים איז די גאַנצע גאַס געוועזן איינגעטונקט און געלעבט איהר שטיל-שווייגענדיג לעבען. פון הימעל קוקען אַראָב די שטערן און שווייגען און פרעגען גאָר ניט. די אַלטע שוהל איז אין דער ערד איינגעזונקען, אַז זי זאָל זיך ניט מיט איהר שפּיץ וואַרפען אין די אויגען דאָרט זיי, אויף יענער זייט קייט... פון די שוואַרצע פענסטער קוקט אַרויס דער שוואַרצער גלות און שרעקט און טרייסט אין איינעם. פון אַ זייטען-פענסטער דרינגט אַ שטראַהל ליכט אַרויס, אַ נשמה-ליכט אויף אַ גאַנץ פּאַלק. פינסטער און שטיל איז אַרום און אומעטום, — און דיר דאַכט זיך, אַז גאָט אין הימעל האָט זיך דאָס פּנים צווישען ביידע הענד פערשטעלט, וויינענדיג אויף חורבן בית-המקדש.

און אין דער שטילער פינסטערער נאַכט האָבען איינזאַמע טריט אויף שטיינער אָבגעקלאַפּט און אַ טרויעריג-וויינענדיג געזאַנג האָט זיך פון דערווייטען געלאָזט הערען:

שטעהט אויף, שטעהט אויף:
אידעלעך,
כשר'ע אידעלעך.
פרומע אידעלעך.
שטעהט אויף, שטעהט אויף!
צו עבודת הבורא...

פון אַ שוואַרץ פענסטער האָט אַ שטראַהל אָנגעהויבען אַרויס-צושיינען...

## ביים ברעג פון דער ווייכסעל.

נאַכט איז עס.

צואוואַרפען זיינען די הייזער, שיטער, איינס ווייט אָבגערוקט פון צווייטען, זיי שטעלען זיך ניט צוזאַמען, נעהמען זיך אָן ביי די הענד, רייסען זיך אָב פון גאָט'ס פרייער וועלט, און ווערען צוזאַמען אַ שטאַרקע מויער און אַן איינענע, בעזונדערע שטאָדט. ניין, פערלאָרען זיינען זיי אין שטח, אויסגעמישט מיט אַלעס, פערשלונגען, פערטרונקען אין דער אונענדליכקייט, וואָס איז אַרום און אַרום...

און פריי ביזט דו, פריי אויף גאָט'ס וועלט.

ווארפט זיך דיר אמאל אין די אויגען א שווארצער פלעק, און א ווייסער שטרוי־דאך קוקט אראָב פון דער הויך, דאכט זיך דיר, עס איז פון דער הוילער הויט ארויסגעוואקסען, ניט קיין מענשענ'ס הענד האָבען דאָס געמאכט, נאָר אויסגעוואקסען איז עס ווי די גרעזער אין פעלד, ווי די בוימער אין וואלד.

און פער'חלומ'ט איז אַלץ אין גאָט'ס לייטזעליגען שלאָף, און אַלץ בויגט זיך, טוליעט זיך איין צו דער מאַמע'ס ברוסט — דער ערד, איינגעשלאָפען אויף גאָט'ס שוים. א פנים, אַלץ ארום איז צופריעדען מיט זיין גורל, וואָס עס איז פאַר איהם בעשערט און פערלאַנגט ניט קיין בעסערס. די הויכע אויפגעשטעלטע שווארצע קוימענס גלאָצען ווי חזנים אין הימעל אריין, ווי בעטענדיג: חלילה נאָך ניט ערגער.

איך געה.

די הייזער, זיי קוקען ארויס פון איינגעהילטען שלייער — גע־נעצען און וואונדערן זיך: ווער איז דער? באַלד אָבער טוליען זיי זיך ווייטער איין — און געהייסען וואַלט עס: עס איז ניט כדאי.

אָט איז דער בארג, און איך שטייג אויף איהם ארויף.

אָן אַלטער בעקאַנטער... א זיידע איז ער, וואָס שטרעקט אויס זיין גרינע באָרד צו זיינע אייניקלאך און זאָגט: צופט, קינדערלאך, צופט, אז איהר האָט פערגעניגען דערפון. ער בויגט דעם רוקען איין: קריכט, קינדערלאך, קריכט, אז איהר ווילט אזוי. אזוי איז דער בארג, דער זיידע פון שטעדטעל; לויפט אראָב, לויפט ארויף, שפיעלט אייך מיט מיין זאָמד, מיט מיין גראָז. ליעב זייט איהר מיר אַלע.

איך שטייג ארויף אויפ'ן בארג, קריך אויפ'ן זיידען'ס רוקען.

טהיילמאַל קוק איך מיך אום. הינטען אין דעם טהאָל נעהמען זיך צונויף אַלע הייזער און קוקען מיר פון הינטען נאָך. א בלויער, היימישער הימעל איז אויסגעגאָסען פון אויבען, אויף איהם שיינען די שטערן, א לייכטער שלייער האָט ארומגעהילט דאָס שטעדטעל און פון דעם לייכטען שלייער שפּארט זיך דורך דער שפּיץ פון א קירכע און געגען איהם ווערט פערלאָרען אין שטח פון אויר דאָס קליינע פענדעל פון דער שוהל.

ווי ווייט זיינען די מענשען, ווי ווייט זיינען די הייזער, איינער פון צווייטען ביי טאָג; און ווי נאָהענט אָבער, ווי היימיש נאָהענט,

ווי משפחה'דיג שפירען זיך דא אלע הייזער ביי נאכט. אפילו דער הויכער שפיץ פון דער קירכע און דאס קליינע פענדעל פון דער שוהל האבען פערגעסען זייער שטענדיגע מלחמה, וואס איז צווישען זיי, און לעבען איצט אין אחדות, אין שלום; איין הימעל ציהט זיך דאך איבער זיי, אין איין טהאל זיינען זיי פער'חלומ'ט און איין גאט וואכט איבער זיי.

איך שטייג ארויף אויפ'ן בארג.

הינטען פון טהאל קוקען מיר נאך די שפיצען פון די דעכער; זיי סוד'ען איינער מיט דעם אנדערען, נאר איך וויים נישט וואס זיי מיינען. דא דאכט זיך מיר: זיי האבען רחמנות, מיטלייד מיט מיר, בעדויערען און זאגען איינער צום צווייטען: זעה, דער אנטלויפט פון אונז, פערלאזט אונז. באלד אבער דאכט זיך מיר, אז זיי, די הייזלאך, זיינען מיר מקנא: פיס האט ער, קען ער אוועקגעהן, מיר אבער מוזען תמיד שטעהן אויף איין ארט.

פון דער צווייטער זייט נידערט אראב דער בארג.

און א צווייטען הימעל האט גאט דא, צו זיינע פיס אויסגעגאסען, א פיעל מילדערען, א ליעבערען און א מעהר היימישען. דאס איז די וויכסעל, אונזער הימעל אויף דער ערד.

יענעם הימעל אין דער הויך האט גאט פאר זיך מיט זיינע מלאכים געמאכט. ער ציהט זיך אין דער הויך, קוקט מיט שטאלץ אין דער ניע־דער אראב. ער וויים פון זיין גריסקייט, ער וויים, ווי הויך ער איז פון די מענשען און פון די ערד, וואס פאר א לייטזעליגקייט גאט האט אויף איהם אויסגעגאסען, וואס פאר א גאלדענע ליעבע שטערן ער פערמאגט און וואס פאר א טהייערען שאץ ער האט — די לבנה, וואס באדט זיך אין איהם. ער וויים זיין פערמעגען, און ווי א גרויסער נגיד קוקט ער צו דיר אראב.

אנדערש אבער איז דער הימעל, וואס גאט האט דא אויסגעגאסען אויף דער ערד. די וויכסעל איז אונזער הימעל, א הימעל פאר אזעלכע געוועהנליכע, ארימע מענשען, ווי מיר זיינען. דער ערדישער הימעל גיסט זיך, און גיסט זיך און מישט זיך אוים מיט אונזער נשמה, גיסט זיך צוזאמען מיט אונז.

נישט ער בלאנדזשעט, נישט ער בלאנקעט, נאר זיין וויכע, מאַ־מע'דיגע אויסזיכט אין אונז גאהענט. נישט פארכט האסטו פאר איהם,

אַז איינשלינגען וועט ער דיך, נאָר דו פערטרויסט זיך, פערזיכערסט זיך אויף איהם; עס גלוסט זיך דיר דיין גאַנץ הארץ פאַר איהם אויס־גיסען, איהם אַלץ דערצעהלען, ווי פאַר אַן אייגענער מאַמע.

עס גלוסט זיך עפּעס אַזוי דעם מענש זיינע טרעהרען אין איהם אריינצוגיסען, אַז זיי זאָלען זיך צוזאַמענמישען מיט זיין וואַסער.

עס רינט דאָס וואַסער, איין כוואַליע יאָגט נאָך דער צווייטער. דאָס וואַסער גיסט זיך און גיסט זיך, און עס דאַכט זיך: עס זינגט אויס דיין ליעד, עס דערצעהלט אַלץ, וואָס עס טהוט זיך אָב אין דיין הארץ, וואָס איז בעהאַלטען, פערבאָרגען אין דיין נשמה — און דיר ווערט אַזוי לייכט, אַז ווייגען גלוסט זיך דיר ווי אויף אַ מאַמע׳ס אַ הארץ.

גאָט, דאַכט זיך, האָט אויך אראָבגענידערט פון זיין כסא הכבוד — פערלאָזט דעם הימעל אין דער הויך — און אריינגעגאָסען זיין גאַנץ לייטזעליגקייט, זיין גאַנץ הייליגקייט דאַ אין דעם אויר, אין די לופט. עס דאַכט זיך, אַז גאָט האָט זיך אויסגעמישט און צוזאַמענגעגאָסען מיט אַלעס, וואָס איז אַרום און אַרום.

און די כוואַליעס רינען, גיסען זיך צונויף איינע מיט דער צווייטער, מאַכען שלום, שליסען אחדות און בינדען זיך אָן מיט די אַנדערע כוואַליעס. יענע ווייטער קניפּען זיך צוזאַמען מיט די איבע־ריגע און דאָס וואַסער קושט מיט ליעבליכקייט, מיט לייטזעליגקייט די ברעגען פון טייך.

פון עק וועלט קומט עס און ווערט פערלאָרען אין צווייטען עק וועלט.

און דער טוי פון די טיעפע גרעזער שטייגט אין דער הויך, און עס גיסט זיך צונויף, שוועבט און ווערט אַ צוזאַמענגעוועבטע חופּה פון טוי־פּערלען מיט געטליכע קושען — עפּעס האָבען זיך צוזאַמענ־געשפּינט אין דעם לופטיגען אויר געפּרווירענע, פערגליווערטע טרעה־רען, וואָס קומען פון הערצער, וועלכע באַדען זיך אין גאַנצע קוועלען ליעבע און טרייסט, און די חופּה האָט אַרומגעהילט גאָט׳ס בעשע־פעניש׳ען.

און גאָטס בעשעפענישען זיינען פערטרונקען און פערזונקען אין גאַנצע קוועלען פון ליעבע און טרייסט.

איך זיץ ביים ברעג פון טייך.

עס הערט זיך דאָס געזאַנג פון דער נאַכט.

פון גאַנץ ווייט קומט צו שווימען דאָס קול, און ווי אַ חלום פליהט עס דורך אין דער אויר, און עס קלינגט מיט דעם ליעבען אַבקלאַנג פון וואַסער. עס שווימט באַלד אַוועק, דער וואַסער־שטראָם האָט דאָס קול מיטגעשטרוימט, צו ברענגען אַ גרוס אין עק וועלט אַהין.

אַ פויגעל ערגעץ, מען זעהט איהר נישט, פערבענקט ויך און גיסט אויס איהר פערלאַנג אין געזאַנג, און איהרע טענער שווימען צוזאַמען מיט אַ ווייטען אַבקלאַנג, וועלכער רייסט דורך דעם שלייער פון דער נאַכט, און אַלץ ווערט ווידער פערלאָרען, און שטיל איז אין דער אונ־ענדליכקייט.

ביים ברעג זיץ איך און קוק אין וואַסער אריין: אין דער הויך הענגט דער הימעל מיט די שטערן.

אין די ערד טוליע איך איין מיין פּנים און איך בעט:

— גאָט, בעט איך, פאַרוואָס האָסטו דיין וואָהנונג געמאַכט אויבען אין הימעל, זיך בעהאַלטען הינטער די וואָלקענס? קום אראָב און דאָ אויף דער ערד מאַך דיין וואָהנונג — וואָס אַרט עס דיך, אַז די מענשען וועלען ווערען מלאכים? גאָט, בעט איך ווייטער, לאָז אראָב מיין פּנים צווישען די הויכע זאַנגען — פאַר וואָס האָסטו מיך אָבגעזונדערט פון דיין וועלט? פיס מיר געגעבען פון דאַנען אַוועקצוגעהן? אויערען צו הערען דאָס אַלץ, אויגען — צו זעהען דאָס אַלץ, אַפּילו אַ האַרץ האָסט דו מיר געגעבען דאָס אַלץ צו שפּירען און איך וויל נישט זעהן, וויל ניט הערען און וויל ניט שפּירען דאָס אַלץ, נאָר אויסמישען זיך וויל איך מיט דעם אַלעס, אויסגיסען דאָ מיין נשמה און צוזאַמענגיסען זיך מיט'ן פעלד, מיט'ן וואַסער, מיט דיין לייטזעליגען טוי, מיט אַלעס וואָס איז דאָ, אַז איינס זאָל איך ווערען צווישען זיי, איינגעפּלאַנצט זאָל איך ווערען אין דיין גאָרטען, ווי אַ ביימעלע אין וואַלד, אַ גרעזעלע אין פעלד — אָבער נישט אַ פויגעלע, וואָס גיט קוים אַ פּיפּס און פליהט באַלד אַוועק...

איך ליג מיט דעם פּנים פערבאָרגען צווישען די זאַנגען.

און די כוואַליעס גיסען זיך, נישט עס קלינגען די וואַסערען, נאָר עס קושט איין כוואַליע די צווייטע. פון דערווייטען קומען צו שווימען יענע אונבעשטימטע טענער און קושען דעם אַבקלאַנג פון די כוואַליעס. ערגעץ פון אַ בוים שיקט אַ פויגעל עפּעס גלאַט אַזוי איהרע גריסען

אין דער וועלט אריין — און דאס אלץ מישט זיך אוים אין איינעם,
און עס ווערט איין געזאנג:

ווייך, קושענדיג.

און גאט האט זיין כסא הכבוד פערלאזט, אראבגענידערט און אויס־
געמישט זיך און צוזאמענגעגאסען זיך דא אין דעם קליינעם שטח מיט
אלעם וואס איז ארום און ארום.

און ארומגעהילט האט אלץ א וואלקען טוי.

ביים ברעג פון טייך ליג איך, דאס פנים בעהאלטען אין גראז.

איך בעט שוין נישט, מיין תפלה איז שוין ערפילט געווארען.

איך הער שוין גאר נישט, שפיר שוין גאר נישט, זעה נישט און
פערשטעה נישט. נאר עפעס ווי איינגעפלאנצט בין איך — איך וואקס
און לעב מיט אלעם, אויסגעמישט און צוזאמענגעגאסען מיט אלעם
— איין אבקלאנג אין דעם אלגעמיינעם געזאנג, איין פאדעם אין דעם
געוועבעכטס.

נאר איך אליין וויים גאר נישט און פערשטעה גאר נישט — און
אלע לעבען מיר, און אלע זינגען מיר, — נאר מיר אליין וויסען נישט
דערפון.

# אַ בערגעל ערד.

אַ בערגעל ערד, איך קאָן דאָס בערגעל.

אין טריבע טעג האט עס אין זיך מיינע טרעהרען איינגעזאפט, אין גליקליכע טעג האבען מיינע ליעדער דאָרט געקלונגען.

ווי אין אַ מאַמעס הארץ האב איך אין דעם בערגעל מיין פנים איינגעגראבען, אין דער ארומיגער שטילקייט האט עס מיינע זיפצען פערנומען.

און יעדען טאָג, יעדען טאָג, געה איך צו דעם בערגעל. איך געה זעהן וואָס איז מיט איהם, אָבער דער שנעע ליגט נאָך אַלץ אויף איהם.

ליעב ביזט דו, שנעע מיר, דיינע ווייסע פליעגלען האבען מיט גרויס ערבארימקייט די ערד צוגעדעקט, צוגעדעקט ווי מיט ווייסע פעדערן און אַלעס פערשטעלט. דו האָסט בעדעקט די פעלדער, בעדעקט און בעשאָטען דעם קליינעם צובראָכענעם פּלויט פון בית־עלמין, די שפּיצען מצבות האָסט דו גלייך געמאַכט: גלייך איז ביי דיר סיי אַן אָרימער, סיי אַ רייכער, סיי אַ חכם, סיי אַ שוטה, ווייל דו ווייסט, אַז אַלע קומען אַרויס פון דער ערד און אַלע געהען צוריק צו איהר; ווייל דו ווייסט, אַז אַלעס קאָן מען פון דעם מענשען אַבקויפען, אפילו זיין חלק לעולם הבא, נאָר נישט זיין טהייל, וואָס ער האָט אין דער ערד. וואו דער מענש וועט אויף דער ערד ניט פאַלען, וועט ער איינגעשלאָפען ווערען אויף זיין מאַמע׳ס ברוסט.

אַלץ האָט דער שנעע צוגעדעקט — און ווען איך שטעה אויף מיין בערגעל, מיין איך, אַז איך בין צווישען צוויי הימלען.

און יעדען טאָג, יעדען טאָג קום איך געוואָהר ווערען, אָבער מיין בערגעל איז נאָך אַלץ בעשאָטען.

עס בענקט זיך מיר אזוי צו זעהן מיין בערגעל, עס גלוסט זיך מיר צודריקען צו מיין הארץ מיין בערגעל ערד, אבער נישט דעם קאלטען שנעע, וואס ליגט דערויף.

זיי מיר געגריסט, מיין בערגעל!

די ווארימע זון האט דעם קאלטען שנעע צונעצט — און איך זעה דיר ווידער.

רוהיג ביזטו דיר געשלאפען, אונטער דעם קאלטען שנעע, דורך דעם לאנגען קאלטען ווינטער — צו שלאפען אין ווינטער, אפילו אונ־טער'ן שנעע, איז גרינג, אבער אויף צו זיין אין ווינטער...

איך בין אויף געוועזן — געצעהלט האב איך די טעג. יעדען פריה־מארגען האב איך געקוקט אויפ'ן הימעל, אויב די זון וועט ארויס און דיין ווייסע דעקע צונעצען, איך זאל דיר ווידער קענען זעהן.

געבענקט האט זיך מיר נאך דיין פראסטען מאמעדיגען אויסזעהן.

און אויף מיין בעקאנט בערגעל שטעה איך, איך קוק מיך ארום גאנץ ווייט, גאנץ ווייט. איבער מיין קאפ ציהט זיך און פערשפרייט זיך דער לאנגער אונענדליכער הימעל און שמייכעלט צו דער ערד, און אונטען, צו מיינע פיס פערשפרייט זיך און פערלענגערט זיך די ברייטע אונענדליכע ערד, און זי לאכט ארויף צום הימעל, און איך, איינער אליין, שפרייט אוים גאנץ ווייט און גאנץ ברייט מיינע לאנגע, ברייטע הענד...

דארט... פון הינטער די בוימער שטארט ארויס דער גרויסער קיר־כען־טהורעם, און אויסזעהן זעהט ער אויס ווי העגנענדיג אין דער לופטען... פאר איהם בויגען זיך די ניעדריגע דעכער פון די הייזער; דארט, אויף דער צווייטער זייט, שטארען ארויס פון דעם אלטען האלב־צובראכענעם איינגעפאלענעם פלויט די שפיצען מצבות. וואס גלאטצען זיי? ווי חזנים קוקען זיי אין הימעל בעטענדיג: גאט! שיק א טהוי פון לעבען. און אט שיקט דאך די זון איהרע ערשטע ווארימע שטראהלען.

און דארטען ווייט ציהען זיך צווי ציילען בוימער. צווישען די בוימער שווארצט זיך דער וועג. ווייט ציהט ער זיך, דערנאך פער־בלאנדזשען זיך די בוימער, עס פערבלאנדזשעט זיך דער וועג. א פוהר פאהרט גאנץ ווייט... גאנץ ווייט... און זי ווערט פערבלאנדזשעט דארט וואו דער וועג ווערט פערבלאנדזשעט.

און אויף דער צווייטער זייט קוקט אהער דער געדיכטער וואלד, עפעס מיט אַ מינע פון זעהר אַ וויכטיגען מענשען, אַן אלטען חכם, וואס איז פערטהאַן אין חכמה־זאכען.

און עס שטיפט און שפּיעלט זיך דאַס שטילע פּליסענדע וואסערעל. און אויסזעהן זעהט עס אויס, ווי א בן מלך, פאר וועלכען די אלטע חכמים־בוימער האבען דרך־ארץ, רוקען זיך אָב פאר איהם, מאַכען פאר איהם אַ וועג. און מורא האָבען זיי: אַזאַ קונדס, עס קאָן זיך נאָך איהם פערגלוסטען זיי צו בעשפּריצען מיט זיינע וועלען, און פער־טומלען זיי פון זייערע געדאנקען...

און אביסעל אַן א זייט שטעהט א קליין הייזעל, מיט אָב־געווייסטע וואנד ,און א געדיכטער רויך געהט פון קוימען ארויס און אַ פויערטע, ארומגעוויקעלט דעם קאָפּ אין אַ ווייס טיכעל, שטעהט פאר דער טהיר. פון דערווייטענס הערט זיך אַ קול: „יאַ—נ—קאַ, יאַ—נ—קאַ, יאַ—נ—קאַ“. און דער קול ווערט פערלאָרען אין אויר.

דאָרטען, הינטער דעם פּלויט, ליגען בעגראָבען די זיידעס פון דער שטעדטעל. זייערע קערפּערס האבען זיך מיט די ערד אויסגעמישט, פעראייניגט זיך מיט אַלעס. די ליכטיגע זון שיקט אויף זיי די גאָל־דענע שטראַהלען, און די ערד בליהט.

מיט דעם בלוט פון די אלטע איז זי געוואָרען געפעט. בעלי־בתים פון דאַס שטעדטעל זיינען זיי מעהרסטענס געווען... געלעבט האָ־בען זיי אויף דער ערד, אָבער אָבגעשיידט זיינען זיי געווען פון איהר. היינט בליהען זיי צוזאַמען מיט דער ערד.

און זעהסט דו, אַט קומט אַ פויגעל, פּליקט אָב אַ זאַנג, כאַפּט אַ קערענדעל, א טראָפּען פון אמאליגען פויגעל האט ער גענאַגט... און דער פויגעל פּישצעט און פליהט אוועק... פאַלען וועט אמאל דער פויגעל, עס וועט קומען אַן אנדער פויגעל אויסזוכען זיין טראָפּען אין אַן אנדער קערענדעל...

און די נארישע שטראהלען ווילען ווארים מאַכען די קאַלטע מצבות, ווארים מאַכען, אָבער נישט אויפלעבען — די הערצער לעבען אין פעלד...

דאָ אויפ'ן פעלד קריכען ארום אַ סך ווערים, דאָרטען הינטער די בוימער, אביסעל ניעדריגער פֿון די קליינע דעבעלאַך, קריכען ארום אַ סך מענשען, און זיי לעבען, זיי שילטען און זיי בענטשען זיך.

און די נארישע שטראַהלען ווילען אויפלעבען קאַלטע מצבות, אויפ־לעבען קאַלטע מתים.

דעם קאַלטען שטיין וועט איהר ווארים מאַכען, דעם מענשען'ס פּנים וועט איהר דערהיצען, אבער נישט לעבעדיג מאַכען...

און אַן אנדערער וועט אַמאָל שטעהן אויף דעם בערגעל, ער וועט זינגען מיינע ליעדער, און איך וועל זיין דאָן אין בערגעל — נאָר וועט ער כאָטש דעמאָלט וויסען, אַז איך לעב?

# א זיווג

(ערצעהלונג)

**געווען צוויי חברים אויף דער וועלט, משה'לע און** שלמה'לע. צוויי חדר־אינגלאך, אין איין חדר געלעהרענט, אין איין סדור געלעהרענט לייענען, פון איין קאנטשיק שמיץ געקריגען, און ווער ווייסט, צי פון איין קאלב פלייש אויף מיטאג נישט געגעסען. אונטערגעוואקסען — זיינען משה'לע און שלמה'לע חתנים געווארען, ביידע גאלדענע זייגערס געטראגען און פון די כלות געשמועסט. חתונה געהאט, האבען די ביידע יונגע־לייטלאך א געשעפט זיך געמאכט, א האלץ־סקלאד, — האט מען זיי אין שטאדט גערופען די „שותפים". האבען זיי קינדער געהאט, האט זיך איינער מיט'ן צווייטען משדך געווען, האט מען זיי גערופען: „די מחותנים".

מאכט זיך אמאל, אז איינער פון די חברים, שותפים, מחותנים, איז געשטארבען, און ביים צווייטען איז לא עלינו די חבר'טע, די שותפ־טע, די מחותנת'טע געשטארבען. איז איבערגעבליבען אן אלמן, א חבר, א שותף, א מחותן: פון צווייטען צד — אן אלמנה, א חבר'טע, א שותפ'טע, א מחותנת'טע.

האבען זיך אזוי דאס פאר פאלק געלעבט א צייט מיט יאהרען. די קינדער האבען זיי שוין אלע גאט צו דאנקען אויסגעגעבען, און די געשעפטען האבען די קינדער איבערגענומען און געלעבט האבען זיי פון די מויערען, וואס זיי האבען אין שטאדט געהאט. א שבת נאכ'ן שלאף איז איינער צו דער צווייטער צו־גאסט אריבערגעגאנגען און

האָבען געערדט פון אַלטע זאַכען, דערמאָהנט אַלטע נעמען, וואָס קיי־נער פון די לעבעדיגע האָבען זיי שוין נישט געקענט; אויסגערעדט זיך איינע פאַר די צווייטע דאָס הארץ אויף די קינדער מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס ווייסען נישט ווי עלטערען צו שאַנעווען, און נאָך און נאָך, און ווייטער זיך צוגאנגען שבת צו־נאַכט, אויף גאַנצע זיבען טעג.

האָט זיך זיי געלעבט טרויעריג, איינזאַם. צו די קינדער האָבען זיי נישט געוואָלט איבערגעהן. „איין מאַמע קען צעהן קינדער האַלטען, און צעהן קינדער קענען איין מאַמע נישט אויסהאַלטען“, — זאָגט די וועלט אַ גלייכוואָרטעל. און צו וואָס פאַלען צו לאַסט? ווען די אויגען און די אויערען הערען נאָך.

ווייס מען נאָך ניט עד היום אין שטאָדט, ווי אזוי דאָס איז געוואָרען. געגוג: אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, ווען דאָס געסעל האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט עס פערנומען אַ נייעס: מזל־טוב, דאָס אַלטע פּאָר פּאָלק, ר׳ משה, מיט ר׳ שלמה׳ס ווייב, די חברים, די שותפים, די מחותנים, זיינען געוואָרען מאַן און ווייב.

מען זאָגט, עס איז דאָרט צו זיי אַריינגעגאַנגען אַ אידעל, אַ דייטש, אַ ל״ו, האָט ער געוואָלט אָבטהאָן אַ שטיקעל, אַז דאָס שטעדטעל זאָל האָבען צו זאָגען און צו זינגען, האָט ער דאָס פּאָר פּאָלק אַנגעשלאָגען.

צוויי משפחות איז ביי יעדע בעזונדער געווען דאָס ווירטהשאַפט אַנדערש... אַנדערע בעטען, אַנדערע שענק און בענק, און דאָס איבער־ציעכטס אויפ׳ן בעטגעוואַנד איז אויך געווען פון אַן אַנדער קאָליר. אַז זיי האָבען חתונה געהאַט, האָבען זיי דאָס ווירטהשאַפט צוזאַמענגע־שלעפּט אין איין שטוב און אין איינעם געוואָהנט. האָבען זיך אָבער דאָס מעבעל און די ציבער־איינשיטס געקריעגט צווישען זיך. עס האָט נישט געפּאַסט איינס מיט׳ן צווייטען — צוויי משפחות, צוויי וועלטען.

חתונה האָבען זיי געהאַט תחילת זומער. די טעג זיינען לאַנג און די נעכט זיינען קורץ. אַ גאַנצען טאָג אין מען אין דער גאָס אויף דער באַנק, פאַר דער טהיר, צווישען מענשען. פאַלט די נאַכט צו־שלעפּט מען די ציעגען פון לאַנקע אַהיים, און מען לעגט זיך אין די בעטען אריין — האָבען זיי אזוי דאָס פרעמדקייט נישט געשפּירט. ווענינ געזעהן זיך, איז ער אַהיים געקומען מיטאָג עסען, האָט איהם דעם חבר׳ס, שותף׳ס און מחותן׳ס ווייב צום טיש געגרייט — האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער עסט ביים שותף מיטאָג...

זיין ווייב, עליה השלום, האָט ליעב געהאט צו קאָכען באָבעלאָך מיט פארפעל, און ר׳ שלמה עליו השלום׳ס ווייב האט דוקא ליעב צו קאָכען באָבעלאָך מיט קארטאָפעל (דער מחותן עליו השלום, האָט זעהר ליעב געהאט קארטאפעל. א עסער געווען, זאל ער מוחל זיין, כל ימיו...) וועט ער דאָך נישט זאָגען ר׳ שלמה׳ס ווייב, ער וויל דוקא באָבעלאָך מיט פארפעל. זיין נחה׳ן וואלט ער געזאָגט, אָבער דעם שותף׳ס ווייב?...

איז אָבער אָנגעקומען דער הערבסט. פון בית־המדרש געהט מען אהיים. קומט ר׳ משה אהיים, דאכט זיך ער געפינט זיך ביים חבר, ביים שותף, ביים מחותן, אבער נישט ביי זיך... די מחותנת׳טע זיצט און שטריקט זיך אונטער די ווארימע זאָקען. זעצט ער זיך אנידער, עס איז געגרייט צום טיש, ווי להבדיל המת מן החי, פאר׳ן מחותן עליו השלום... טהוט ער זיך אן די ברילען און נעהמט זיך דעם מדרש, דאכט זיך איהם, אז מען דארף שוין צוגעהן צו זיך, נחה ווארט שוין אויף איהם...

הויבט ער זיך אויף און וויל זאָגען „גוט נאַכט“, דערזעהט ער זיין בעט שטעהט אין שכנות מיט די מחותנת׳טעס בעט... שעהמט זיך דער אלטער נעבעך זעהר פאר זיין נחה׳ן, עליה השלום...

געלעגען א גאַנצע נאַכט אין בעט און געקרעכצט, — האָט ער זיך צו־מאָרגענס געפעדערט באלד נאָכ׳ן דאווענען, גענומען דעם מעבר יבק און ארויסגעגאַנגען אויפ׳ן בית עולם צו נחה׳ן, געשטעלט זיך צו קאָפּענס פון איהר מצבה, און האָט איהר אין קבר אזוי געזאָגט:

— זיי מיר מוחל, נחה מיין ווייב; איך האָב חלילה נישט געמיינט קיין שום שלעכטס... — און האָט אויף איהר קבר אָבגעזאָגט א צעהן קאַפּיטלעך תהלים און איז אוועק מיט א רוהיג הארץ צום חבר׳ס, דעם שותף׳ס, און מחותן׳ס קבר, בעטען איהם מחילה.

קומט ער אָן צום מחותן׳ס קבר, דערזעהט ער די מחותנת׳טע שטעהט אויסער ד׳ אמות און האלט דעם מענה לשון אין דער האנד. דערזעהט זי איהם, זאָגט זי אזוי:

— איך בין דאָך שוין נעבעך א זינדיגע אשת איש, טאר איך דאָך שוין ניט שטעהן אין זיינע ד׳ אמות. לאָז דער מחותן אויף זיין קבר מחילה בעטען און איך וועל געהן צו די מחותנת׳טעס קבר און וועל פון איהר מחילה בעטען. נור וועה איז מיר, ווי וועל איך קענען פאר איהר די אויגען אויפהויבען!

אין דער מחותן געשטאַנען ביים מחותן׳ס קבר און האָט מחילה גע־בעטען, און די מחותנת׳טע איז געשטאַנען ביי דער מחותנת׳טעס קבר און האָט מחילה געבעטען. אָבגערעדט זיך די הערצער זיינען זיי אהיים אוועק. ר׳ משה האָט זיך צוזאַמענגענומען זיינע חפצים מיט׳ן טלית־זאַק און האָט געזאָגט צו דער מחותנת׳טע אַזוי:

— האָט נישט קיין פאַראיבעל, ר׳ שלמה עליו השלום׳ס ווייב.

— האָט נישט קיין פאַראיבער, נחה עליה השלום׳ס מאַן.

און זיינען זיך צוגאַנגען.

פון דענסטמאָל שעהמען זיך די אַלטע, ווען זיי טרעפען זיך ביי א קינד, איינער פאר׳ן צווייטען די אויגען אויפצוהויבען.

# דער גובערנאַטאָר קומט.

זיעבען און צוואנציג יאָהר האָבען די שטאָדט־הייזלאך איין „אַנטהועכטס" געטראָגען: אָבגעריסענע דעכלאך, מיט שווארצע פערפוילטע שינדלען בעקלאפט, די וואנד אָבגעריסען, דער קאלך אָבגעריבען, און עס האָבען זיך געוויזען די העלצלאך, וואָס זיינען ווי א שתי־וערב אַנגעקלאפט, כדי דעם קאַלך איין זיך צו האלטען. זיינען די חדר־אינגלאך אין גאס ארויסגעגאנגען „פּאַלענט" שפּיעלען, האָט מען די העלצעלאך פון די וואנד אָבגעריסען — און קאזמער איז געווען קאזמער. פאר וועמען זאל זי זיך דא אויספּוצען? מ'שטיינס געזאגט, פערשענערען זיך פאר ר' ברוך קרעמער'ס הייזעל? עס זיינען דאך אלץ היימישע מענשען, איין זקן פאר'ן צווייטען זיך שעהן צו מאכען? און עס האט קיינער ניט געשטערט. דער שרייבער, א כפּרה זאל ער זיין, איז א „טוב שבגוים": ער רעדט אידיש אין דער גאס מיט אידען און מישט ביי יעדען ווארט אריין „מיינע נאמנות", „שבת מלכה" „איך זאל אזוי לעבען". ער האט זיין געהאלט: יעדען זונטאג אַ פונט צוקער מיט אַ פיערטעל פונט טהיי און 1 רובל מיט 50 קאפּ. במזומנים. ווער גיט און פון וואס פאר א געלד דאס געהט, וויים ער ניט, מען גיט שוין.. דערפאר זיצט ער א גאנצען טאג ביי רחל'ן אין געוועלב און פערברענגט זיך מיט אידישע מיידלאך. דער סטראָזשניק, זיין מענש, אויף מיינע נאמנות, טראָגט אַ לאַנגע קאפּאָטע, אויפ'ן הוט נאר א רויטען קאנט, „א זכר אויף א סטראזשניק"... „ער געהט פאר זיך"... דער נייער פּאָסט־מאַסטער איז אפילו אַן „אנטיסעמיט" דערפאר, ווייל אידען פערקויפען איהם די גענז, וואָס דער רב מאַכט טרפה, צו 10 גילדען, וואָס זיי האָבען בעצאָהלט צו 15 גילדען. טהוט

ער אָבער קיין בייז נישט קיינעם; ער זיצט זיך אַ גאַנצען טאָג פאַר דער טהיר, קייעט רויע ארבעס און יאָגט מיט שטיינדעלאך זיינע טויבען, וואָס פליהען אַרום דעם מאַרק, בשעת אין פּאָסט שטעהט אַ גוי'ע און וואַשט וועש...

נאָר דער פעלדשער, דער פעלדשער דער אכזר, דער האָט „אַ פלייה אין דער נאָז" — פאַלט איהם גאָר איין, לויפט ער אין די חדרים און שטעלט אַלע חדר־אינגלאך פּאַקען. די מאַמעס מוזען די 50 קאָפּ. צאָהלען און די חדר־אינגלאך מיט אויסגעטהאָנענע ארבלען און פערבונדענע העמד לויפען אין מאַרק אַרום, און ווילען אין חדר נישט געהן.

און אַזוי איז זיך קאַזמער—קאַזמער, מיט גאָט'ס הילף. די הייזלעך אין די „תחתונים" קוקען איינס דאָס צווייטע אַן, די בעלי־בתים דרעהען זיך אין מאַרק אַרום, ביי דער פּלאָמפּעל, און דער באַרג שטעהט צו קאָפּענס דער שטעדטעל. ער קוקט זיך אַלץ צו און שווייגט...

---

אַמאָל, אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, בשעת די חדר־אינגלאך זיינען נאָכ'ן אָנבייסען מיט די בייגעל אין חדר געגאַנגען, לאָזט זיך פּלוצים פון פּאָליציי דער סטראַזשניק אַרויס אָנגעטהאָן אין „פּאָלנע פאָרם", מיט די צוויי אויסגעפּוצטע מעשענע מעדאַלען, האַלט אַ גרויסען, אַלטען גראַגער אין דער האַנד, און דער גראַגער לאָזט פון זיך אַרויס אַן אַלט בייזעריג כריפּעדיג קול פון אַן אַלטען, וועלכער צובייזערט זיך אויף „המן" ביי דער מגילה.

די אידעלאך האָבען זיך אַלע אַרום דעם גראַגער צוזאַמענגעקליבען, די ווייבער מיט די שטריק־נאָדלען אין דער האַנד — טהייל מיט די קאָך־לעפּלען; קינדער פון די חדרים, איינס נעבאַך מיט האַלב אָראָבגעלאָזטע הייזלאך אַנטלאָפען פון אונטער דעם רבי'ס קאַנטשיק. דער רבי — אין זאָקען, דער שוסטער — מיט דער נאָל און דער שניידער מיט שער און מאָס. און אַז דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט זיך שוין געהאַט אַרומגעקליבען, און אַז דעם רבי'ס גבאי איז שוין אויך געקומען — אין די האַלבע ווייסע שיך, און מיט דער זיידענער טיכעל, וואָס די צוויי עקען צופליהען זיך אויף צוויי זייטען קאַפּאָטע — איז דער שרייבער (אָנגעטהאָן אין פראַק, מיט מעשענע קנעפּ, און עפּעס אַ

מין נאַפּאָלעאָנישען מגולגל'דיגען צוויי־קאַנטיגען הוט, די פעדער אונ־טער דעם אויער) פּלוצלינג אין מיטען דערינגען ענטפּלעקט געוואָרען און פון אַ גרויסען בויגען פּאַפּיער האָט ער אָנגעהויבען ארויסצולעזען:

„בהיות, אזוי ווי דער גובערנאַטאָר האָט אריינגעשיקט אין די „פּאַפּיערען", אז ער האָט בדעה אין דעם יאָהר, אין דעם חודש, אין דעם טאָג און אין דער שעה דורך דאָס שטעדטעל דורכצופאָהרען, על־כן זאָלען די בעלי־בתים אויספּוצען דאָס שטעדטעל, די אָבגעפּליקטע ווענטלאַך מיט ליים בעקלעפּען און אָבווייסען; די געוועלבער־טהירען אָבפאַרבען און פאַר די שוועלען מיט זאַמד אויסשיטען — און די בלאָטע אין גאס אויסרייניגען. אויסער דעם זאָל מען דעם טאָג, וואָס דער גו־בערנאַטאָר וועט זיין, די שעפער אין די גאסען נישט גיסען און דאָ וועט נישט העלפען און פועל'ן קיין שום „כופר", נאר „פאַ זאקאָנו" זאָל עס ווערען אויסגעפיהרט אזוי און אזוי"...

ווי דער שרייבער האט דעם פּאַפּיער געהאט נאר דורכגעלעזען, איז אַ גרויסע מהומה אין שטעדטעל געוואָרען: אידען חוקרים זיינען אויף דער באַנק פאר ר' דוד לייב'ס טהיר געזעסען און מען האָט גע־שמועסט פון מלחמות, — אז דער רוס הויבט אָן מיט'ן טערק און דאס איז די מעשה... יוסף ארעל'ס, אַ איד אין אַ פאַר ברילען, דאס איינציגע „פּאַפּיערענע קראַגענדעל" אין קאזמער, וואָס דרעהט זיך אַ גאַנצען טאג אין גאס ארום און לאכט אויס די גאַנצע וועלט — האט אויך איצט געלאַכט און זיין דינינקער שמייכעל האט זיך טרויי־עריג פערצוויגען איבער זיינע דינע ליפען, און זיין דינער, קליינער געזיכט — האָט, דאכט זיך, ווי בעהאַלטען אין זיך דעם סוד פון דעם גובערנאטאר'ס קומען, נאר די נאראנים זיינען עס נישט ווערטה צו וויסען...

מיט איין ווארט, מען האט זיך גענומען צו דער ארבייט: דאס שטעדטעל האט זיך געקאלעכט; קאלך, קאלך און קאלך... טונען, פעסלאך, שעפלעך זיינען פאר יעדען הויז געשטאַנען, יעדער בעזים האט פאַר אַ פּענזיל געדיענט, און יעדער, וואס האט נאר אַ האַנד געהאט דעם בעזים צו האלטען און אַ פוס אויף די לייטער צו קריכען, איז אַ מאַליער געוואָרען. אין גאס האט מען נאר געזעהען פערקאַלכטע ווייבער, פערקאַלכטע קינדער...

אין ענין מאלעריי האט יעדער דא ארויסגעוויזען זיינע „קונצעלאך“, עם האבען זיך אויפגעוועקט דאן פערשיעדענע „אומן־ידס“. „מושלמים“ וואס אין בחור׳שער צייט האבען זיי מיט זייער בריה־שאפט אין דער וועלט געקלונגען און וואס נעבאך די פרנסה האט זיי פערשלאגען, איצט האבען זיי אלע געקענט בעווייזען זייער קענטניש און יעדער „אומן“ האט ביי די הייזלאך זיינע „דריידעלאך“ געמאכט. איין האלב הייזעל איז געווארען רויט אבגעפארבט, דאס צווייטע האלבע בלוי און ביים דאך איז געווען א מין קרענצעל בלוי אויף רויט און ביי די פענסטער איז עס אין א ראד נעגאנגען אראב. טייל האבען אויסגעצייגט זייער השלמה ביים בוידעם־לאך: דאס רונדיגע לאך, וואס שטעהט העכער איבער אלע פענסטער, איז עפעס מסוגל דערצו. די קאזמערער הייזלאך האבען ווי געשמייכעלט איבער זיך אליין... מען נעהמט א זקן, וואס דער קאפ איז איהם פערטהאן, און ציערט איהם אוים מיט „דריידעלאך“ און „שמאכטעלאך“. די וואנד האט מען אבגעפארבט, דאס הייסט, א קנייפ זיך אין באק געגעבען, אז זי זאל רויט זיין, אבער די דעכער ווינקען מיט די לעכער אראב.. אזוי איז מיט אמאל קאזמער פערענדערט געווארען, אראבגעווארפען פון זיך די „קאפאטע“, וואס צעהנדליגער יאהרען האט זי אויף זיך געטראגען, דורכגעלעבט מיט זיי אי פרייד, אי לייד, מיטגעטאנצט אויף אלע חתונות, און מיטגעטרויערט מיט אלע אבלים, אזוי, אז די קאפאטע אין שוין א שטיק פון גוף געווארען — און מיט אמאל נעהמט מען די קאפאטע און מען טהוט זי אוים, מען ווארפט זי אוועק און מען טהוט זיך נאך אנ׳אנדערע אן...

און ווער וויים, וואס פאר א צייטען וועט די נייע קאפאטע דורכלעבען. איך שטעל מיר פאר די לבנה, אז נאך דעם מולד וועט זי א האלב אויג עפענען און געבען א בליק אויף איהר אלט בעקאנט קאזמער, וואס יאהרען, יאהרען קענען זיי זיך שוין בייזאמען, זי קוקט אראב און בעגלענצט איהרע דעכער און קאזמער קוקט ארויף און פרעגט נארישע קשיות... און דאכט זיך, אז קאזמער רעדט זיך פאר דער לבנה איהר טרויעריג הארץ אוים אין דער שטילער נאכט... און מיט אמאל וועט די לבנה געבען א בליק אויף קאזמער: „וואס איז דאס? וואס טהוט זיך דאס מיט די אלטע? אויסגעפוצט זיך?“ גאט מיינער, וואס פאר א מינע וועט די לבנה מאכען?!

קאזמערער בעלי־בתים זיינען פאר די הייזלאך געשטאנען, גע־קוקט און געקליבען נחת: אויפגעלעבט, אויסגעפוצט, און עס טראכט זיך א קאזמערער בעל־הבית: אט וועט דער גובערנאטאר דורכפאהרען, ער וועט זיך זיצען ברייט אין זיין קארעטע, ארויסווארפען א בליק אויף ר' מרדכי אהרן'ס הייזעל. א, וואו! נעבען א פרעג די „צווייטע האנד": וועמעס איז דאס הייזעל? דער צווייטער וועט געבען א פרעג דעם נאטשאלניק, דער נאטשאלניק דעם וואיט, דער וואיט דעם שרייבער און דער שרייבער וועט געבען אן ענטפער: מורדכו אהרונו.

„פאריאדאטשני יעוורעי", וועט דער גובערנאטאר געבען א רוף, „לאז מען עס מיר אנשרייבען אין ספר זכרון". און אמאל וועט זיין „בלילה ההוא נדדה שנת המלך" אין יענער נאכט איז פערוואגעלט געווארען דער שלאף פון קיניג, וויאמר להביא את ספר הזכרונות — גיט ער א בעפעהל זיך צו ברענגען דעם ספר הזכרונות, וימצא כתוב — און עס וועט ווערען געפונען געשריבען, אז מרדכי אהרן... און מרדכי אהרן האט א זוהן, וואס אין צוויי יאהר ארום דארף ער שטעהן צום פריזיוו...

און „פראשעניעס" האבען זיך אידען אנגעגרייט: יעדער האט אויסגעזוכט לאנגע פערשפיעלטע ספראוועס, וואס ער האט נאך וואס געקאנט האבען א שטיקעל פרעטענזיע, איז צו לייזער אהרן דעם שריי־בער געקומען. עס איז געוועזען דענסטמאל לייזער אהרן דעם שריי־בער'ס יריד. לייזער אהרן אין די ברילען אויף דער נאז, צומאכענדיג אן אויג און גוט איינקנייטשענדיג דעם שטערען, האט יעדען אויס־געהערט און יעדען בעזונדער האט ער א סוד איינגערוימט, אז פאר איהם דירעקט וועט ער גוט נאכזוכען אין די זאקאנעס, ער פלעגט טאקי בשעת מעשה ארויסנעהמען פון אן אלמער א בעפלעקט גראב ביכעל ווי א סדור פון אן אלטען אידען, וואס שמעקט טאבאק, און צימערענדיג פלעגט לייזער אהרן אין די בלעטלאך מישען, און עפעס רעדען צו זיך. דערנאך פלעגט ער נעהמען די פעדער, דריי מאל זי מיט די ליפען נאס מאכען — און געקינצעלט זי אויף א „יעגא" און פערזיכערענדיג דעם בעל־הבית, אז די פראשעניע וועט מוזען „פא זאקאנו" ווערטער רעדען, פלעגט ער זיך פערטיעפען אין שרייבען.

אין דעם יעניגען טאג, ווען דער גובערנאטאר האט געזאלט דורכ־פאהרען, האבען קאזמערער אידען זיך צוגעגרייט גאנץ פריה. יעדער בעל־הבית האט זיך אנגעטהאן אין זיין שבת'דיגער קאפאטע, די שטי־רעל מיט מעהל אויסגעשמירט, דעם בארד אויסגעקאמט און זיך פאר זיין הייזעל מיט זיין פראשעניע געשטעלט ווארטען אויפ'ן גובערנאטאר.

א צוויי שעה זיינען די בעלי־בתים געשטאנען און האבען געווארט. דער סטראזשניק אין פאלנע פארם איז ווי א זעלנער פאר דער קאנ־צעלאריע געשטאנען, געוואונקען און געמאכט מיט די הענד צו די ארומיגע אידען. דער שרייבער איז יענעם טאג אין קאנצעלאריע געוועזען און פון דער פאטשט האט מען די וועש ארויסגעטראגען.

געשטאנען זיינען די בעלי־בתים אין דער גאס און האבען געווארט — און האבען זיך גע'חזר'ט די שפראך, וואס דער שרייבער האט זיי אויסגעלערענט ווען זיי וועלען צוגעהן די פראשעניע אפגעבען — און האבען זיך די בערד מיט די פינגער געקעממט.

יעדעס מאל האט מען זיך דערשראקען, ווארום א יונג האט געשריען: ער פאהרט! ער פאהרט!

און פלוצלינג איז ווי א בליץ א קארעטע, אין צוויי פאר פערד געשפאנט, מיט גרויס רעש און געאייל דורכ'ן מארק דורכגעפאהרען. אין די קארעטע זיינען צוויי עפעס געזעסען, איינער אין א ווייסען און איינער אין א רויטען הוט.

— שוין!

און די בעלי־בתים האבען אפילו ניט געוואוסט, וועלכער איז דער גובערנאטאר: צי דער אין רויטען הוט, צי דער אין ווייסען?

און דערנאך, אז די בעלי־בתים האבען א קוק געווארפען אויף די הייזלאך האבען זיי נעבאך אין זייערע אויגען אויסגעזעהן ווי אן אויס־געפוצטע כלה, וואס דער חתן איז פון איהר אנטלאפען. טאקי געלוינט זיך צו פוצען — נאך וואס, נאך ווען? האבען די בעלי־בתים גע־קרעכצט.

און ווער ווייס, ווי לאנג קאזמער וועט די „נייע קאפאטע" טראגען!...

# באַנקראָט.

## (הומארעסקע)

ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג האט באנקראטירט.

דאס איז קיין נייעס ניט. שוין ניט דעם ערשטען מאָל, ווי ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג באנקראטירט, נישט דאס לעצטע מאָל. גלייך נאָך דעם באנקראָט מאַכט די וועלט אַ גוואלד, א געשריי: „ווי הייסט? עוקר מן השורש זיין דארף מען איהם!" פאהרט ר׳ אהרן ליב אויף די ערשטע טעג צו זיינעם אַ שוואגער במקום שאין מכירין אותו. דאס הייסט אין אַן ארט וואו מען קען איהם נישט, און דאס ווייב געהט ארום אנגעפילט דעם קאפטען מיט די הונדערטער און קרעכצעט: „זעהט, וואס פאר אַן אונגליק עס איז אויף מיר געקומען".

דערנאָך קומט ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג צופאהרען, און ווערט מושוה מיט די בעלי־חובות, בעצאהלט אַ גאנץ פיינעם פראצענט, אַ 25־גער למשל, און דאן ווערט מען ערשט אַ גאנץ גוטער בטוח. באנקראטירט מען ווייטער אמאָל, ווערט ווייטער א געוואלד, א געשריי; איז מען זיך ווייטער משוה מיט די בעלי־חובות, ווערט מען ווייטער א בטוח, און אזוי דרעהט זיך דאס ראד ווייטער ארום — ווי עס שטעהט אין פסוק געשריעבען.

נו, האט ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג ווייטער אמאָל באנקראטירט, דרעהט זיך דאס ווייב ווייטער ארום מיט דעם קאפטען אויסגעבעטט פון הונדערט רובעל שטיקער, און ברעכט זיך די הענד אויפ׳ן אומגליק, וואס איז איהר געשעהן.

מילא דער דייטש פון לייפציג, וואס האט ביי ר׳ אהרן ליב׳ן א חוב פאר סחורה אויף צעהן טויזענד מארק, ווי ער האט בעקומען

צוריק דאס ערשטע וועקסעלע אויף צוויי טויזענד מארק אומגעצאהלט. כאפט זיך מיט'ן ערשטען צוג אין דאס שטעדטעל אריין צו ר' אהרן ליב'ן.

טרעפען טרעפט ער פונקט, ווען ר' אהרן ליב מיט'ן ווייב זאל געזונד זיין, און מיט'ן גאנצען הויז געזינד, זאל געזונד זיין, זיצען ארום טיש, און עס איז „מאהל־צייט". איז ער דאך א דייטש, „מאהל־צייט" איז „מאהל־צייט", האלט ער זיך אויף אין פאדער־צימער און ווינשט נאך אריין דורך די אפענע טהיר: „גוטען אפעטיט".

נאך'ן „מאהל־צייט" פערבעט ר' אהרן ליב דעם דייטש אויף טהעע. ר' אהרן ליב זיצט ביים טיש אויבען־אן, דאס פולע געזיכט שיינט אהן עין־הרע, (זעהט זיך אויס, דער מיטאג איז איהם געפעלען) ; ער קעמט זיך אויס מיט די פינגער די לאנגע צוויי־שפיציגע בארד און קנעט זיך צו מיט'ן פינגער ברויט־טייגלאך. קומט דער דייטש אריין, בעט ער איהם שעהן זיצען, רוקט איהם צו א שטוהל צו זיך און איז איהם מכבד מיט א פיינעם ציגאר. העלענשעלע (דאס אינגסטע טאכטעריל), דערלאנגט טהעע, און יוכבד, דאס ווייב, דערלאנגט פיין איינגעמאכטס אויף גלעזערנע טעלערלאך און קרעכצט ביטער דערצו.

— אזוי מיין הערר, אזוי מיין הערר.

איז עס דאך א דייטש, וועט ער דאך באלד ניט ארויס מיט'ן שגץ, זיצט מען און מען רעדט וועגען פערשיעדענע זאכען, ווי מיט קארן שטעהט היינט, און ווייץ איז געפאלען, און ווי עס קאן נאך זיין, אז ביז יום־טוב וועט א שנעע אראבפאלען, אוי ווי די „זאנע" שיינט היינט, און וועגען נאך אזעלכע זאכען, און די „פרוי" בעט שעהן טרינקען.

— ערלויבען זי דאך, ערלויבען זי דאך.

א דייטש איז דאך א דייטש, נאר אפילו ביי א דייטש געהט שוין אויך די גאל אריבער, רופט ער זיך אן זעהר עדעל, מיט האלבע ווערטער קוקענדיג צום פענסטער :

— מיין הערר... מיין גנעדיגער הערר.. איך גלויבע.. יא— גלויבע.. עס וואר איין מיספערשטענדניס..דאס..דאס — און ער ווייזט איהם אויף די אומגעצאהלטע וועקסלען, וואס ער האט פון בוזעם־קעשענע ארויסגענומען.

— זעהען זי, מיין הערר דייטש, — ענטפערט איהם ר׳ אהרן ליב גלייכגילטיג, קנעטענדיג די טייגלאך ווייטער און קעמענדיג די בארד ווייטער מיט די פינגער — זעהן זי, מיין הערר דייטש, שלעכטע צייטען. יא, מען האט מיר צוגענומען מיין געלד, פיעל געלד, זעהר פיעל געלד, יא, האבע קיין אנדערען „ראטה“ געהאט. יא, וואס מאכט מען?

הויבט זיך דער דייטש אויף פון שטוהל, פאמעליך, גאר פאמעליך, רוקט זיך אב, הינטערוויילעכטס נעהנטער צו צום טהיר, און אז ער איז שוין נאהענט ביים טהיר, און האלט שוין די קליאמקע אין האנד און דעם צילינדער־הוט אין דער צווייטער האנד, ווענדעט ער זיך צום אידען מיט א הויכער שטים:

— דו דיעב! דו פערפלוכטער דיעב!

און דער דייטש כאפט די פיס אויף די פלייצעס און מאכט היידא, אראב פון די טרעפ, ווי דער פייל פון בויגען, מורא האבענדיג, אז ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג זאל איהם נישט נאכלויפען, איהם נאכווארפען די וויזיטען־קארטען און פאדערען אוף א דועל.

ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג זיצט זיך אבער ווייטער רוהיג ביים טיש און פערענדיגט דאס אנגעהויבענע טייגעל, וואס ער האט געקנעטען ביים דייטש׳ס אריינקומען, אויסטרינקענדיג דעם רעשט טהעע פון גלאז.

נאר וואלטען אלע געווען ווי דער נארישער דייטש, מוז אבער פונקט דער גורל טרעפען, אז צווישען די וועקסלען געפינט זיך א אידענע׳ס א וועקסעל, דארט עפעס אן אלמנה׳ס, חיה רייצע׳ס א וועקסעלע פאר גאנצע דריי הונדערט און פופציג קארבוינים!

האט די אידענע אנגעטהאן, זאל גאט שומר און מציל און מרחם זיין!

געוואהר געווארען א אידענע ווי חיה רייצע, אז אהרן ליב ליכטענבערג האט באנקראטירט, ווישט זי זיך דאס מויל אב און רעדט גארנישט. „דאס מייניגע וועט ער אבגעבען, זאל איך אזוי לעבען“.

זי טהוט אן דאס שווארצע ראש־חודש־שלייפעל אויפ׳ן שייטעל מיט׳ן שווארצען באנד אויפ׳ן האלז, נעהמט מיט איהר יתומה, דאס כלה־מיידעל און געהט ארויף צו ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג.

ארויפגעקומען, נעהמט זיי יוכבד שעהן אויף, בעט זיי זיצען. ר' אהרן ליב אליין קומט אויך אריין און זאגט „גוט מארגען", און מען ווינשט זיך „גוט יאהר".

— וואס וועט איהר עפעס זאגען גוטעס, חיה רייצע? — פרעגט צום סוף ר' אהרן ליב.

— מיין יתומה — זאגט זי, ווייזענדיג אויפ'ן כלה־מיידעל — איז ארויפגעקומען נאכ'ן נדן.

— אזוי, זאגט ער, — אז־וי־וי — נאכ'ן נדן. האט איהר דען חיה רייצע, נישט געהערט אין שטאדט?

— יא געהערט אדער נישט געהערט, וואס געהט אונז אן, וואס מענשען פלוידערען.

— אמת געביך, חיה רייצע, הלואי וואלט עס נישט געווען אמת, ווי עס איז יא אמת.

— וואס איז אמת? פרעגט חיה רייצע איבער.

— אז איך האב נישט צו בעצאהלען, אז איך קאן נישט צאה־לען. מען האט מיר פיעל געלד צוגענומען, זעהר פיעל געלד. איך וועל אייך ווייזען די ביכער: מילא עס וועלען דאך זיין מענשען, זיי וועלען דאך זעהן.

— ווי הייסט, איהר האט נישט צו בעצאהלען?

— אזוי ווי איהר הערט.

— און וועמענס זענען די שאנקען מיט די שפיגלען, מיט דעם זילבערוואַרג, און דאס דריי־שטאקיגע הויז, און נאך, און נאך?

— דאס איז אלץ מיין ווייב'ס, זאל לעבען און מיין שווער'ס — זייער פראַצע. איך אליין בין אן ארימאן, א גרויסער ארימאן. אזוי ווי איהר קוקט מיך אן, נאר די קאפאטע, בלויז די קאפאטע אויף זיך: נאר צו נעהמען דעם שטעקען, בלויז דעם שטעקען, און אין די הייזער ארומצוגעהן.

— קומט אריין צו מיר אויך, וועל איך אייך א שטיקעל ברויט געבען — זאגט חיה רייצע, און הויבט זיך אויף, און נעהמט זיך מיט די יתומה, און זאגט זיך נאך א גאנץ גוטען טאג, און געהט זיך איהר וועג.

מיינט דאך ר' אהרן ליב ליכטענבערג, אז ער איז שוין פון איהר פטור, איז אבער אזוי נישט געווען.

ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג קומט אהיים פרייטאג צו נאכט פון דאַווענען, פון שטיבעל, טרעפט ער אַרום דעם ווייס העל געדעקטען טיש, מיט די גרויסע זילבערנע לייכטער, אַ גרעסער געזינדעל; וואונ־דערט ער זיך, קומט ער נעהענטער, דערזעהט ער חיה רייצע, זאָל לעבען, מיט איהרע זעקס יתומים, איינס קלענער פון צווייטען, מיט איהרם אַ טאָכטער אַ טראַגעדיגע אלמנה און מיט איהר זוהן אַ גרוש און מיט זייערע קינדערלאַך זאָלען לעבען, זיצען זיך אַרום טיש. זאָגט ער „גוט שבת", הויבען זיך אויף אַלע פון טיש, און ענטפערן איהם: „גוט שבת, ר׳ אהרן ליב, גוט שבת, גוט יאהר".

קוקט ער אָן דאָס ווייב, זיצט דאָס ווייב זיינס יוכבד אין אַ ווינ־קעל מיט אויסגעוויינטע אויגען, און אַרום שטעהען די קינדערלעך און ברעכען זיך די הענד: אַריינגעקומען די גאַנצע קאָמאַנדע און האָבען זיך אַרום טיש געזעצט.

געהט ער צו צו חיה רייצע:

— געוואַלד, ווי הייסט?

— ווי עס הייסט — הייסט עס — ענטפערט זי איהם.

— און דער יושר וואו איז? — פרעגט ער.

— דער יושר איז דאָרט, וואו ער איז — ענטפערט זי איהם.

— מיר זיינען אַרויפגעקומען, זאָגט זי ווייטער — הערען אייער קדוש. מען זאָגט, אַז איהר מאַכט קדוש גאָר נישקשה. נו, וואָס שטעהט איהר, ר׳ אהרן ליב? כ׳לעבען, מיינע יתומים׳לאַך זיינען הונגעריג, היינט אַ גאַנצען טאָג אין מויל נישט געהאַט.

מאַכט ר׳ אהרן ליב אַ געוואַלד:

— יוכבד, וואו איז דער סטרוזש?

קומט אַרויף דער סטרוזש און שטעהט ביי דער טהיר. ווייזט ר׳ אהרן ליב אָן אויף חיה־רייצען.

געהט דער סטרוזש צו צו חיה רייצען. ווערט אַ געוואַלד, אַ געשריי פון קינדער און קינדערלעך: געוואַלד, ער הרג׳עט די אלמנה! ער הרג׳עט די אלמנה, און זיי בעפאַלען אַלע ווי גרויס ווי קליין ר׳ אהרן ליב׳ן: „געוואַלד, די אלמנה! געוואַלד, די אלמנה!"

און פון די געשרייען הערט זיך חיה־רייצע׳ס קול, העכער פון אַלע: „געוואַלד, ער הרג׳עט מיינע יתומים! געוואַלד, ער הרג׳עט מיינע יתומים!"

אויף די געשרייען זיינען אַנגעקומען צולויפען דאָס גאַנצע גע־סעל — אידען, ווייבער, בחורים און בתולות מיט געוואַלדען, מיט געשרייען: „ער הרג'עט די אלמנה, ער הרג'עט די יתומים!" און קודם כל דעם סטרוזש פון די טרעפּ אַראָבגעוואָרפען און צו צו ר' אהרן ליב'ן.

עס האָט זיך אָבגעשטילט, אָבגערוהט אַביסעל פון גערודער. ר' אהרן ליב האָט זיך די באָרד גלייך געמאַכט, צורעכט געמאַכט דעם גאַרטעל אויף דער אַטלעסענער קאַפּאָטע און דאָס שטריימעל אויף'ן קאָפּ: עס איז דאָך פאָרט שבת, און האָט זיך גענומען צום קדוש.

קדוש געמאַכט, האָט די אלמנה מיט די יתומים אָבגעענטפערט „אָמן", און ר' אהרן ליב איז זיך געגאַנגען וואַשען צו די חלות.

מען האָט דערלאַנגט דעם גרויסען קאַרפּען־קאָפּ ר' אהרן ליב'ן, געהט צו חיה רייצע און רוקט־צו זיך דעם טעלער, צוברעכט דעם קאַר־פּען־קאָפּ און טהיילט איהרע יתומים מיט די יתומות. זי נעהמט אויך די חלה, איבער וועלכע ר' אהרן ליב האָט זיך געוואַשען, און טהיילט ארום מוציא'ס. אײנטהיילענדיג יעדען זיין חלק, ווינשט זי נאָך צו:

— עסט, קינדערלעך, עסט געזונטערהייד, זאָל עס אייך וואויל בעקומען, איהר עסט חלילה נישט ביי קיין פרעמדען. אייער מאַמעס פראַצע מיט אייער טאַטענ'ס, עליו השלום.

קוקט זי אהרן ליב אָן: ווי הייסט? און דער יושר?

— עס וואָלט רעכט געווען, זאָגט זי צו ר' אהרן ליב'ן — אַז אזא איד, ווי איהר זענט, זאָל זינגען זמירות פרייטאָג־צו־נאַכט ביים טיש. נישקשה, מיין זוהן, דער גרוש, און מיינע קינדער, די יתומים, וועלען אייך צוהעלפען.

ר' אהרן ליב דערלאַנגט אַ קוק אויף יוכבד'ן, זעהט ער ווי זי זיצט אין דעם ווייסען שבת־שלייפעל אויפ'ן קאָפּ, מיט די בריליאַנטען אין די אויערן, און ברעכט זיך די הענד.

— „אַז אומגליק איז צו מיר געקומען, אַז אומגליק".

מיט דעם יויך דערלאַנגען וואַרט מען. מען וואַרט אַהין, מען וואַרט אַהער, חיה רייצע האָט צייט צו וואַרטען.

— וואָס וועט זיין דער סוף? — פרעגט ער.

— וואס זאל זיין דער סוף? מיינע קינדער זיינען הונגעריג, עס וואלט א יושר געווען, פאני יוכבד, איהר זאלט הייסען די יויך דערלאנגען. כ'לעבען, מיין יתום דוד'ל דארף אביסעל יויך ווי מיט'ן לעבען. א גאנצען טאג ניט געגעסען.

אז מען דערלאנגט דאס פלייש, נעהמט שוין יוכבד דאס פלייש צו איהר טישעל, טהיילט איין בעזונדער און פערבעט איהר מאן צו זיך אין ווינקעל אריין. נאר חיה רייצע איז זיך אודאי נישט פויל, פאלגט זיך א גאנג צו יוכבד'ן אין ווינקעל אריין און נעהמט אוועק דעם גאנצען טעלער פלייש צו איהרע קינדערלעך: „כ'לעבען — זאגט זי — די יתומים קינדערלעך וועלען זיך דאס הארץ דערכאפען. א גאנצע וואך זעהען זיי דאס אין די אויגען נישט אן, און פאר זייער גראשען געלד מעגען זיי הנאה האבען“.

לויפט דאך יוכבד צו און וויל דעם טעלער מיט'ן פלייש צוריק ארויסרייסען, בעפאלען איהר די יתומים מיט די יתומות ווי די ווע־רים: „געוואלד, זי שלאגט די אלמנה“ און חיה רייצע'ס קול קלינגט העכער פון אלע: „געוואלד, זי שלאגט מיר די יתומים!!“

קומט זיך ווייטער דאס געסעל צולויפען, מיט קולות און חרמות, און מיט גרוים געלעכטער און שפאס.

שוין קוים דערלעבט דעם טיש דורכצוקומען, מען האלט שוין ביים בענשען, הויבט אן די יתומה, די טראגעדיגע עגונה, צו קרעכ־צען: דער רוקען ברעכט איהר און זי האט בויכוועהטאג.

חיה־רייצע איז נישט פויל און גיט א פיהר אריין די יתומה, די טראגעדיגע עגונה, צו ר' אהרן ליב'ן אין שלאף־צימער, גיט זי א לעג אריין אין ר' אהרן־ליב'ס בעט אריין און זאגט צו איהר:

— נישקשה, מיין טאכטער. גאט וועט דיר העלפען, און דו וועסט בשלום דורכקומען מיט זיין הילף. ווארום ער איז אן אב ליתומים ואבי אלמנות, ווי אין פסוק שטעהט געשריבען, און וועגדענ־דיג זיך צו א יתום'ל, וואס איז געשטאנען הינטער איהר האנד, זאגט זי צו איהם:

— געה, מיין קינד, אריבער נאך נעהע דער באבען און זאג איהר, אז עס רוקט זיך די ריכטיגע מינוט, אז זי זאל זיך צו־איילען צו ר' אהרן ליב'ן ליכטענבערג, וואו מיר וועלען וואוינען פון היינט אן, מיט מזל פאר אונז און פאר כל ישראל. אמן.

ר׳ אהרן ליב מיט יוכבד׳ן האבען דערהערט אזא מעשה, ווערט דאך א גרויס געוואלד. לויפען זיי אריין אין שלאף-צימער און לאזען נישט אריין אין בעט אריין, זיינען זיי בעפאלען די יתומים מיט די יתומות מיט געוואלדען, מיט געשרייען: „געוואלד, ער הרג׳עט די טראגעדיגע עגונה! געוואלד, ער הרג׳עט די טראגעדיגע עגונה!“ און חיה-רייצע׳ס קול קלינגט העכער פון אלע: „ער הרג׳עט די יתומים! די יתומים!“

קומען דאך ווייטער צולויפען ווייבער און מוידען און אידען מיט יונגען, און חיה-רייצע שרייט צו זיי:

— געוואלד, העלפט מיר, די יתומה געהט צו-קינד, די עגונה צו-קינד!

זיינען די ווייבער אריין אין שלאף-צימער מיט נעחען דער באד-בען בראש. קודם כל האבען זיי אנגעכאפט ר׳ אהרן-ליב׳ן און הינ-טער די טהיר ארויסגעשטופט: א מאנספארשוין!...

דארטען זיינען זיי צו צו יוכבד׳ס וועש-אלמער, די טהיר אויפ-געריסען און ארויסגענומען ווייסע ליילעכער; אין קיך האט שוין א פייער געקנאקט, און מען האט הייס וואסער געקאכט.

די עגונה איז געלעגען אין ר׳ אהרן-ליב׳ס בעט און האט געקרעכצט א גאנצע נאכט; חיה-רייצע האט אן אלע זכות אבות דערמאהנט און ר׳ אהרן-ליב איז געלעגען א גאנצע נאכט אויף א קאנאפע אין עס-צימער, און קיין אויג נישט צוגעמאכט.

הכלל, וואס האב איך א סך צו ברייען, ר׳ אהרן-ליב ליכטענ-בערג האט דורכגעלעבט א שבת — זאל איין גאט שומר און מציל ומרחם זיין. ער האט קוים דערלעבט, אז עס זאל שוין קומען דער שבת-צו-נאכט, און האט אריינגערופען חיה-רייצע׳ן אין א בעזונדער שטוב, אבגענומען די וועקסלען און יוכבד האט פון אונטער׳ן קאפטען ארויסגענומען די הונדערטער, און בעצאהלט דריי הונדערט און פופ-ציג קארבוינים במזומנים.

נאר בינו לבינו האט זיך געמאכט, אז די אבות האבען זיך גע-מיהט און די יתומה, די ווייסטע עגונה, האט געוואונען מיט מזל א בן זכר, מילא ווערט מען דאך א קינפעטארין נישט איבערטראגען אין די אכט טעג. — האט די ווייסטע עגונה אבגעהאלטען דעם קימ-

פעט אין ר׳ אהרן־ליב ליכטענבערג׳ס בעט. יוכבד האט געבארגט גע־פעם אויפ׳ן ברית, דערפאר האט די אלמנה מכבד געווען ר׳ אהרן־ליב׳ן מיט יוכבד׳ן מיט קוואטערשאפט.

פון דענסטמאל אן האט זיך ר׳ אהרן־ליב ליכטענבערג א נדר געמאכט: באנקראטירען יא, נאר פון אידישע אלמנות מיט יתומים — האלט זיך פון דערווייטענס — א מאוס׳ע אומה...

# אַ פערשטעלטער חתן.

אַ בריעף האָב איך מיטגעבראַכט פון זיינס אַ גוטען ברודער און אַ „געשעפט־מענש“ צו ר׳ יצחק עקספּעדירער. — דער „גרעניץ מויליכער“ אין שטעדטעל סל. וואָס ליגט האַרט ביי דער עסטרייכי־שער גרעניץ, אַז ער זאָל מיך „ערענטליך בעהאַנדלען“. ווי איך בין נור אין שטעדטעל אַריינגעקומען, האָב איך מיך באַלד צו איהם אהין געאײלט. ער האָט געוואוינט האַרט ביי דער גרעניץ, טאַקע דער לעצטער שכן פון רוסלאַנד מיט׳ן „עסטרייכער“. דורך דעם אודאי איז ער אַזאַ „פּאַן בראַט“ געוועזען מיט איהם. איך קום אַריין צו איהם, איך געפין דעם שטיבעל פול מיט מחותנת׳טעס אין יום־טוב׳דיגע הויבען און ברייטע זיידענע קליידער. גרייטען זיך אין וועג אַריין, און איינע שרייט איבער דער צווייטער. ר׳ יצחק, אַ קורץ אידעל מיט אַ ברייטער באָרד, אין אַ ברייטען סאַמעט ברוינעם הוט, שטעהט אין מיט׳ן רעדעל, אין האַנד אַ פלאַש בראַנפען און לעקעך, טיילט כבודים און קוויטשעט שוין הייזעריג איבער די ווייבער. איך האָב מיך קוים דערשלאָגען צו איהם. אין אַ ווינקעל איהם געריפען, און דאָס בריעוועל איהם איבערגעגעבען.

— מזל האָט איהר, יונגערמאַנטשיק — זאָגט ער צו מיר, איבער־לייענענדיג דעם בריעף, און קלאַפּענדיג מיר אויף די פּלייצעס: מזל, זאָל איך שוין אַזוי לעבען. אט מאַך איך היינט אַ זוהן חתונה אין קראָקוי; דער חתן מיט׳ן עלטערן זוהן זיינען היינט געפאָהרען אין דער פריה דורך גריחאָוו, מיר וועלען פאָהרען דורך באָר, איהר פאָהרט מיט אונז אַלס דער חתן, און פון איצט אָן הייסט איהר שמואל גאָלדמאַן. נאָך אַמאָל, ווי הייסט איהר? — פרעגט ער מיך מיט אַ קשיא׳דיגען טאָן.

— שמואל גאלדמאן, ענטפער איך איהם.

— אט, אזוי — קלאפט ער מיר אויף די פּלייצעס — נור דאס וועט קאסטען א גאנצען צעהנער, — רוימט ער מיר איין און זאגט דערביי הויך צום ווייב: — רייזע! וואו האסטו דאס גוטע גלעזעל בראנפען מיט'ן שטיקעל לעקאך, איך מאך דאך עפּעס היינט א זוהן חתונה מיט גאט'ס הילף.

איך בין מיט איהם דורכגעקומען וועגען לוין. מען האט מיר א סאמעט הוט אנגעטהאן, אויף דעם וואגען צווישען די מחותנים און די מחותנת'טעם ארויפגעזעצט. דער עולם איז געווען פרעהליך אזוי ווי מען פאהרט אויף א חתונה. א ביסעל בגילופין, איז דער וועג אויך געווען א פרעהליכער. מען האט גענומען א ביסעל בראנפען. מיך האט מען נישט אויפגעהערט צו רופען „חתן", אזוי די מחותנים, אזוי די מחותנת'טעס.

מילא, וואס ארט עס מיך? בין איך מיר דערווייל א חתן, עס איז דאך נור ביז דער „גרעניץ" — זאל איך נור אריבערקומען... איך זיץ מיר דערווייל און חזר מיר אלץ איין, ווי איך הייס: שמואל גאלדמאן, שמואל גאלדמאן, שמואל גאלדמאן.

נור פון פיעל חזר'ן פערגעס איך טהיילמאל דעם פאדערשטען, טהיילמאל דעם הינטערשטען נאמען, טהיילמאל מישען זיך מיין נאמען און יענעמ'ס נאמען אזוי צוזאמען, אז עס איז מיר שווער ארויסצוקריכען. און אמאל דאכט זיך מיר גאר, אז איך בין שוין אויס „איך" געווארען. און אנגענומען אנ'אנדער פערזענליכקייט מיט אנ'אנדער מזל, אנדערע גליקען און אנדערע אומגליקען. און מיר בענקט זיך צוריק נאך מיין „איך", צו מיין פאריגען מענש מיט מיין וועלטעלע... צום סוף האב איך גאר מורא. טאמער זאל זיך נישט מיין „שגץ", בשעת מעשה איינשפארען, ווען מען וועט מיך פרעגען ווי איך הייס און גאר אנרופען א פרעמדען נאמען, אדער ווייס איך וואס? פאר וואס דען נישט? וואס פאר א שייכות האב איך מיט'ן נאמען שמואל גאלדמאן? פאר וואס נישט יעקב שלייפמאן?

און אזוי ווי איך קלעהר פון יעקב שלייפמאן האקט זיך מיר אין קאפּ אריין א יעקב שלייפמאן, און וויל מיר נישט באין אופן ארויס פון קאפּ, מיט איין ווארט: איך הייס יעקב שלייפמאן, ניין, געוואלד, איך הייס דאך גאר שמואל גאלדמאן, טענה איך צו מיר, און דער וואגען

מיט די רעדער קלאפען מיר: נייז, יעקב שליפמאן און איך ארבייט מיט זיך: ניין שמואל גאלדמאן, און דערווייל קומט נאר מיין אייגענער נאמען און גיט זיך מיר א מיש אריין. איך קען שוין גארנישט ארויס — איך קלעהר שוין פון גארנישט.

אין דעם רופט זיך אן ר׳ יצחק עקספעדירער:

— חתן, וואס זיצט דו אזוי פערקלעהרט? ווי הייסט דו חתן?

— יעקב שלייפמאן.

— אזוי איז גוט. וועל איך האבען א שעהנע חתונה, — רופט זיך אן ר׳ יצחק, — וואס פאר א „שלייפמאן" איז אויף מיר געקומען! שמואל גאלדמאן הייסטו דאך גאר.

— יא, שמואל גאלדמאן, שמואל גאלדמאן, שמואל גאלדמאן, הויב איך אויפ׳ם ניין אן צו חזר׳ן.

דערווייל זיינען מיר שוין אנגעקומען צו דער „טאמאזשנע", אונז זיינען אקעגען געקומען צוויי פון יענע יונגע לייטלאך מיט די בלאהע קאנטען, און בלאהע היטלען. מיין הארץ הויבט אין מיר אן צו קלאפען „שמואל גאלדמאן". „יעקב שלייפמאן". מיין ר׳ יצחק לויפט זיי א קעגען מיט דער פלאש אין דער האנד. און הייבט אן טיילען כבודים. „זעהט, דאס איז מיין זוהן, דער חתן, ער האט היינט חתונה", ווייזט ר׳ יצחק אויף מיר מיט׳ן פינגער, און די מחותנת׳טע רייזע הויבט מיך אן צו בענשען, און דערזעהענדיג אז ר׳ יצחק איז מיט די לייטלאך אזא „פאן בראט" ווער איך אביסעל שטארקער ביי מיר און דער „שמואל גאלדמאן" הויבט זיך מיר אן אויסצוקלערען.

מען פיהרט אונז אין טאמאזשנע אריין, ר יצחק ווארפט אויף דער שוועל א ווינק צו מיר: — נו חתן, שמואל גאלדמאן, ווי פיהלט זיך? און צום סטראזשניק, וואס איז דארט נעבען אונז געשטאנען, כדי ער זאל נישט חושד זיין. — ער פאסט דאך נעבאך היינט.

מיר זיינען אריין אין „טאמאזשנע". אינווייניג זיינען געשטאנען גאליציאנער אידלאך, האלב נאקעט, מען האט זיי ארומגעזוכט, און זייערע לאנגע פאות האבען זיך געטרייסעלט פאר שרעק. א דיקער, הויכער, שטארקער פריץ, האלב אנגעטהאן ווי א אפיציער האט אונז מקבל פנים געווען מיט א געלעכטער: וואס איז דאס עפעס ביי דיר פאר א שמחה?

— זעהסט, פאני לעבען, אונזער זוהן, אונזער חתן, וואס מיר מאַכען היינט מיט גאט'ס הילף חתונה, דו מוזט מיט אונז פאהרען, מיר ריהרען זיך נישט פון ארט, — זאגט צו איהם ר' יצחק.

דער הויכער פריץ שטעהט און בעטראכט מיך פון קאפ ביז די פיס, מיר אויף די ליפען איז אנגעגרייט, ווי עפעס א קוויט: יעקב שלייפמאן — (נור געוואוסט האב איך, אז איך הייס שמואל גאלדמאן).

— גאר א פיינער בחור, — זאגט צו מיר דער הויכער, דיקער פריץ, — דו האסט עפעס ליעב די כלה?

איך חזר מיר אין זיך: שמואל גאלדמאן, שמואל גאלדמאן, שמואל גאלדמאן.

— ער שעמט זיך, — פערענטפערט מיך ר' יצחק פאר'ן פריץ, — ביי אונז זעהסט דו, גנעדיגער פריץ, איז דאך אנדערש ווי ביי אייך, ביי אונז זיצט דאך אזא בחור ווי ער אין „באזשניצע" און לערנט. —

— דער בעסטער לערנער אין שטאדט. פאר איהם פאסט ניט זעהן די כלה, די מאמע זעהט די כלה פריהער, דערנאך ערשט איז די חתונה — ערקלעהרט איהם רייזע.

— נו, יעצט האטש מוז דער „יאסנע פאן" מיט אונז „זשידקעס" בראנפען טרינקען, אז גאט האט מיר שוין יא געהאלפען און דערלעבט חתונה צו מאכען א קינד, — זאגט ר' יצחק, אנגיסענדיג בראנפען.

— אז גאט האט אונז דערלעבט — העלט אונטער רייזע און טרערען הויבען אן איהר צו קאפען פון די אויגען. די אידענע געהט צו צו מיר: — מיין זוהן, מיין קרוין, מיין נחת — און פאלט ארויף אויף מיר, און הויבט מיך אן צו קושען, צו האלזען: — מיין קרוין, מיין לעבען!

איך דערשרעק מיך, און רוק מיך אב פון איהר, א שווארץ יאהר, די אידענע האט זיך געמוזט פערגעסען.

דער הויכער, שטארקער פריץ קוקט אויף אונז.

— ער שעמט זיך צו קושען מיט א אידענע, — זאגט ר' יצחק.

— עס איז דאך א מאמע, — זאגט דער פריץ.

— ביי אונז איז אזא „זוויטשיי" (מנהג).

איך האב בעמערקט אין די אידענעס אויגען הייסע טרערען און איך האב געצווייפעלט: צי מיינט זי עס ערנסט. (אפשר האט זי זיך פערגעסען), אדער פאלש, בכדי דעם פריץ אבצונארען.

— ווי הייסט דו? — פרעגט מיך איינער דערוויל פון „די לייטלאך“.

— שמואל גאלדמאן, — ענטפערט פאר מיך יצחק עקספעדירער און כדי איהם פון חשד ארויסצונעהמען געהט ער צו: — מיט מיר רייד, פריץ לעבען, ער איז היינט א חתן, ער פאסט היינט, איז ער שוואך, — און באלד ווענדעט ער זיך צום פריץ:

— נו, זאל דער פריץ דערלעבען זיינע קינדער חתונה צו מאכען. און זיינע אייניקלאך, און זיינע אור־אייניקלאך — זאגט ער צו איהם דאס גלאז דערלאנגענדיג.

נו, אויף דיין געזונד, „פאן מלאדי“, — זאגט צו מיר דער פריץ, די האנד אויסשטרעקענדיג: — דא האסט דו א רובל „קאפקע געלד“. גיב דער כלה צו בעהאלטען.

„יעקב שליפמאן, יעקב שלייפמאן, יעקב שלייפמאן“ — חזר איך מיר דערוויל.

— עס איז דאך נאך א קעלבעל, עס ווייסט דאך נאך פון גאר נישט, — פערענטפערט מיך ר׳ יצחק צונעהמענדיג דעם רובעל.

— איך חזר מיר. יעקב גאלדמאן, יעקב גאלדמאן, יעקב גאלד־מאן.

— האסטו נאר גארנישט ביי דיר? — זאגט צו איהם דער פריץ, בעטאפענדיג.

— ע, פריץ, דו בעליידיגסט מיך, זאגט צו איהם דער איד.

— הלעבען, פריץ, אין אזא טאג, — העלפט איהם אונטער רייזע. באלד האט אונז דער שרייבער דאס קוויטעל דערלאנגט.

— נו, קום חתן? ציהט מיך ר׳ יצחק.

דאס צווייטע מאל האט ער נישט געדארפט איבער׳חזר׳ן.

— נו, חתן! — ווי הייסט דו?

— שמואל גאלדמאן, ענטפער איך איהם.

— אז מען דארף נישט ווייסט ער, בייזערט זיך ר׳ יצחק.

מיר קומען אן צום רויטען קלאמץ — פון דער צווייטער זייט קומט אהער דער עסטרייכישער; מיר גיבען איבער דעם סאלדאט דאס קוויטעל, מען לאזט אונז אריבער.

נו, אט איז מען שוין אויף׳ן צווייטען זייט. מיר געהען אריין צום „עסטרייכישען“. דארט איז ר׳ יצחק אין דער היים, רעדט אידיש ווי

אין בית־המדרש און כאפט פון דעם „עסטרייכישען" מיט'ן שפי־
ציגען בערדעל א ציגארעל.

— דאס מאך איך א האבצייט היינט, א חתונה הייסט דאס, מיט
מיין עלטערען זוהן אין קראקוי — דערצעהלט ער איהם.

—שמואל גאלדמאן — רוף איך אויס מיין נאמען.

— דא דארף מען נישט — ציהט מיך ר' יצחק ביים ארבעל.

די באהן איז באלד ביי דער גרענעץ, גאליציאנער אידלאך אין
צילינדערלאך. אלע טראגען זיי צילינדערלאך, אפילו שוין אבגעלעבטע,
איינגעבויגענע, אבער דאך צילינדערלאך, אין א פראסטען מיטוואך.
עפעס זעהט עס אויס ווי חול־המועד, און איינער ניט דעם צווייטען
אב כבוד און „שפרעכען" זיך דייטש מיט א אידישען נוסח. אנשטאדט
„הא? הא?" וואס איין איד פרעגט דעם צווייטען בשעת'ן ריידען,
חאטש ער דערהערט וואס מען רעדט, איז ביי דער נוסח: ביטע,
ביטע. אין מיטען דעם עולם דרעהט זיך א אידענע ארום מיט א
גרויסען אלט מאדישען טייסטער מיט פערשיעדען־לענדיש געלד: —
אפשר ברויכען זי עסטרייכישעס, רייטשעס, ענגלישעס, אדער דער־
איבעריגעם (רוסישעם)? — און איך דרעה מיך שוין פראנק און פריי
ארום מיט מיין אייגענעם נאמען און מיט מיין אייגענעם „איך" און
„אויס חתן" און קיינער זאגט מיר שוין נישט קייןווארט...

איך האב מיר געקויפט א בילעט פאר „קרייצער" שוין מיט
„קראנען" און בין מיר אין וואגאן אריין מיט די מחותנים.

— נו, „חתן" ווערסט דו כאטש קומען אויף דער חתונה? —
פרעגט מיך ר' יצחק.

— אודאי, וואס דען?

און איך וויל מיר שוין דעם סאמעט־הוט אויסטהאן, ערשט עס קומט
אריין דער אייגענער געזונדער, שטארקער פריץ אין וואגאן אריין, מיר
בעהאלטען זיך צוריק — ער זוכט אונז אבער אויף:

— נו, ק'טשארטו, איך פאהר מיט אייך, זשידקעס, צו דער חתונה
מיט — רופט ער זיך אן.

פינסטער איז מיר, פינסטער איז ר' יצחק'ן אין די אויגען גע־
ווארען.

און ר׳ יצחק שמייכעלט נאך: — הונדערט יאהר זאלט דו שוין לעבען דערפאר, פריי לעבען, דער „חתן" טאנצט פאר פרייד. וואס נייען חתן? — ווענדעט ער זיך צו מיר.

„זאלסטו אזוי לעבען!" — טראכט איך מיר, און הויב מיר אויפ׳ס ניי צו חזר׳ן: שמואל גאלדמאן, שמואל גאלדמאן, שמואל גאלדמאן.

די הערצער קלאפען אין אונז און ר׳ יצחק מיט רייזע׳ן זיינען מלא שמחה.

מיר פאהרען דערוויל ווייטער, איך שפיעל דערוויל די ראלע אלס „חתן". ר׳ יצחק רופט צוזאמען די גאליציאנער אידלאך און שטעלט מיך פאר פאר זיי. מען ווינשט מיר מזל־טוב, דער זיווג זאל „עולה יפה" זיין.

— און וואס וועט דער סוף זיין?

און כ׳לעבען, איך האב מורא, טאמער איז דאס גאר נישט קיין שפיעל, קיין אנשטעל, א קשיא אויף גאליציע, מיר הערען זיך אזוי פיעל אן: ארייגעכאפט א מיידעל אין א קאטוילישען קלויסטער אריין. אבגע׳שמד׳ט און פערפאלען, א גויה׳טע. באטש דער טאטע לויפט צום קייסער, די מאמע צום גלח — דאס מיידעל וויל ניט עסען קיין טרפה, און זאגט „מודה אני" — פערפאלען. גע׳שמד׳ט. ווער וויסט, מען האט מיך ארייגענארט אין זאק אריין און געמאכט מיך פאר א „חתן". מען וועט מיר געבען א כלה — און געה שריי „חי וקים".

און וואס וועל איך זאגען פאר מיין ווייב אין דער היים?

מיר קומען אן אויף א סטאנציע פון קראקוי. עס קומען ארויף יונגע לייטלאך — שבת׳דיג אנגעטהאן, מלא שמחה. אין מיטען עפעס ווייבער.

— דא זיינען דא אונזערע מחותנים? — פרעגט מען אין דער לופט.

— פינסטער איז מיר! — רופט ר׳ יצחק אויס:

— טאטע, מאמע — שרייט א יונגערמאנטשיק — אין א הויכען סאמעט־הוט, מיט א נייער קאפאטע, און א נייעם שירם מיט א פאר נייע קאלאשען, פון וועלכע מען האט אנגעזעהן, אז ער איז טאקי דער אמת׳ער חתן.

— ווען איז מיר, שמואל מאך פליטה — ווארפט איהם אונטער ר׳ יצחק.

אין דעם אויגענבליק — דער חתן איז נישט דא.

די מחותנים שטעהען פערגאפט, קוקען זיך ארום.

— נו, וואס שטעהט איהר יונגע לייטלאך? איהר זייט דאך חתן־בחורים. אט האט איהר דאך דעם חתן, — רופט ר יצחק.

די בחורים שטעהען און גאפען.

— נעהמט איהם — גיט ער א ווינק צו די יונגע לייטלאך.

די בחורים גיבען מיך א רינגעל ארום, מען גיט מיר אב „שלום עליכם״ — איך לאז מיך: ווארט, איך וועל אייך שוין ווייזען, טראכט איך מיר.

שווייגעדיגערהייד פאהרען מיר צו קיין קראקוי. מיר קומען אן אויף די סטאנציע. איך כאפ מיין פעקעל, גיב מיך א לאז ארויס און כאפ א דראזשקע:

— פאהרען!

— חתן, חתן — דא, דא, הער איך הינטער מיר קולות רופען.

— פאהרען! בעפעהל איך נאך אמאל דעם פוהרמאן.

— דא, דא, חתן — רופט מען הינטער מיר.

די דראזשקע פאהרט מיט מיר אוועק.

— לאזט, לאזט איהם — דא איז דער חתן, דא — רופט ר׳ יצחק.

און וואס דער סוף איז דארט געווארען, ווייס איך נאך נישט עד היום.

# א אידישער נגיד.

1.

## צוויי שטעדטלאך.

גאמבין און גאסטעניין זיינען צוויי קליינע שטעדלאך, וואס איינס ליגט הארט נעבען דעם צווייטען, דאס לעצטע איז נאר א טפל, א צולייג צום ערשטען (כאטש גאסטעניין זאגט דאס זעלבע אויף גאמבין). ווארים גאמבין איז א מקום, וואס ערציהט פרויענצימער, גאסטעניין איז ווייטער א מקום, וואס איז מגדל מאנספערשוינען און גאט ברוך הוא האט זיך געקליגט צו בעשאפען איין שטעדטעל הארט נעבען די צוויי־טעכדי אזאידען זאלען זיך קענען צוזאמען משדך זיין (אין איין שטארט א שדוך טהאן, וואס דארט זאל זיך דער חתן מיט דער כלה געפינען, פאסט דאך נישט, זיי קענען זיך דאך נאך אמאל אין דער גאס צוזאמען טרעפען). און כאטש גאסטעניין ערציהט דאך מאנספערזאנען, דאך איז עס נאר א צולייג צו גאמבין, ווייל די יונגע לייטלאך קומען דאך צו די שווערער'ס קעסט עסען, קומט אויס, אז גאסטעניין ווערט וואס אמאל קלענער, גאמבין — גרעסער.

אויף דעם וועג פון גאמבין צו גאסטעניין איז פאראן א אידישע קרעטשמע, כדי דארט זאל זיין דער צוזאמען־פאהר פון ביידע צדדים. א בעזונדערע שטוב איז דירעקט אין דער קרעטשמע געמאכט געווארען,

אז חתן כלה זאלען צווישען זיך א ווארט כאפען, און דארט שרייבט מען תנאים.

אלע גאמבינער אינגלאך האבען זיידעס און פעטערס אין גאסטעניז, אלע גאסטענינער אינגלאך האבען באבעס און מומעס אין גאמביז, און אז איהר פאהרט אויף דעם וועג פון איין שטעדטעל אין צווייטען, זעהט איהר טהיילמאל ווי אינגלאך מיט אויסגעווייגטע אויגען לויפען מיט שרעק פון איין שטעדטעל אין צווייטען אריין, א ברוגז זיך אודאי אין דער היים געמאכט, לויפט ער צו א זיידען אדער צו א פעטער... און אז עס קומט חול־המועד געפינען זיך גאסטענינער בעלי־בתים אין גאמביז — גאמבינער בעלי בתים קומען צו גאסט נאך גאסטעניז.

דער וועג, וואס פיהרט פון איין שטעדטעל אין צווייטען אריין, הייסט אין גאמביז : „דער גאסטענינער וועג", אין גאסטעניז רופט מען איהם : „דער גאמבינער וועג", און אז ס'קומט שבת, געהען גאסטענינער בחורים אויף איין זייט וועג שפאצירען, גאמבינער מיידלאך אויפ'ן צווייטען זייט שפאצירען, און ווען נישט דער תחום־שבת וואלטען זיי זיך צוזאמען געטראפען...

שבת נאכ'ן עסען, אזוי ווי דאס שטעדטעל ווערט נאר איינגעשלאפען, לאזט זיך א בחור פון גאסטעניז אויף דעם „גאמבינער וועג" ארויס, ער טראגט א לאנגען ראק מיט צוויי שניטען, אן אומגעלייגט קעלנערל אויפ'ן האלז. און דער בחור געהט, ווייטער... ווייטער... קוקט זיך אלע מאל מיט שרעק ארום, אויב עס געהט איהם, חלילה, נישט ווער נאך, און ער געהט, און א ווינד בלאזט, דערהייבט דעם שטויב און ער ווערט אין קארזש פון מענשענס אויגען בעהאלטען.

שבת נאכ'ן עסען, אזוי ווי דאס שטעדטעל ווערט נאר איינגעשלאפען, לאזט זיך א מיידעל פון גאמביז אויף דעם „גאסטענינער וועג" ארויס, זי טראגט א גרין, לאנג קליידעל, מיט א זומער פאלדענדיגען זשאקעט, און דאס מיידעל געהט ווייטער... ווייטער.... קוקט זיך אלע מאל מיט שרעק אום, אויב עס געהט איהר, חלילה, נישט ווער נאך, און זי געהט, און א ווינד בלאזט, דערהייבט דעם שטויב און זי ווערט אין קארדזש פון מענשען'ס אויגען בעהאלטען.

אין מיטען וועג טרעפען זיי זיך צוזאמען.

— פיינעלע! מיין מאנד!
— שמערל! מיין זעעלע!

א געליעבטער מיט א געליעבטע זיינען דאס, וואס לעזעןביידע שמר׳ס ראמאנען.

---

.2

## די שטעדטלאך צום נגיד.

דער מארק איז גאמבין איז מיט קליינע הילצערנע הייזלאך ארום גערינגעלט, וואס פון דערווייטענס זעהען זיי אוים ווי קליינע שטיקלאך אבגעבראכענע פלויטלאך, און צווישען די שטיקלאך פלויטלאך פון איין זייט מארק קוקט א געלב אבגעפארבט הויז ארוים העכער פון אלע, און דער נייער אנגעשמירטער דאך גלאנצט מיט עזות אין דער גאס אריין. אויף א הילצערנעם אלט־מאדישען גאניקעל, וואס הענגט איבער א נידריג געוועלב, טאקי אין דעם זעלבען הויז זיצט שאשע, בערקע דעם נגיד־ס ווייב, א דיקע, ברייטע פרוי אנגעטהאן אין א ברייט פארטוך, און דאס בונט שליסעלאך, וואס איז אריינגעשטעקט אין דעם פארטוך, און די גרויסע גאלדענע באמבעס, וואס הענגען אראב פון די גרויסע אויערען, שאקלען זיך יעדע ווייל/ע אזוי ווי נאר די אידענע בעוועגט זיך. ביי איהר זייט אויף דעם גאניקעל שטעהט עפעס א

פון דער צווייטער זייט מארק פאר א ווייס־הויז, וואו עס גלאנצט אינגעל אנגעטהאן אין א לאנגע קאפאטע מיט א ספר אונטער׳ן ארעם און ציהט זי ביי דעם פארטוך און קוויטשעט עפעס וויינענדיג.

זיך א שילד, שטעהען איניגע פייער־קענדלאך מיט וואסער און עפעס א סטראזשניק, עפעס א גוי מיט אבגעפוצטע שטיוועל און הויזען, מיט בלויע לאמפאסען און א היטעל מיט לאמפאסען, דרעהט זיך אין מארק ארום.

אין מיטען גאס שטעהט א דראנג, אויפ׳ן דראנג איז א ברעט אנ־געשלאגען מיט אבגעריבענע אותיות, ביים דראנג הענגט א לאנטערן מיט א פערויכערט גלעזעל, ביי דער לאנטערן שטעהט אן אבגעריסענער איד, מיט א צוריסען פערדרעהט היטעל, און קראצט זיך אין דעם

שווארצען אבגעברענטען לייב, וואס קוקט ארויס פון דער צוריסענער קאפאטע, און דער איד שטעהט, קוקט אין גאס און לאכט.

א איינגעלע געהט דורך און שרייט: ווערווער משוגע׳נער! ווערווער לאכט; באלד דערמאהנט זיך דאס איינגעלע, אז עס איז שוין שפעט, איילט ער זיך אין חדר אריין.

אין מיטען מארק שטעהען א קופקעלע אידען, אנגעטהאן אין לאנגע קאפאטעס, מיט שטעקענס אין די הענד און שמועסען צווישען זיך, איינער שטעהט ביים דראנג און שרייבט עפעס אין ביכעל אריין.

פאר די געוועלבלאך שטעהען ווייבער מיט שטריק-נאדלען אין די הענד, שטריקען, שמועסען צווישען זיך; פון ערגעץ וואו הערט מען א וויינענדיג געשריי פון קינדער: א חדר אודאי נישט ווייט...

אין דעם מארק, טאקי אין דעם געלבען הויז זיצט בערקע, דער שטאדט-נגיד. פון וואנען ער איז נגיד געווארען? נישט קיין באהנען געמאכט, נישט קיין שיפען אויפ׳ן ים! איין גאט ווייסט עס! אין דעם מארק צווישען די צובראכענע אבגעריסענע פלויטלאך דערצעהלט מען אזוי:

אין אפטייקערס הויז אונטער די טרעפ איז אן איינגעלייגטער אויוועז דא, דארט האט אמאל א בעקער געוואהנט, אפילו ביי טאג איז אויך א סכנה דורך דעם הויז דורכגעהן, איינציגע ווייבער האבען שוין דארט, נישט דא גדאכט, גע׳מפל׳ט, ווען זיי זיינען אליין דורכגעגאנגען. נאטע הירש דער וואסער-טרעגער האט דארט געזעהן אייער ליגען, מיינט ער, אז עס האט זיי ווער אנידערגעלעגט און פרעהט זיך אויף דער כשר׳ע מציאה, וואס גאט האט איהם געשיקט. און נאר אזוי ווי ער שטרעקט זיין האנד אויס: שטעה! עס פלאצען די אייער, און פערשיעדנע מענשלאך פליהען ארויס מיט א גרויס געלעכטער, און זיינען ערגעץ וואו פערשוואונדען געווארען.

און אויף בערקען פלעגט מען זאגען נאך פון קליינערהייט אן, אז ער האט צו טהאן מיט „יענע לייט". דארט אין אפטייקערס הויז אויפ׳ן אויוועז פלעגט ער טאקי נעכטיגען, צוועלף א זייגער ביי טאג זעהט מען איהם תמיד אליין צום בית-עולם געהן און דער ריכטיגער סימן איז, וואס זומער טראגט ער שטענדיג א גראבען פעלץ און עס איז איהם נישט הייס, ווינטער א לייכט כאלאטעל און ס׳איז איהם נישט קאלט.

און בערקע האט אמאל „אזא איינעם" בעשווארעו, און יענער האט איהם געוויזען פיעל טעפ רענדלאך, וואס דער אלטער אפטייקער האט אין אויוועו געהאט איינגעמויערט.

געוועזען איז עס ארים אידיש געלד, פון קראנקע דערשלאגענע מענשען, וואס דער אפטייקער פלעגט פון זיי די הויט רייסען, דורך דעם האט נישט דער אפטייקער און נישט בערקע קיין שליטה דערצו. זיי זיינען נאר שומרים איבער דאס געלד.

דעריבער איז דאך שוין קיין וואונדער ניט, וואס בערקע איז א קארגער, אז ער האט קיין שליטה נישט אויף זיין אייגען געלד. טאקי ער וויל העלפען, מיט'ן גאנצען הארצען וויל ער, מען זעהט דאך טאקי ווי ער וויינט פשוט מיט טרעהרען, בשעת יענער קלאגט זיך פאר איהם, נאר העלפען קאן ער דאך נישט... אז עס איז נישט זיין געלד.

און כאטש אין גאמבין אליין איז בערקע אזוי שפל'דיג — טאקי ביי די גאמבינער בעלי־בתים — אבער אין דער פרעמד האלטען גאמבינער בעלי־בתים זעהר פיעל פון זייער בערקע, שטאלצירען מיט זיין רייכקייט און בעריהמען זיך מיט זיין דארף „זאפאראוועקע", וואס שם'ט אין די סביבות — און זאגט א גאמבינער בעל־הבית, אז א קוטנער נגיד איז רייכער פון בערקען, איז ער אייך גרייט א לעבעדיגען אויף צו עסען.

גאמבין ווארט אויף בערקע'ס טויט ווי אידען ווארטען אויף משיח'ן, א פלייט צום בית עולם, דאס בית־המדרש — א דאך, די מקוה — א נייעם קעסעל, די שוהל — אן ארון: אלץ אויף בערקע'ס טויט, קוים מאכט בערקע „דאס עסק"... וועט שוין אויף אלעם קלעקען.

גאסטעניו ווארט אויך אויף בערקעס טויט — אי וואס? גאר נישט! דאכט זיך אזוי גלאט וועט שוין ניט דורכגעהן: זיי זיינען דאך אויך אידען און דארפען אויך: איינס זייערע זיהן זיינען גאמבינער איי־דעמס, גאמבינער בעלי־בתים — זייערע מחותנים. ווען גאמבין שפארט זיך איין: זיי קענען ווארטען ביז משיח וועט קומען, זעצען זיי א בית־דין: ווי הייסט? זיי זיינען דאך אויך ארימע לייט — מאכט מען א פשרה: זיי וועלען אויך א חלק'ל קריגען — עס קומט זיי טאקי נישט — נאר גלאט, זאלען זיי וויסען, אז גאמבין איז גאמבין.

און בערקע געהט דערווייליע ארום און לאכט.

נאך דער שרפה שיקען די ראשי־הקהל צו איהם: ר' בערקע קרוי'ן

— וואס איהר האט צו געבען, גיט שוין, מיר זיינען דאך אין אן עת־צרה, וועט מען שפעטער ווערווערער לאזען.

נאר געה און שמועס מיט א מענש, וואס האט קיין שליטה נישט אויף זיינע אייגענע געלר. ענטפערט ער זיי:

— דערוויי׳ל קיין גראשען געלד נישט, דערנאך וועט איהר צייט האבען.

פאר דעם האט מען איהם גע׳קנס׳עט. — זיך נישט צו ריהרען ביז פופציג רויטע וועלען נישט ליגען אויף׳ן טיש.

און דער גבאי פון חברה־קדישא בעזונדער מיינט, אז וויפיעל בערקע וועט געבען וועט מען אלץ נישט די מטה מיט׳ן נייעם טוך בע־דעקען.

אנדערע בעלי בתים האבען תרעומות; וואס זאל ער נעבאך טהאן, אז ער קאן נישט, אז ער האט קיין שליטה נישט?

---

3.

## דער נגיד צו די שטעדטלאך.

בערקע איין איז זעהר א ווייכער מענש פון דער נאטור, א גוטער ברודער; האלט זיך נישט גרוים מיט זיין פערמעגען, דרעהט זיך א גאנצען טאג ארום אין דער גאס, אנגעטהאן אין אן אלטע פאפיעלאטע קאפאטע, אבגעלאקירט פון דער זון, מיט נייע בענדער און קנעפ בענעהט, דאס היטעל אויסגעריבען, האלט אן אלטען שטעקען אין האנד, וואס אויבען ביים אנגעהמער איז ער גלאטיג, א סימן אז ער דיענט שוין לאנג זיין בעל־הבית. קוקענדיג אויף בערקען, אויף זיין אויסגעטרי־קענט געזיכט, אויף די קאלטע הארטע קנייטשען, וואס פאלטען זיך אין זיין פנים, קריגט מען אויף איהם גרוים רחמנות — ער זאגט מיט שרעק, ווי א כושל, יעדען ציטעריג „גוט מארגען", שמייכעלט צו אלעמען ליעבליך און חנפ׳עט אלעמען, ווי ער וואלט חלילה געברויכט יענעמ׳ס לאסקע, און קרעכצט תמיד אויף דער ביטערער צייט.

— גוט מארגען, חאצקעל, וואס מאכסטו עפעס גוטס? זאגט

ער צו חאצקלען דעם בעל עגלה, ווען דער לעצטער געהט פון א געוועלב ארויס און האלט אין האנד א קעסטעל מיט שמירעכטס.

— זעהסט דאך, בערקע (אלע אין שטאדט רוצען בערקען). מען שמיערט דעם וואגען און מען פאהרט.

— וואוהין דאס?

— וואו דען, אז נישט קיין גאסטעניין?

דערווייל קומען זיי אן צו חאצקעל'ס וואגען, איינגעשפאנט אין צוויי אויסגעמאגערטע גנאדעס. בערקע געהט צו, קלאפט אויפ'ן פערד'ס רוקען, זאגענדיג צו חאצקלען.

— וואס מאכט דיין חיה עפעס? אוי, גאר נישט קיין בריה, שוין צייט זי איבערצומווישען, חאצקעל. און חאצקעלס גנאדע שטעהט אויסגעשטרעקט די אויערען, הארכט אויס דעם שמועס — און פערקלעהרט זיך: מען מיינט זי אפשר?

חאצקעל דרעהט אראב דעם ראד, שפארט אונטער דעם וואגען מיט'ן רוקען.

בערקע געהט צו, שטעקט ארונטער דעם וואגען זיין דיקען שטעקען און וויל חאצקלען העלפען דעם וואגען אונטערהויבען. און פרעהענדיג זיך אויף די טובה, וואס ער טהוט דא איצט חאצקלען, זאגט ער מיט בעהאלטענעם נחת:

— ווייסט וואס, חאצקעל? איז זאכארעווקע זיינען דא גוטע פערד צו קויפען, פאהר ארויס און זוך דיר עפעס אויס א סחורה'לע פאר דיר, ער וועט דיר וואלוועל פערקויפען, ברוך.

חאצקעל ארונטער שטעקענדיג דעם קאפ אונטער דעם וואגען, דעם אקס שמירענדיג, ענטפערט איהם פון אונטער'ן וואגען:

—יא, ברוך. גאר נישט מיט איהם וואס צו מאכען, זיעבען און צוואנציג רובעל שוין געוואלט איהם געבען און ער וויל נישט הערען און גערדענקען.

— אזוי, וויל נאך נישט — וואונדערט זיך בערקע, חא, חא, חא,

— ער קנייטשט איין דעם שטערען, און עס דאכט זיך, אז ער האט עגמת־נפש פון זיין רזשאנדצע, וואס ער וויל קיין זיעבען און צוואנציג רובעל נישט נעהמען.

— וואלסט איהם א בריוועל אויסנעשריבען — רעדט חאצקעל פון אונטער וואגען ארויס.

— עך, ביטערע צייטען! — קרעכצט בערקע און נעהמט ארויס א פושקעלע מיט שמעק־טאבאק און איז מכבד האצקלען, — עס זעהט אויס, אז בערקע איז זיך זעהר מצער דערויף.

דארט אין מיטען מארק שטעהען דאס קופקעלע אידען און קוקען אויף בערקען, ווי ער העלפט האצקעל פוהרמאן דעם וואגען אונטערשמי־רען, און זייערע פערטריקענטע ליפען, און דאס קלאפען מיט די שטעקענס אויף די שטיינער דריקט אויס עגמת נפש אויף זייער נגיד, וואס ווייסט נישט צו האלטען זיך בכבוד און גיט זיך אב מיט א לאדע בעל־עגלה.

באלד קומט בערקע אן צו דאס קופקעלע אידען.

— גוט מארגען.

— גוט יאהר.

— וואס הערט מען נייעס? ווער האט אין זאכאראווקע געקויפט?

— ער וויל נישט פערקויפען, אייערער — רופט זיך אן איינער פון די אידען.

— אווא, פאר דריי און פערציג אויך נאך נישט! וואונדערט זיך בערקע.

— און איך זאג דיר, אז עס וועט דיר באנג טהאן, בערקע — זאגט צו איהם איינער.

א צווייטער העלפט איהם מיט:

— ווארט, בערקע! דו וועסט נאך אונז בעטען.

— מילא, קרעכצעט בערקע, מן הסתם וויל מען טייערער געבען. וועט א גאסטעניגער קויפען.

— און אונז דארף מען נישט לאזען לעבען, צובייזערט זיך שוין איינער.

— עך! — קרעכצט בערקע, און ווינקט צו א יונגען מאן פון דער קופע:

— זרח, זיי נאר מוחל.

יענער קומט צו איהם, און עפעס ווי ווילענדיג בערקען איבערבעטען זאגט ער צו איהם נאך אמאל זיין אייגענעם גוט מארגען:

— שוין היינט מאנטאג, נעכטען נאך צייט געווען, קרעכצט בעריקע.

— גלויבט מיר, איך ווייס דאס, און וואס קען איך טהאן?

— איך האב דאך אויך א ווייב מיט קינדערלאך — בעט זיך בערקע און די קנייטשען פון זיין געזיכט זעהען אויס ווי וויינענדיג.

— די צייט איז שלעכט, פערענטפערט זיך זרח.

— די צייט איז ביטער? — זאגט בערקע, פרעגענדיג דערמיט זרח'ן..

— הייסטו צושרייבען צום חוב — קרעכצע בערקע נאך א מאל.

— מילא וואס קען איך מאכען?

ביזט נעבאך א שלי'מזל'ניק — בעדויערט איהם בערקע, שטארק אבזיפצענדיג זיך.

זיי שמועסען ווייטער צווישען זיך.

באלד הערט מען פון גאניקעל שאשע'ס, בערקע'ס ווייב'ס קול:

— בערקע, דער מיטאג איז שוין פארטיג.

— האסטו ווייטער א געשעפט — פערענטפערט זיך בערקע פאר דאס קופקעלע אידען, און באלד דרעהט ער זיך אויס, זאגט עפעס אן אויסרייד און געהט אהיים.

זיי קוקען איהם נאך.

באלד קומט בערקע אן פאר דעם שטעל גרינס, וואס איז פאר זיין הויז, נעהמט א רעטאך אין האנד, בעקוקט איהם פון אלע זייטען.

ער נעהמט א פיערער ארויס פון קעשענע און גיט איהם דער אידענע, וואס זיצט פאר דער שטעל.

די אידענע בעקוקט דעם פיערער אוןווארפט איהם אין א קווארט אריין.

שוין אן אויסגעדונגענער פרייז.

בערקע נעהמט דעם רעטאך און געהט מיט איהם אין הויז אריין.

— ווייטער געלד אויסגעגעבען — זאגט ער מיט א געלעכטעריל צו דעם קרעמער, וואס שטעהט אויף דער שוועל פון דעם געוועלבעל, וואס איז אונטער זיין גאניקעל.

דער קרעמער קראצט זיך אין בערדעל קאלטבלוטיג.

# די מאמע מיט דער טאכטער.

—און דאס איז דיר נאך גוט געווען, האסטו געהאט וועניג, — נא דיר נאך. א שעהנע, ריינע כפרה אויף מיינע שונאים'ס קעפ! — האט ביילע געענטפערט דער טאכטער, אראבציהענדיג זיך דאס טיכעל טיעפער איבער די אויערען. דאס געזיכט בעהאלטען אין די גע־רונצעלטע הענד און געבליקט אויף די פלעשער, וואס זיינען פערשטעלט מיט גרויע בייגען פאפיער און קוקען אראב פון דעם הויכען שראנק.

דער אלטער ר' יעקב גאלדשטיין, וואס זיצט אויבען אןביים טיש, האט אויפגעהויבען דעם קאפ מיט דער לאנגער ווייסער בארד, און די אויגען האבען זיך ארויסגעשפארט דורך דעם טרוקענעם, צו־זאמענגערונצעלטען פנים.

— נו, זאג טאכטער, זאג אדרבה, וואס פעהלט דיר ביי אונז, האסט חלילה נישט וואס צו עסען, וואס צו קליידען, אדער וואס? אדרבה פרעג דיין מאן, זאל ער זאגען, אדרבה.

— איין מאל פיר אלע מאל, איך וויל דאס מייניגע און ווייטער פטור, איהר האט מיר צוגעזאגט 500 רובל נדן, — גיט מיר זיי! וואס, בין איך נישט ווי רחל'ע, ווי חיים דוד, וואס האט איהר צו מיר? גיט דאס מייניגע און לאזט מיר געהן.

— געהן, שמייען, וואו, אין דער ערד אריין? — האט זיך די אלטע ביילע צובייזערט, מאכענדיג מיט די צוזאמענגעקנייטשטע גע־רונצעלטע הענד. איהרע טרוקענע איינגעצויגענע און איינגעפאלענע ליפען, וואס זעהן אויס ווי א קנייטש אין געזיכט, האבען זיך פער־

שפּרייט, געריטעלט, און דאָס האָט מעהר אויסגעדריקט איהר פּער־דרוס, ווי די גרויע אויסגעלאָשענע אויגען.

נאָך אַמאָל האָט זיא דאָס געזיכט אין די הענד בעהאַלטען, קור־קענדיג אויף די פּלעשער פון שראַנק.

— גאָר נישט געבייזערט זיך, נאָר נישט געשריען, מען קען אַלץ מאַכען אין גוטען, האָט זיך דער אַלטער אָנגערופען, אויפהויבענדיג זיך פון זיין פאָטער־שטוהל. ער געהט צו צו דער טהיר, וואָס פיהרט אין אַ צווייטען חדר און קלאַפּט אָן.

— נחום, זיי מוחל.

עס עפענט זיך די טהיר, און נחום, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר 20, בעוויזט זיך. זיין ווייס געזיכט, וואָס שיינט אַרויס פון דעם שוואַרצען בערדעל, און די ווייסע אויסגעצויגענע נאָז האָבען צו וויסען געגעבען אַז זיין האַרץ קלאַפּט.

— זאָג נחום, זיי מוחל, אדרבה, דו ביזט דאָך אַ בר אוריין, אדרבה זאָג, וואָס פהלט דיר ביי אונז?...

און די אַלטע אויסגעלאָשענע אויגען, וואָס זיינען האַלבליך בע־האַלטען אין די ווייסע ברעמען, שטאַרען נאָך מעהר אַרויס פון דעם אויסגעטריקענטען דאַרען פּנים, און עס דאַכט זיך, אַז אַט פאַלען די אויגען אַרויס און עס בלייבען איבער נאָר אַ פּאָר שוואַרצע טויטע לעבער.

— אַ, ווייס איך וואָס? בנוגע מיר איז מיר אַלץ איינס.

נחום'ס שטימע האָט געציטערט, און דעמאָלס ווען ער האָט גע־רעדט, האָבען זיך די לעפּלען כשר'דיג איבער די אויגען אַראָבגעלאָזט אַזוי ווי זיי וואָלטען עדות זאָגען אויף דעם, וואָס ער רעדט.

— נו? — האָט זיך דער אַלטער אָנגערופען מיט אַ שטייגער, ווי ער וואָלט געבעטען אום שלום ביי דער טאָכטער.

— וואָס, נו, — גאָר נישט, איך וויל מיין געלד און ווייטער פּטור, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, איך בין אַ מענש פאַר זיך, וויל איך מיר לעבען פאַר זיך, וויל איך פּראָבירען מיין מזל, טאָמער וועט מיר גאָט אויפריכטען, שוין גענוג געווען ביי אייך ביז אַהער.

נחום האט געקוקט אויף זיין ווייבעל. זעהענדיג איהר רויט געזיכט און איהרע פייערדיגע ברענענדיגע אויגען האבען זיך איהם נאך אמאל די ליפלען אראבגעלאזט איבער די אויגען און מיט א בעהאלטענעם נחת האט ער זיך די הענד געקוועטשט. זי האט געגעבען א קוק אויף איהם, האט זי די ליפען פערביסען.

— אבער דאך ניט איצט, אויף די מינוט, דערווייל איז דאך נאכט, דערווייל לייגט מען זיך שלאפען, — האט דער אלטער געזאגט, אויפהויבענדיג זיך פון זיין ארט.

די אידענע זיצט ביים טיש, דאס געזיכט מיטביידע הענד פערשטעלט, און די טראטלען פון איהר הויב בעוועגען זיך.

— גוט דערלעבט, מ'שטיינס געזאגט: מען בעט אויף קינדער — האט זי א מורמעל געטהאן, ניט אראבנעהמענדיג די אויגען פון דעם גרויען בויגען פאפיער.

די טהיר, וואס פיהרט אין צווייטען חדר, האט זיך פערהאקט.

א „גוטע נאכט" האט זיך געהערט מיט א שטילען בייזערדיגען טאן.

— און איך זאג דיר, אז אלץ, אלץ איז פון זיין קאפ. אלץ ער, אלץ ער, — זאגט די אידענע מאכענדיג מיט די הענד, אזוי ווי מיט זיי וואלט זי דעם מאן עפעס וועלען געבען צו פערשטעהן — זי האט גאר קיינמאל דעם שכל ניט געהאט דערצו.

— א, וואס דיר פאלט איין! דער אלטער בלייבט שטיל און אין א ווייליע ארום זאגט ער ווייטער:

— וואס וועט מען איצט טהאן? עס קומט אויס גאר די קראם צומאכען אויף דער עלטער.

— קוקט איהם נאר אן, דו מיינסט טאקי, איך דארף זי? — די אלטע האט זיך אויפגעהויבען פון איהר ארט. — אויף טויזענד כפרות דארף איך זי, איך וועל מיר אליין אויך קענען אן עצה געבען.

דער אלטער האט אלץ געקרעכצעט.

אין דעם צווייטען חדר.

נחום געהט הין און צוריק.

— בטלן, צו מיר האט ער נאר א פּיסק, מיר קען ער נאר יאגען, און האלט עס עפּעס ביים טהאן, שטעהט ער ווי א גולם, — האט זיך שרה געבייזערט, אראבנעהמענדיג די נייע פלושענע קאלדרעס פון די בעטען.

נחום האט זיך געשטעלט ביי דעם שראנק: שרה'לע, פערשטעהסט נישט, איך קען נישט, מיך וועט מען צום רבי'ן שלעפּען — ער געהט צו נעהנטער צו איהר — ער וועט מיך פערקלאגען, אז איך וויל פון לערנען אבשטעהן. דו מעגסט, פאר דיר פאסט עס.

ער נעהמט זי אן ביי דער האנד.

זי שטופּט איהם אוועק: געה, שוטה.....

---

אין א פּאר וואכען ארום.

דאס פערשטויבטע שווארצע שויפענסטער פון ר' דוד קובער־באכערס געוועלב איז היינט אבגעפּארבען, אבגעוואשען און אויסגע־שטעלט מיט פערשיעדענע פּרוכטען: א טהורם פּאמעראנצען בעפּוצט מיט גיס, מאנדלען, עפּעל און בארנעס פוןביידע זייטען ציהט צו צו זיך יעדען פערבייגעהער, אזוי ווי די שווארצע אויגען, וואס בעהאלטען זיך פערשעהמט אין דעם איידעלען געזיכט פון דער יונגער ווייבעל, וואס שטעהט אויף דעם שוועל.

אויף די טהירען, אנשטאדט די פריהערדיגע פערשטויבטע שיל־דען מיט אבגעריבענע ווערטער, הענגען היינט א פּאר נייע אויס־געמאלטע שילדען מיט פערשיעדענע פּרוכטען, אונטען שטעהט אויפ־געשריעבען דער נאמען: נחום געלדמאן.

אין דעם צווייטען הויז איז אויך א פּרוכט־האנדעל. אין אלטע פערשטויבטע קערב זיינען די פּרוכטען, וואס קוקען ארוים פון דעם שויפענסטער, אזוי ווי דאס געזיכט פון דער אלטער אידענע, וואס שטעהט ביי דער טהיר.

אויף די טהירען הענגט א שילד: יעקב גאלדשטיין.

ביידע ווייבער שטעהען, אזוי ווי גרייט מלחמה צו האלטען.

עס געהט דורך א יונגער מאן. די אלטע אידענע פון דעם אלטען געוועלב, לויפט איהם אנטקעגען, כאפט איהם אן פאר די הענד און ציהט איהם.

— זייט מוחל, יונגער מאן, דא, זייט מוחל, וואלוועל און גוט, ערשט א נייעם סארט פון וואַרשוי געבראכט.

דער יונגער מאן געהט מיט דער אידענע — זי האלט איהם פעסט ביי דער האנד און שלעפט איהם — אט האט ער שוין זיין טריט אויף איהר שוועל געשטעלט, און די אלטע אידענע האט א בליק גע־ווארפען אהין צו דער טאכטער, ווי זאגענדיג: אהא, ווער איז שטארקער?

שרה'לע שטעהט פאר איהר געוועלב און קוקט מיט איהרע שווארצע אויגען, ווינקענדיג צו דעם יונגען מאן. זי מאכט א בעווע־גונג מיט איהר האנד, ארויפגעהמענדיג זיך די האר.

דער יונגערמאן רייסט זיך ארויס פון דער אידענע און געהט אהין צו שרה'לען.

די אידענע לויפט איהם נאך: זייט מוחל, א פרישען סארט — וואלוועל, בחצי חנם.

— וואס פערדרעהט איהר מיר א קאפ, לאזט מיך אב! און דער יונגער־מאן געהט נאך שרה'לען אין געוועלב אריין.

— א בייזע פינסטערע נאכט צו דיין קאפ, חצופה, משומד'ת. אלע קונים נעהמט זי מיר אוועק — אויסגעריסען זאלסטו ווערען.

שרה'לע רופט זיך גאר נישט אן.

די אלטע געהט צוריק און זעצט זיך אנידער אויף דער שוועל פון איהר געוועלב.

---

צווישען דעם שווער און איידעם איז א גאנצע וואך שלום. אין בית־המדרש זיצען זייביידע און לערנען; קריגען זיי זיך אמאל איבער א תוספת'ל, ווערען זיי באלד שלום.

צווישען דער טאכטער און דער מאמען זיינען א גאנצע וואך מחלוקות.

די אלטע ציהט, שלעפּט דעם קונה, מיט געוואלד נויט זי איהם — די יונגע ווינקט נאר.

די אלטע שרייט, שילט און זידעלט, די יונגע שווייגט.

נאר שבת איז שלום.

שבת אין דער פריה, ווען אלע קראמען זיינען פערמאכט און א לאנג אויסגעצויגענער קול לאזט זיך הערען אין מיטען גאס: „אידען אין שוהל אריין“! געהט די אלטע אידענע ארוים פון איהר שטוב, פערבונדען דעם קאפּ מיט א טיכעל, זי געהט צו איהר טאכטער׳ם לאדען און קלאפּט אן:

— שרה, מען האט שוין אין שוהל גערופען!

# די אַקאַדעמיע.

(א מאנאלאג פון א פאטער)

רב אנשעל ליב איז דער שעהנסטער איד פון דער שטאדט. דאס פערמעגענס — דער גאסטענינער וואלד, האט נאך זיין פאטער געהערט — און די מויער אין שטאדט מיט די צוויי אפּיצינעס האט ער זיך שוין אליין אויסגעבויט. קינדער, ווי יעדער איד ווען עס געהט איהם גוט, האט ער געהאט, אהן עין הרע, פיעל, א זעקס זיהן, און א זעקס טעכטער, פּרנסה בריוח, א איד א הדרת פּנים, פון די שעהנסטע משפּחה.

רב אנשעל ליב'ס פאטער, ר' משה בער, איז אויך געווען א שעהנער איד, אפשר נאך א שעהנערער פאר איהם, א גרעסער תלמיד חכם, און געדאוונט אין חסידים־שטיבעל, און קינדער האט ער אויך גע־האט, אהן עין הרע, פיעל — א זעקס זיהן און זעקס טעכטער — פּרנסה בריוח, א הדרת פּנים, פון די שעהנסטע משפּחה. נאר דער חילוק איז בעשטאנען אין זיי: וואס מעהר קינדער דער פאטער ר' משה בער האט געהאט, אלץ מעהר נחת האט ער דערלעבט. אלץ מעהר שמחות איז אין שטוב געווען. אלץ מעהר חתונות — מעהר ברית'ן. אבער וואס מעהר קינדער דער זוהן רב אנשעל ליב האט געהאט, אלץ מעהר צער, אלץ מעהר צרות, אלץ מעהר בזיונות האט ער פון זיי געהאט.

געטראפען האב איך רב אנשעל ליב'ן ביי זיך אין קאבינעט, ווען איך האב איהם בעזוכט, געזעסען איז ער מיט זיין שעהנע בארד און ווייסגעפּרעסטען העמד אין דער פאטער־שטוהל, און איבער זיין קאפּ האט געהאנגען זיין פאטער'ס בילד, רב משה בער, אויך אין זיין

שעהנעם קאפעל מיט די שעהנע בארד. נאר ארום דעם אלטען איד אויף דער פאטאגראפיע האט געווימעלט פון זיהן מיט טעכטער. מיט איידעמס און שניר, און אייניקלאך און אור־אייניקלאך. דער אלטער איד איז אויף דער פאטאגראפיע פערטרונקען געווען אין א ים פון קינדער און אייניקלאך, וואס איז פון איהם ארויסגעגאנגען, און דער זוהן זיינער, רב אנשעל ליב, איז מיט די שעהנע בארד זיינע געזעסען אליין, ביחידות און האט מיט מיר אזוי איינגע'טענה'עט:

— איהר פרעגט מיך פאר וואס איך קרעכץ, פאר וואס איך בין אזוי טרויעריג, פאר פרנסה, זאגט איהר, האב איך אויסגעזארגט, און אז איך קרעכצע, און אז איך קלאג, ווער זאל נישט קלאגען? — אזוי טענה'עט איהר צו מיר — נו, וואס זאל איך אייך ענטפערען? איך פרעג אייך, פאר וואס זאל איך נישט קרעכצען? וואס פאר א נחת האב איך פון מיין לעבען? קוקט זיך איין אין די פאטאגראפיע וואס הענגט איבער מיין קאפ (ער ווייזט מיר אן אויף דעם פאטער'ס בילד). איהר זעהט, מיין פאטער אין מיינע יאהרען האט שוין גע־האט, אהן עין הרע, א פינף טעכטער אויסגעגעבען, און א זעקס שניר אין שטוב ארייגעבראכט. אז עס איז געקומען שבת נאכמיטאג, זיינען די שטובען ענג געווארען פון די פיעל אייניקלאך, וואס זיינען געקומען דעם זיידען גוט שבת ביטען. אז עס איז געקומען פסח צום סדר, אדער פורים צו דער סעודה, ווען מיר אלע מיט די ווייבער און די קינ־דער זיינען צום טאטען, עליו השלום, צוזאמענגעקומען, האבען די שטיבער ניט געסטייעט, אלע טישען זיינען צו ווינציג געווען. בענק־לאך האט אויסגעפעהלט צו זיצען. די סערווירער מיט די כלי זמרים זיינען פון די שטובען נישט ארויס. אין אייגענע שטוב הייב־אם געהאט... און ארבייט האט זי געהאט איבער'ן קאפ... אז גאט האט געהאלפען, מען האט נאך א וואלד געקויפט, האט מען נאך א קינד אויסגעגעבען. א געשעפט געמאכט — א ברית געמאכט. געלד פערדיענט — נדן געגעבען. גאט האט קינדער געגעבען און פרנסה פאר זיי געגעבען. וואס מעהר ליכט אין בית־המדרש ארונטערגעשיקט, אלץ מעהר עשירות אין שטוב געווען. אין דער משפחה זיינען שטענדיג געווען שמחות: דא איז א אייניקעל בר מצוה געווארען; דא איז ווער אין דער משפחה א חתן געווארען; דא איז מען גע־פאהרען א כלה זעהן — מען האט שטענדיג געשפיעלט, שטענדיג

שמחות געווען. און איך? גאט האט מיר אויך געהאלפען — ווי מיין טאטע, עליו השלום, זעקס זיהן און זעקס טעכטער — וואס פאר א נחת האב איך פון זיי געהאט? זיינען זיי קליין געווען, האבען מיר געהאט צרות בגימנאזיע. אזוי ווי דאס האט געמוזט פאקען, מאזלען, האבען צאהן־וועטהאג, אזוי האט עס געמוזט דורכמאכען די מכה פון דער גימנאזיע. גאט, וויפיעל ממון און דמים דאס האט אבגעקאסט! און בזיונות און פערשטערטע שבתים — זאל זיך איין גאט מרחם זיין. גוט, שוין דורכגעמאכט די גימנאזיע־קרענק. האט זיך אנגעהויבען די אוניווערזיטעט. מען נעהמט נישט צו, דוקא גאלדענע מעדאלען מוז מען האבען. הכלל, זיי האבען נישט געקראגען קיין גאלדענע מעדאלען, און אז מען קריעגט נישט קיין גאלדענע מע־דאלען, קען מען נישט לעבען.

— אט האב איך נישט געקראגען קיין גאלדענעם מעדאל און דאך לעב איך מיט גאט'ס הילף — טענה איך צו זיי — און האב חתונה געהאט און האב קינדער און האב פרנסה מיט'ן רבונו של עולם'ס הילף. האסט נישט געקראגען קיין גאלדענעם מעדאל, האב חתונה — טענה איך צו זיי. — ניין, און נישט אנדערש און נאר אין אוני־ווערזיטעט. אז נישט דא איז אין אויסלאנד, איז אין די הרי חושך, עס וועט זיך שוין געפינען.

הכלל, עס איז געווארען א געלויף פון מיין שטוב ארויס, ווי מען וואלט געווען געלאפען פון א מגפה, רחמנא לצלן. אין א שעהנעם פריה־מארגען, איך קוק זיך ארום, איך האב נישט מיט וועמען צום טיש צו געהן. ווער עס איז געלאפען קיין בערן, ווער קיין פאריז. איינער איז פערקראכען אין אזא שטאדט און אזא מדינה, וואס קיין מענש וויים נישט וואו דאס געפינט זיך. און אלעם לויפט, פון גרעסטען ביז צום קלענסטען. דער איז שוין געפאהרען, דעם פאהרט היינט, דער וועט פאהרען מארגען. ביז צום קלענסטען, ביז צו די גימנאזיע — אלעם גרייט זיך אין וועג אריין, און אלעם לערנט און שטודירט. גאנץ דייטשלאנד, די גאנצע וועלט וועלען זיי אויסלערנען און אויסשטודירען און מיר אהער ברייגגען — און דו, טאטע, שיק געלד.

גאט האט געהאלפען, ס'איז צוריקגעקומען דער ערשטער, מיין אדאלף, דער בכור, א פארטיגער דאקטאר, מיט א דיפלאם אויסגע־

שטעלט פון די סאמע אויסלענדישע אוניווערזיטעט, אז ער איז א פארטיגער דאקטאר, גמור וחתום, נור געלד צו פערדיענען. זאגט ער צו מיר: „טאטע, זאג מיר מזל טוב, איך האב דעם דיפלאם". זאג איך: „וואס וועל איך דערפון נחת האבען? מיין טאטע האט זיין ערשטען זוהן אויסגעגעבען פאר ר' דוד קאליטערס טאכטער און איך האב זיך משדך געווען מיט דער בערנער אוניווערזיטעט און חתונה געמאכט מיין בכור מיט א פאפיערענעם דיפלאם". זאגט ער צו מיר: „טאטע, וועסט נאך פון מיר נחת דערלעבען". זאג איך צו איהם: „ווען וועסטו, מיין זוהן, געלד פערדיענען?" זאגט ער צו מיר: „צו געלד, טאטע, איז נאך ווייט. ערשטענס, מוז איך נאך האלטען א „גאסודארסטווענע" עקזאמען — און דאס איז זעהר א שווערע זאך, און דערנאך אפילו, אז איך וועל שוין האבען דורכגעמאכט דעם גאסודארסטווענע עקזאמען — וויל איך אויך ניט געלד פערדיענען, דערפאר, וואס איך האב ניט געלערענט צו זיין א דאקטאר כדי א קאריערע צו מאכען, נור אלס חכמה. מיר אינטערעסירט די וויסענשאפט".

האב איך אויסגעהערט און געשוויגען.

מיט דעם צווייטען זוהן האב איך זיך משדך געווען מיט די ליעזשער אוניווערזיטעט. ער איז אראבגעקומען א פארטיגער אינדזשענער פון ליעזש (א שטאדט אין בעלגיען). פרעג איך מיין זוהן: „האסט א דיפלאם?" זאגט ער. „יא, טאטע, איך האב א דיפלאם". פרעג איך איהם: „וואס האסטו געלערענט אזוינס, מיין זוהן?" זאגט ער: „טאטע, איך האב געלערענט בריקען צו סטראיען, ווי איבערצואווארפען קייט־בריקען פון איין פעלז איבער דעם צווייטען, וואס מען דארף דאס ווען מען וויל אויסבויען אן אייזן־באהן". זאג איך צו מיין זוהן: „די מלאכה געפעלט מיר זעהר, זעהר א ניצליכע זאך. ווען וועסטו, מיין קינד, אנהויבען געלד צו פערדיענען?" ענטפערט ער מיר: „צו געלד פערדיענען, טאטע, איז נאך ווייט. ערשטענס, א גאסודארסטווענע עקזאמען, דערנאך דארף מען ערשט געפינען די אונטערנעהמער, וואס סטראיען באהנען. און אזוי ווי באהנען סטראיעט ביי אונז די רעגיערונג, מוז איך אנקומען אויף א רעגיערונגס־שטעל. און אזוי ווי די רעגיערונג נעהמט דאך נישט קיין אידען, וואלט איך זיך חלילה, בעדארפט שמד'ען, און אזוי ווי שמד'ען זיך, חלילה, וועל

איך דאך ניט, וועל איך אויף קיין רעגיערונגס־שטעל ניט קענען אנקו־מען. און אזוי ווי כ׳וועל ניט קענען אויף א רעגיערונגס־שטעל אנקומען — וועל איך קיין געלד ניט קענען פערדיענען". פרעג איך מיין זוהן: „צו וואס האט עס דיר געטויגט אזא זאך צו לערנען? פארוואס האסטו עפעס ניט געלערענט אזעלכעס, פון וואס דו וואלסט יא געקאנט געלד פער־דיענען?" ענטפערט ער מיך: „טאטע, איך האב ניט געלערענט קיין מלאכה, נור א וויסענשאפט — און די וויסענשאפט געפעלט מיר".
האב איך ווידער אויסגעהערט און געשוויגען.

איז אראבגעקומען די עלטסטע טאכטער. פרעג איך זי: „טאכ־טער, מיט וועמען האב איך זיך משדך געוועזן?" ענטפערט זי מיר: „מיט די פאריזער סארבאנא, טאטע". זאג איך: „דער שידוך געפעלט מיר. וואס האסטו געלערענט, מיין קינד?" נעהמט זי ארויס א גאנצען בוך פראנצויזיש און ווייזט מיר: „דאס, טאטע, האב איך אנגעשריבען פאר מיין דאקטאר־עקזאמען". האב איך מיך דערשרא־קען: „דאס גאנצע בוך האסטו אנגעשריבען, טאכטער, אויף פראנ־צויזיש?" זאגט זי: „יא". „און וועט עס העלפען צו א שידוך, טאכטער?" פרעג איך זי. ווערט זי ברוגז און געהט ארויס פון שטוב. הערט איהר — צו ערשט, איידער דאס איז געפאהרען נאך אויסלאנד, האבען זיך גע׳שדך׳ענט צו איהר יונגע לייט. די שדכנים האבען מיר די טהירען אבגעשלאגען. צייט זי איז צוריקגעקומען פון פאריז און מען האט געהערט, אז זי האט אנגעשריבען א גאנצען בוך אויף פראנ־צויזיש — איז שטיל געווארען. די יונגע לייט וואס קומען אריין, האבען דרך ארץ פאר איהר, האבען מורא פאר איהר, די שדכנים מיידען מיך. און מיט אן אמת, מיט וועמען קען זי חתונה האבען, אז זי האט אנגעשריבען א גאנצען בוך אויף פראנצויזיש. ווי גע־בילדעט מוז שוין דער יונגערמאן זיין, וואס וויל מיט איהר חתונה האבען? מען האט מורא פאר איהר. און זי האט חתונה געהאט מיט׳ן פראנצויזישען בוך.

אזוי איז אראבגעקומען איינער א מאטעמאטיקער און איך האב ניט ווער עס זאל מיר איבעררעכענען האלץ אויפ׳ן קוביק, אלץ, זאגט ער, קען ער — נאר דאס וואס איך דארף האט ער זיך ניט געלערענט.

דערנאך איז אראבגעקומען א טאכטער, האט זי געלערענט אין לייפציג הויך־האנדעל. א דאקטאר צו זיין פאר האנדעל. פרעג איך

זי: „טאכטער, ווילסטו דיך נעהמען צו געשעפט?" „חלילה", שרייט זי אויס, „זי וויל ניט זיין קיין קופּטשיכא!" „צו וואס זשע האסטו, טאכטער, געלערענט א דאקטאר אויף האנדעל?" „איך האב עס געלערענט פאר א חכמה — האנדעל! איך אנטלויף פון דיעזער „חכמה". ווען איך האב צייט, נעהם איך א ספר'ל אין האנד אריין, און זי לערנט א חכמה — האנדעל.

ווען עס קומט ביי מיר צו מיטאג, זעצט זיך אוועק ביים טיש א גאנצע אקאדעמיע. דא האט איהר א דאקטאר און דארט א אינ־זשענער; דא א פילאזאפין און דארט א דאקטרין פון האנדעל. אלע חכמות, וואס זיינען נור אין דער וועלט, האבען זיי געלערענט, און האבען דיפּלאמען פון אלע אוניווערזיטעטען, און קיינס פערדיענט ניט קיין גראשען, און קיינס האט ניט חתונה. זיצט אויף מיינע בּליי־צעס און לעבט פון ארימען וואלד, און איך האב ניט ווער עס זאל מיר א קוביק חשבון מאכען פאר'ן וואלד און איך האב ניט קיינעם, ווער עס זאל מיר אין געשעפט העלפען, דעם וואלד פיהרען, דעם וואלד, פאר וועלכען אונזער אלעמענס ארבייט איז נויטיג.

און אז איך קוק זיך אזוי צו און זעה די דאקטוירים מיט די אדוואַ־קאטען, מיט די אינזשענערען און די פילאזאפען ביי מיין טיש און דאס יונגוואַרג, וואס וואקסט אויף — אום צו ווערען דאקטוירים און אדוואקאטען מיט דיפלאמען; ווען איך זעה, ווי פון קליינערהייט אן וואקסט מען ביי מיר אין דאקטאר אריין — פאלט אן אזא שרעק אויף מיר: צי בין איך, אן ארימער איד, מחויב אויסצוהאלטען — אן אקאדעמיע?

צי זיינען מיינע כחות דערויף? און אלץ פון וואלד! — און קרח'ס אוצרות וואלטע דען סטאַיען?

***

# צוויי אפיקורסים.

(א הומארעסקע)

---

**אין דער שטאדט האט מען זיי ביידע געהאלטען פאר אפיקורסים.** איינעם דערפאר וואס ער האט געהאט א חדר און האט געלערענט מיט די קינדער תנ"ך, דקדוק, געלעזען טרף־פאסולע ביכער, געוואלט ארויס־ווייזען אז אלע נסים פון דער תורה זיינען געשעהן לויט די נאטור און די וועלט פיהרט זיך מיט לאגיק. דער צווייטער איז געווען א פעלדשער־יונג, ביי וועמען אין שטוב האבען איינגלאך און מיידלאך געטאנצט אום שבת, און ער האט געהאט א געוואהנהייט צו קיצלען די ווייבער אונטער'ן ארים ווען ער האט זיי באנקעס געשטעלט. און פערפיהרט דיענסט־מיידלאך. דערפאר אז זיי זיינען געשטארבען האט מען זיי ביידען בעגראבען אין שכנות ניט ווייט פון פלויט, וואו מען בעגראבט געהאנגענע און גנבים.

פאר'ן טויט האבען זיי ביידע תשובה געטהאן. דער דקדוק־מלמד איז געווען אן ארימער איד, א מטופל מיט קינדער. ער איז געשטארבען צוויי מאל א טאג פאר א שטיקעל ברויט. ער האט זיך קיינמאל פאר קיינעם נישט געקלאגט און אויף קיינעם קיין תרעומות ניט געהאט, ווייל ער האט אלעם ערקלעהרט דורך דעם שכל, על פי חכמת הטבע. ער האט זיך אוי לאנג געהויקערט ביז אין א שעהנעם פריהמארגען האט ער זיך מעהר ניט געקענט אויפהויבען פון בעט. קיינער האט נישט געוואוסט דערפון. דאס ווייב האט איהם ווייטער געשאלטען און ער איז געלעגען מיט דעם פנים אומגעקעהרט צו דער וואנד. מיט אמאל האט ער אנגעהויבען צו צווייפלען אין דעם לאגישען געדאנק פון דער וועלט און געטראכט טאמער איז עס נישט על פי חכמת הטבע. געשטארבען איז ער מיט ודוי און מיט שמע ישראל, דערפאר

האט איהם דער מצבה קריצער, וועלכער איז געווען ביי אונז אין שטעד־טעל א איד און אברך מושלם, א טיטעל געגעבען אויף זיין מצבה „בעל הגיון“, וואס דאס הייסט, „דער מאן פון לאגיק“. דער פעלדשער, ווידער, אז ער איז פאראליזירט געווארען, האט ער אוועקגעווארפען די „נארישקייטען פון דער וועלט“ און האט זיך גענומען פארבערייטען אויף יענער וועלט. גאנצענע טעג געזעסען און תהילים געזאגט, גע־שלעפט זיך מיט די קראנקע פיס אין בית־המדרש אריין און אוועק־געזעצט זיך ביים אויווען. דרך ארץ געהאט פאר אידען וואס קענען לערנען, געלאזט וואקסען זיך א בארד. ער איז געשטארבען מיט געוויין. א מנין אידען האבען פאר איהם תהילים געזאגט.

דער מצבה קריצער, ביי וועלכען זיינע קינדער האבען פאר איהם א מצבה בעשטעלט, האט לאנג געזוכט פאר איהם א פאסענדען טיטעל: ער האט אבער נישט געקענט געפינען. קיין בעל־תורה איז ער נישט געווען און קיין בעל צדקה אויך נישט. ענדליך האט ער אויסגעפונען פאר איהם א טיטעל וואס פאסט איהם זעהר. ער האט איהם גע־רופען אויף דער מצבה „נח לבריות“. עס הייסט א גוטער ברודער.

און ווי עס זאל נישט זיין, האבען די ביידע אפיקורסים ביים טויט זיך זעהר געשראקען פאר'ן יום הדין. דער דקדוק־מלמד איז נייגעריג געווען צו דערזעהן דעם „סוף כל הסופים“, אום צו דערגעהן צום עצם התכלית, אויב עס איז טאקע עפעס דארט דא און דער „נח לבריות“, דער פעלדשער האט זיך גלאט געשראקען פאר'ן מלאך הדומה מיט זיין פייערדיגע רוט. אז מען האט זיי ביידען אראבגעלאזט אין די קברים און די קינדער האבען נאך זיי קדיש אבגעזאגט און זיינען אוועקגע־גאנגען, האבען זיי ביידע געווארט מיט אונגעדולד אויף דעם מלאך וואס וועט קומען און פרעגען „מה שמך?“ נור איך וייס נישט, צו דערפאר, ווייל עס איז טאקע גאר נישט דא אויף יענער וועלט, צו ווייל מען האט זיי געוואלט שטראפען פאר זייער אפיקורסות, האט מען אן זיי פערגעסען. קיינער איז נישט געקומען, קיינער האט זיי נישט געפרעגט „מה שמך“ און מען האט זיי אין ערגעץ נישט געפאדערט צו קיין יום הדין. זיי האבען געווארט טעג, וואכען, חדשים — זיי האבען געזעהן, אז קיין ניי לעבען איז נישטא, איז זיי גאר נישט איי־בערגעבליבען, נור דאס געדעכטנים פון דעם אלטען לעבען וואס זיי האבען געפיהרט אויף דער ערד.

דער מלמד האט זיך געהאט ווייניג וואס צו דערמאהנען. א לעבען האט ער געפיהרט אן ארימען, א טרוקענעם. אויפגעצויגען האט ער זיך ביי א טאטען א מלמד. אין דער היים האט אויסגעפעהלט שטענדיג דאס שטיקעל ברויט, און צו אכט, ניין יאהר איז ער אוועק אין די ישיבות לערנען. צוערשט האט ער נאך געהאט א גלויבען אין גאט, און געהאפט אויף משיח'ן און אויף א בעסערע וועלט, נור צייט ער האט אנגעהויבען צו לעזען די טריף־פסול ביכלאך, און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די וועלט פיהרט זיך על פי חכמת הטבע, (פון דער נאטור) און דאס אויף דער צווייטער וועלט איז גאר נישט דא, נישט קיין שכר און נישט קיין עונש, און קיין משיח וועט ניט קומען, און קיין אנדער לעבען וועט נישט זיין — איז דאס לעבען זיינס געווארען א אויסגערעכענטער, א טרוקענער. חתונה האט מען איהם געמאכט מיט א כלה וואס ער האט נישט ליעב געהאט. געטהאן דעם שדוך האט מען, ווייל עס איז געווען א אנהאלט, א רייכער שווער, ביי וועלכען ער האט געוואלט קעסט עסען — און זיך ארויפארבייטען אויף עפעס. דער שווער איז אבער ניט רייך געווען. געווארען איז ער א מלמד, נור גע־לערענט דקדוק, און יעדעס יאהר א קינד געהאט, און קיינמאל קיין שטיקעל ברויט נישט — נור עס איז גאר נישט קשה געווען — ווייל אלעס האט ער זיך ערקלעהרט על פי חכמת הטבע, און מיט'ן הגיון איז ער דערגאנגען, אז עס דארף אזוי זיין. האט ער צו קיינעם קיין תרעומות נים געהאט. און זיין יעצטיגער צושטאנד איז איהם אויך נים קשה. נישט דער טויט, און נישט דאס לאנגע שווייגען נאכ'ן טויט, וואס ער ליעגט אין דער ערד, און דער שארבען ווערט וואס אמאל טריקענער. עס בעדארף אזוי זיין. עס איז על פי חכמת הטבע, און עס איז אין דעם גאנג פון הגיון, איז זיך גאר נישט דא וואס צו וואונדערען. און אייגענטליך בעדארף מען גאר שלאפען און גאר נישט פרעגען נור אויסגעשלאפען האט ער זיך און דער מלאך הדומה קומט נישט צו געהן און מען פיהרט נישט, נישט אין גן עדן און נישט אין גיהנום. בלייבט נישט איבער קיין אנדערע זאך, נור צו דערמאהנען זיך פון געוועזענעם לעבען. ער האט געדענקט דעם אינהאלט פון א פאר ביכעלאך, וועלכע ער האט געפרואווט איבערגעבען זיין שכן, כדי מיט איהם זיך דאס הארץ אויסצורייידען, נור דער פעלדשער האט ווייניג אינטערעס ארויסגעוויזען צו זיי.

פערקעהרט, דער שכן זיינער, דער פעלדשער, האט זיך שוין גע־האט וואס צו דערמאהנען. געוועזן איז ער אין די יונגע יאהרען א לעבע יונגג. א פעלדשער אין א קליין שטעדטעל. א שעהנער יונג איז ער דאך מיט שעהנע וואנצעלאך, און הפקר איז מען, ערלויבט מען זיך וואס דאס הארץ גלוסט. געהט מען אין די זומערדיגע פארנאכטען אין די סעדער ארום, אין די גערטנער. טרעפט מען זיך דארט מיט די שטאדטישע מיידלאך, פערפיהרט מען א געשפרעך און מען בעהאלט זיך צווישען די שאטענס פון די בוימער ביז שפעט אין אבענד. מען זינגט לידער. שבת און יום טוב טאנצט מען. אין די פארנאכטען ווארט מען אף די געליעבטע אונטער די לאדען און מען פיהרט זיי אויפ'ן וועג ארויס, אמאל נחה'ן, און אמאל שרה'ן און אמאל גאר דעם שכן'ס שיקסע. און האט ער חתונה געהאט איז ער אויך ניט קיין פערפאלענער. פאר־קעהרט, ביי איהם אין שטוב קומען זיך צוזאממען די לעבע יונגען פון שטאדט, כלי זמר, די משוררים און די קאמאשען מאכערס. מען זינגט ליעדער און מען טאנצט. אין אבענד שפיעלט מען אין קארטען, און אויף פורים מאכט מען גאר אידיש טהעאטער. און געהט מען צו א קראנק ווייבעל און דער מאן איז ניטא, הייסט מען איהר שטעלען פאקען, לאזט מען אראפ דעם העמד, קיצעלט מען אונטער די ארעמס, ווערט דאס ווייבעל געזונד פון בלויזען לאכען...

דעם פעלדשער איז אויך ווי דעם מלמד לאנגוויילינ געווארען ווארטענדיג אויפן מלאך הדומה. ער האט נאך נישט געוואלט גלויבען, אז דער מלאך וועט ניט קומען פאדערען זיי צום דין און אויף דער וועלט איז גאר ניטא מעהר נור דער זכרון אז דעם לעבען. ער האט נאך אלץ געהאפט, באטש עס זיינען שוין דורכגעגאנגען חדשים און קיינער איז ניט געקומען. מיט געוואלד האט ער פערזאגט פון זיך די עראינערונג פון דעם געוועזענעם לעבען; ער האט גאר געוואלט געדענקען פון דעם תהילים זאגען און מלקות זיך שלאגען פון לייביש דעם שמש ערב יום־כפור. אבער דאס לעבען אין זיינע יונגע טעג איז איהם אליין געקומען צום זכרון און ער האט ליעב געהאט צו דער־מאהנען זיך אן יעדער איינצעלהייט. איינינע מאל האט ער שוין געהאט געוועקט זיין שכן דעם מלמד, און ער האט איהם געפרעגט:

— ר' מרדכי, וואס מיינט איהר, מען וועט גאר ניט קומען נאך אונז?

— ווער זאל קומען, נאר? עס איז על פי טבע, אז דער מענש שטארבט איז ער טויט. און נאך א טויטען קומט מען נישט.

— הייסט עס אייגענטליך, אז מיר האבען ניט אויף וואס צו ווארטען?

— גאר נישט, פייבעל, גאר נישט, פייבעל.

נאך א פאאר טעג שוויינגען האט זיך דער פעלדשער ווידער דער־מאהנט אן די שעהנע טעג זיינע ווען ער האט גנענדיל די שענקערינס מיידעל פערנארט צווישען די קשאקעס אין שטאדט וואלד און ווי זיי זיינען ביידע געלעגען און געהערט דעם קוויטשען פון די זשאבעס. ער האט געבענקט נאך דעם לעבען און חשק געקראגען צו טהיילען זיך באטש מיט דעם דקדוק מלמד מיט די פערגעניגענס וואס ער האט גענאסען אין יענער וועלט, רופט ער זיך אן:

— אי, ר' מרדכי, יענער לעבען איז גוט געווען. א שעהנע וועלט געווען. א שאד, געשטארבען, א שאד!

דעם דקדוק מלמד איז שוין אויך געווארען לאנגווייליג נאכ־צוקלעהרען וועגען דער לאגיק פון טויט. איהם האט זיך אויך פער־בענקט נאך יענעם לעבען. נאך גרויסע זאכען האט ער נישט געהאט צו בענקען, אחוץ נאך א גלעזעל רויטען בוריקעס־בארשט וואס ער האט זעהר גערן געהאט, רופט ער זיך אפ:

— נאך וואס בענקסטו דאס אזוינס, פייביש?

— און איהר, ר' מרדכי, נאך וואס?

— איך וויים, א גלעזעל רויטען בארשט.

— איך, א גלעזעל רויטען בארשט, א געבראטענער הערינג און נאך עפעס, ר' מרדכי.

— וואס, נאך עפעס?

— א, ר' מרדכי, נור שא, איהר מיינט טאקע, אז דער מלאך הדומה וועט שוין ניט קומען?

— ניטא קיין מלאך הדומה.

— און מיר האבען זיך בחינם געשראקען?

— נאראנים האבען זיך געשראקען; די חכמים האבען עס פריהער געוואוסט.

— הייסט עס, אז מען האט געמעגט. אויב אזוי, ווארט אויס, ר' מרדכי, ווען איך בין געווען א יונגער מאן האט איך געהאט א

כלה, לאה'לע האט זי געהייסען, איז דאס געווען א מיידעל. אבער ר' מרדכי, ווען ער שוין טאקע נישט קומען?

— ווער?

— דער מלאך, מיין איך.

— מען האט אייך נור אנגעשראקען מיט די באבע מעשות — הויבט דער מלמד אן אין דעם אפיקורסישען טאן.

— אויב אזוי ר' מרדכי... א צווייטע כלה האב איך געהאט, חנה'לע האט מען זי גערופען.

אבער באלד האבען זיך אויך געענדיגט דעם פעלדשער'ס זכרונות אן זיין לעבען. נאך א יאהר אנדערטהאלבען, נאך דעם ווי זיי האבען זיך דורך א לאנגען ווינטער אויסדערצעהלט דאס גאנצע לעבען, אלעס נאר וואס דער פעלדשער און דער מלמד האט געוואוסט, נאך דעם ווי דער מלמד האט שוין געהערט דאס צעהנטע, דאס צוואנציגסטע מאל פון יעדער מיידעל וואס דער פעלדשער האט געקושט, און דער פעלדשער האט שוין געוואוסט פון יעדען גלאז בארשט, וואס דער מלמד האט געטרונקען, זיינען זיי ביידע שטיל געווארען, אויסגעדרעהט זיך אויף די זייטען און געלעגען. עס איז שוין ניט געווען אן וואס זיך צו דערמאנען, וועגען וואס צו ריידען.

אזוי זיינען זיי אבגעלעגען ווינטערס און זומערס יאהרען לאנג. איין זומער האט די גראז צוגעדעקט, אין ווינטער די שנעע די צוויי קליינע מצבה'לאך, און מען האט מעהר ניט געוואוסט וואו עס ליעגט דער „בעל הגיון" און וואו דער „נח לבריות". נור איינוויינינג, אין דער ערד כאפט זיך פלוצלינג דער פעלדשער אויף נאך א צעהן, צוועלף יאהר שווייגען, און וועקט דעם מלמד:

— ר' מרדכי, איהר שלאפט?

ר' מרדכי רופט זיך ניט אב.

— וואס, איהר זייט טויב געווארען?

דעם מלמד'ס אויער, וועלכער האט זיך געהאט אבגעוועהנט פון קלאנג פון ווארט, האט קוים דערהערט.

— וואס איז?

ר' מרדכי, האט איהר אמאל געגעסען זויערע אוגערקעס?

— זויערע אוגערקעס?

און די זויערע אוגערקעס וואס דער פעלדשער האט אמאל איז זיין יוגענד געגעסען — האט איצט אונטער דער ערד אויף דער צווייטער וועלט געדיענט פאר די צוויי גרויסע אפיקורסים אלס א וויכטיגעם לעבענס געשעהניש, און זיי האבען זיך אונטערגעהאלטען דאריבער איי־ניגע וואכען, און אפשר איינינע מאנאט ביז זיי זיינען ווידער אויף צעהנדליגע יאהרען פערשוויעגען.

נאר פון צייט צו צייט כאפט זיך ווער אויף און דערמאהנט זיך — א גלעזעל בארשט!...

# פאריז.

(פאריזער בילדער)

---

אין דעם קאבעדיגען פאריז, אויף די גרויסע בולווארען, פאר דער טהיר פון אן ערשטע קלאסיגען האטעל, שטעהען א פאר יונגע לייטלאך, פיהרער און ווארטען אפ די געסט, וואס וועלען ארויסקומען, זיי פאר־צולעגען פיהרע; און ווייזען די „מערקווירדיגקייטען" פון פאריז.

צווישען זיך רעדען די פיהרער אידיש, און איינער א גאליציאנער מיט א קוויטשענדיג קול'כעל רופט זיך אפ צו א צווייטען, צו דעם „רוסישען":

— הער נור דו, ליטוואק, וועסט מיר געבען אפטרעט־געלד, וועל איך דיר געבען אן אינטערעסאנטען גאסט. נור א נאפאליאן (א צוואנציג פראנק שטיק).

— א נאפאליאן! גיב נור א קוק ווי דער גאליציאנער ווארפט זיך מיט נאפאליאנ'דלעך!

— דארף מען נישט —זאגט דער פוילישער און ווערט אנשוויגען.

— זאג שוין, זאג שוין, דו העכט איינער — ווערט אונגעדולדיג דער רוסישער.

זיי זיינען דורכגעקומען אויף פינף פראנקען.

— געה אריין — ווייזט ער איהם אויפ'ן האטעל — געקומען נעכטען ביינאכט, א רייכער „מאסקוויטש", אויסער רוסיש פערשטעהט ער קיין ווארט נישט.

— און פאר דעם האסטו גענומען א פינפעריל! — בייזערט זיך דער ליטוואק.

— גיב נור א קוק דעם ליטוואק חזיר — דיין גאספאדין וועט דיר בעצאהלען דערפאר, מאסקוויטשען האבען א סך געלד. זעה שוין, געה צו דיין מאסקוויטש.

דער איד, א מאגערס, א קליינס, אין גאנצען מיט א הארץ־פעהלער און א געשוואלענעם ליעבער, מאכט זיך גלייך דעם קאפּעלוש, א פערדרעהע די וואנסעם מעשה פראנצויז און — אריין אין האטעל.

— „העי, מאסיע, וואו פארלע רים?“ שרייט אויף איהם דער לאקיי

— דא איז דא א „מאסיע“ וואס דארף האבען א רוסישען פיהרער.

פון סאלאן געהט ארוים א גרויסער רוסישער גוי, מיט א פאר ברייטע פלייצעס, ברייטען קארק און א גרויסען בויך, אז דאס אידעל זעהט אוים א קארליק געגען איהם — און דער לאקיי ווייזט דעם גרויסען פריץ אויפ׳ן אידעל.

— ס׳ע מ׳ען רים, פארל רים! (דאס איז א רוס, רעדט רוסיש).

דער ברייטער, הויכער גוי בעטראכט דאס אידעל, ווי מען בע־טראכט עפּעס א חפץ וואס מען וויל קויפען, קראצט זיך מיט איין פינגער אין דער בארד און פרעגט איהם:

— טשטא, רוסקי?

— דא, גאספאדין, רוסקי.

— כא־רא־שא — ציהט אוים דער מאסקווער סוחר.

— נו, וואס קענסטו מיר אינטערעסאנטעס ווייזען אין פאריז, טשטא־ניבוד אינטערעסנאיע?

— אה, איך קען פאריז גוט, פון שטענדיג אן דא געווען, כמעט דא געבוירען געווארען.

— טשטא, פראנצוז? — פרעגט איבער דער גוי.

— ניעט, ניעט, רוסקי, רוסקי — כאפּט צוריק דער איד די ווערטער — נור שוין לאנג דא, איך קען פאריז גוט.

— נו, וואס וועסט מיר ווייזען „אינטערעסנאיע“ — לייגט דער גוי דעם אקצענט אויף דעם „אינטערעסנאיע“.

דער איד האט באלד פערשטאנען, וואס דער גוי מיינט, ער האט איהם דערקענט אין די קליינע שווארצע אויגעלאך, וואס לויפען ארום, אין דעם גרויסען פּנים מיט דער בארד, נור דער איד מאכט זיך ניט וויסענדיג, ווי ער וואלט מיט איהם אין שטעקעלאך געשפּיעלט.

— דעם „לואוור“, — יעדער עטראנזשעי (אויסלענדער) דארף זעהן דעם „לואוור“ — זאגט דער איד. — זעהר אינטערעסאנט.

— טשטא עטא טאקאיע? — פרעגט דער רוס.

— דאס זיינען בילדער, דארט זיינען דא „ווסאקיא ראזניא קאר־טיני“, זעהר טייערע, פון נאפאלעאן'ס צייטען — זאגט דער איד.

— ק'טשארטו! — שפייט אויס דער גוי און קוקט איהם אן — „טי פאקאזשי מניע טשטא־ניבוד אינ־טע־רעס־נא־יע — דריקט דער גוי וויעדער דעם „אינטערעסנאיע“.

דאס אידעל מאכט זיך נאך נישט פערשטעהן:

— אה, איך וויים וואו מיר וועלען געהן. מיר וועלען געהן אין נא־ציאנאל ביבליאטעק. אה, דאס מוז יעדער זעהען, וואס קומט נאך פאריז.

— טשטא עטא טאקאיע? — פרעגט דער גוי.

— דארט זיינען דא, „ווסיאקיא ראזניא קניגי“ (פערשיעדענע בי־כער), אה, זעהר אלטע און טייערע. דארט זיינען דא אזעלכע ביכער, וואס אזא קליינס איז ווערטה טויזענד רובעל, פון נאפאלעאנען — זאגט דער איד, וואס האט ליעב אלעס וואס איז אין פאריז צוצורע־כענען צו נאפאלעאן'ען.

— ק'טשארטו! — שפייט אויס דער גוי. טי מניע פאקאזשי טשטא־ניבוד אינטערעסנאיע, טשאבי סמאילא סמאטריעט (עס זאל ווערטה זיין צו זעהן) — דריקט דער גוי.

דער איד מאכט זיך נאך נישט פערשטעהען:

— אה, יעצט וויים איך, וואס דער גאספאדין וויל זעהען — פאלט דער איד — אהא, יא, מיר וועלען ווייזען דעם גאספאדין דעם „אייפעל־טהורם“.

— טשטא עטא טאקאיע? — פרעגט דער גוי.

דאס איז אזא הויכער טהורם, ווען מען שטעהט אויף איהם, זעהט מען גאנץ פאריז און די גאנצע אומגעגענד. עס איז זעהר הויך ארויפ־צופאהרען, מ'פאהרט, מ'פאהרט זעהר הויך, פון נאפאלעאנען.

— ק'טשארטו! — שפייט אויס דער גוי און ווערט שוין בייז — ניעט, דו ביזט נישט קיין פאריזער, דו קענסט ניט פאריז. מען וועט זיך דארפען אומקוקען אויף אן אנדערען פיהרער. „מאסיע, מאסיע!“ — שרייט ער צום שווייצאר און וויל אוועק.

— ניעט, גאספאדין, איך וויים וואס דער גאספאדין וויל זעהען, איך וויים. איך וועל דעם גאספאדין ווייזען ווי אזוי... און ער שפרינגט

אונטער צום גוי און רוימט איהם עפּעס איין אין דעם אויער און גיט א וואונק מיט די אויגלאך.

— אזוי רעדט — זאגט דער גוי, דאס איז אינטערעסאנט. קום, פיהר מיך.

יעצט האט דאס אידעל אויסגעשפּיגען און געמאכט א וויערע מינע און געברומט פאר זיך: „אוי, גוים, גוים, אלע ווילען זיי דאס זעהן, אלע!“ און צום מאסקוויטש מיט א לאכענדיג פּנים'ל: „עטא אינטע־רעסנא, אטשען אינטערעסנא!“ — ווינקט דער איד מיט די אויגעלאך.

— פּאיעזשאיעם, בראַט, פּאיעזשאיעם, קלאפּט דער מאסקוויטש דעם אידעל אויף די פּלייצעס און זיי נעהמען א אטאמאביל און פאהרען.

— וואו אהין זאל ער פאהרען? — פרעגט דער גוי אונגעדולדיג.

— איך וועל איהם שוין זאגען — זאגט דער איד — זאל דער גאס־פאדין זיך נור פערלאזען אויף מיר. אלעס וועט זיין אין ארדנונג.

ער האט געזאגט דעם שאופער און זיי זיינען פערפאהרען אין איינע פון די שמוציגסטע, שענדליכע געסלאך אויפ'ן מאנמארטר, אפּ־געשטעלט זיך פאר א פערדעכטיג הייזעל... אריינגעקומען, האט דער אידעל צוגערופען די „מאדאם“, געשטאנען מיט איהר אין א ווינקעל און גע'סוד'עט זיך, דערנאך גענומען פון גוי א הונדערט־פראנקען שטיק און בעצאהלט, האט מען דעם אידעל אוועקגעזעצט ביי אן אפענעם פענ־סטער און זיי האבען אריינגעקוקט אין די צווייטע שטוב...

דער גוי איז געזעסען און איז געווארען צופלאמט, דאס פּנים צו־קאכט ווי ביי אן עשיו, און דער אידעל האט זיך אוועקגעזעצט אן א זייט און געוואונקען צום גוי:

„א קאק אינטערעסנא, מטשא“! — און הינטען ארום אויסגעשפּיגען. געשפּיגען און די אויגען פערמאכט, געקוקט אויף א זייט אויפ'ן באלקען, אויפ'ן וואנט און געשפּיגען און גערעדט צו זיך: אנ'אומה, אנ'אומה!....

דער מאסקוויטש האט זיך צופלאקערט, און געגעבען א קלאפּ מיט'ן האנד אויפ'ן טיש און געשריען:

— שאמפּאנסקאיע!

און דער איד האט נאכגעמאכט מיט דער האנד און נאכגעשריען: שאמפּאנסקאיע, מאדאם, שאמפּאנסקאיע!

מ'האט דערלאנגט שאמפאניער. דער גוי האט אנגעגאסען דעם איד: נא, טרינק, אינטערעסאנט. דער איד, וועלכער האט געהאט א געשוואַ־לענע לעבער און אלקאהאל איז געווען פאר איהם געפעהרליך, האט שוין געהאט אפגעמאכט מיט דער מאדאם אז איהם זאל מען דערלאנ־גען אנשטאט א גלאז, א פערגלייזט טעפעל מיט מילך אז מען זאל נישט אנזעהן פון דרויסען וואס ער טרינקט. און דער איד האט זיך געמאכט אז ער טרינקט שאמפאניער און האט געטרונקען די מילך.

— שאמפאניער! — האט דער צוהיצטער גוי געשריען — פאר אלע, פאר זיי דריגען אויך! איך בעצאהל — האט ער ארויסגעווארפען דעם טייסטער מיט געלד.

— שאמפאניער — האט דער אידעל נאכגעשריען און מען האט איהם דערלאנגט נאך א טעפעל מיט מילך.

— א עטא טשטא? — פרעגט דער גוי, בעמערקענדיג זיין טעפעל.

— איך האב ליעב צו טרינקען שאמפאניער פון א טעפעל, נישט פון קיין גלאז, ס'איז ביי מיר אזא געוואהנהייט.

— עי, יעוורעי, ניע מאשעניטשאי! גענאר נישט, גענאר נישט — שרייט דער גוי און גיסט די מילך פון דעם טעפעל ארויס, גענאר נישט!

דער אידעל האט נעבאך ביטער אפגעקרעכצט, געגעבען א קרעכץ און געמאכט זיך טרינקען.

— טרינק, טרינק, גענאר נישט! — שרייט דער גוי און נויט איהם.

— איך טרינק דען ניט—שמייכעלט דער איד.—זאל נאר דער גא־ספאדין אזוי פיעל שטעלען, מען דארף מיך בעטען שאמפאניער צו טרינקען? — שמייכעלט דער אידעל גיט א קרעכץ און טרינקט.

— יעשטשא ראז! — שרייט אוים דער גוי — אויף דעם וואס ס'טהוט זיך אין דער צווייטער שטוב, נאך א הונדערטער — ווארפט ער פון טאש — יעשטשא ראז!

יעצט האט שוין דער גוי גענומען דעם קליינעם אידעל צו זיך און געוויזען איהם וואס עס טהוט זיך אין דער צווייטער שטוב.

— סמאטרי, סמאטרי — שרייט אוים דער גוי און ווייזט איהם מיט דער האנד.

— אטשען, אטשען אינטערעסנא — קוקט דער איד אוועק און בע־האלט זיך אויסצושפייען.

— ניע מאשעניטשאי! — שרייט דער גוי — סמאטרי, סמאטרי — און רוקט דאס אידעל נעהנטער צו.

— וויזשו, וויזשו — קאק אינטערעסנא — און עס נודיעט איהם.

דערנאך, ווען ער האט מיט'ן גוי אפגערעדט אויף מארגען נאך א אינטערעסאנטע זאך צו ווייזען, איז דער איד בעקומענדיג זיין לוין, אהיים אוועק צום ווייב מיט די קינדער אויף מיטאג. עס איז שוין נאכט געווארען און די קינדער וועלכע זיינען פון שוהל א היים געקומען האבען זיך ביים טיש אויסגעזעצט. זיצענדיג ביי זיין טיש מיט די קינ־דער און ווייב, דערמאהנט זיך דער איד אן זיין פרנסה, קרעכצט ביטער אפ און זאגט פאר זיך:

— א שווערע פרנסה, שווער קומט אן דאס שטיקעל ברויט, ווייב, שווער....

# ווייסע רויזען.

(ערצעהלונג)

אויף דעם בולוואר סט מישעל, אין קווארטאל, וואו עס קלאפט דאס לעבעדיגסטע הארץ פון פאריז — זיין יוגענד, זיינען מיר געזעסען דריי יונגע לייט פון אלטען אידישען פאלק, און מיר האבען גערעדט פון דעם, אז די אלטע געטער שטארבען אפ און קיינע נייע ווערען נישט געבוירען. ארום אונז האט גערוישט די יוגענד. יונגע לייט און יונגע מיידלאך, צוזאמענגעקליבען פון אלע עקען וועלט, מיט ליידיגע קעשענעס און מיט רייכע הערצער, דרעהען זיך אויף דעם בולוואר און זיי קאכען און ברומען, לאכען, רעדען — און זשומשען, ווי די ביהנען וואס ארום די רויטע ווארימע בלומען. בבל'ס שפראכען ווערען גערעדט און דאך פערשטעהט זיך גוט מיט אנאנד אלעס, וואס קומט דא אהער, ווייל זייער איינציגע שפראך איז די ליעבע, וועלכע אלע פערשטעהען. און אין דעם טייך פון ליעבע, זיינען מיר געזעסען די דריי אידישע יונגע לייט און האבען גערעדט פון די אבגעשטארבענע געטער. אידישע יונגע לייט האבען צו פיעל גע'ירש'ענט פון זייערע זיידעס זייער אמונה און האבען תמיד צו טהאן מיט זייער גאט: קריגען זיי זיך ניט מיט איהם, בענקען זיי נאך איהם. און אויך דא, וואו די יונגע מיידלאך, געהילט אין זיידענס, צווישען אונז הונגעריגע און דארשטיגע, (הונגעריגע נאך עסען און דארשטיגע נאך ליעבע), מיט זייערע אונטערגעפארבטע אויגען און בעטלען עסען און נאכט לעגער, זיצען מיר און רעדען וועגען די געטער.

— מען קען נישט וויסען ווי גאט ווירקט — עס קען זיין זיצען מיר דא אויף סט. מישעל — צווישען די פאריזער מיידלאך און דער גאט

פון אברהם ווירקט דא דורך איינעם פון זיינע אגענטען און דער סט. מישעל קריגט דורך איהם אנ'אנדער פנים.

— דורך דעם גאט פון אברהם ?

— יא.

— ווילט איהר זיך איבערצייגען א קליינינקייט, אט וועט איהר באלד זעהן, זאגט מיין פריינד.

— ?

— ווארט א מינוט.

גיט א ווינק — עס ווייזט זיך פאר אונז די פרוי מיט דעם קארב בלומען. וואס פערקויפט אונז יעדען טאג פאר די פראנצויזישע מיידלאך, וואס זיצען נעבען אונז און הערען אויס אונזער געשפרעך אויף א שפראך וואס זיי פערשטעהן נישט און עס איז זיי גאנץ גלייכגילטיג ווען וואס מיר רעדען און ווארטען נור אז מיר זאלען זיי צו אבענד־ברויט בעטען.

די פרוי הויבט אן צו אונז רעדען פראנצויזיש.

— שארט נישט, זאגט דער יונגער מאן צו איהר, וועלכער האט זי צוגערופען, — איהר קענט רעדען מיט אונז אידיש.

די פרוי קוקט זיך מיט מורא ארום און פרעגט אויף אידיש :

— אידען ?

— זייט איהר א אידיש קינד ? — פרעגען מיר זי אלע — און מיר האבען ביז אהער ניט געוואוסט.

— א געוועזענע — ענטפערט די אידענע פערשעהמט.

— וואס, גע'שמד'ט ? — פרעגט איינער פון אונז.

— חלילה, — שפייט אויס די אידענע. אלע שונאי ישראל, אזוי געפאלען זאל איך שוין זיין ? !

— נור פאר וואס רופט איהר זיך א געוועזענע ?

— וואס דען בין איך, א אידיש קינד ? — קרעכצט די אידענע — איך פערקויף אין שבת און האנדעל אין שבת און וויים ניט פון קיין יום־טוב, פון קיין שוהל גיהן, פון קיין תחינה זאגען, מיט וואס בין איך א אידיש קינד ?

— פאר וואס ? פרעגען מיר.

— פאר וואס ? וואס זאל מען טהאן. דער מאן איז אוועק, איבערגעבליבען מיט די קינדער אליין, מען דארף דאך די שוואלבען ברויט געבען, געהען דאך אין שוהל. געה נישט שבת ארויס, וועט

מען דיר אין דער וואכענס אויך ניט צולאזען, א אידיש קינד, די קעלנער וועלען פעריאגען, אנדערע וועלען צונעהמען דעם פלאץ, צינד איך אהן די שבת־ליכטלעך אין דער היים און לויף מיט דעם קייבירעל ארוים.

— און שבת אין דער פריה?

— וואס זאל איך טהאן? איך מוז נאך די קינדער אליין אויפ־וועקען, אז דער עלטערער זאל געהן צו דער ארבייט און די אינגערע אין די שוהלען אריין. איך זעה ווי ער נעהמט, מיין עלטערער בחור, די כלים און געהט אוועק, און איך האב איהם נאך אליין געוועקט. וואס זאל איך טהאן, ניט וועקען? וועט ער דאך די שטעלע פער־לירען.

— האט איהר גאר ניט מורא פאר דער צווייטער וועלט?

— אודאי האב איך מורא. עס געהט א שרעקליכער יום הדין: א ראש השנה, א יום כפור; נאר איך וועל איהם זאגען דעם רבונו של עולם אויף דער צווייטער וועלט, אז איך וועל אהין קומען: טאטע, א איד איז שווער צו זיין אין אזא גרויסע שטאדט ווי פאריז. דא קען ניט יעדער איינער פערגינען זיך צו זיין א איד. א ראטשילד יא, ער האט אן אייגענע שוהל ביי זיך אין הויף, פאר זיך אליין. ווילסטו אז איך זאל א איד זיין, טו גיב מיר פרנסה, אז איך זאל נישט דארפען ארומגעהן מיט מיין קייבעריל צו די גויים אויף דער גאס, בלומען פערקויפען. מוז איך ווידער ארומגעהן מיט מיין קייבעריל און שבת פערקויפען, קאן איך קיין איד נישט זיין, אז וואו איך וואהן איז ניטא קיין שוהל, נאר א קירכע להבדיל, און וויל איך געהן א מאל אין שול אריין אויף רוע דריווערי מוז איך סיי ווי סיי נעהמען א טראמוואי, איידער פאהרען שבת, וועל איך ליעבער אין גאנצען אין שוהל נישט געהן. אזוי ווערט מען פערגויישט, מען ווייסט ניט פון קיין שבת, פון קיין יום טוב. א איד זיין אין פאריז איז א שווערע זאך און אויך א טהייערע זאך, און אז ארימאן קען זיך ניט ערלויבען דערויף. דאס וועל איך זאגען דעם רבונו של עולם אויף דער צווייטער וועלט.

די אידענע האט געענדיגט מיט א זיפץ און געוואלט שוין אוועקגעהן. צום סוף האט זי אונז אנגעבאטען די בלומען, זיי זיינען געווען ווייסע אונשולדיגע רויזען און האלטענדיג די פאנטשקעס אין דער האנד, בעטראכט זי די בלומען און זאגט מיט א קרעכץ:

— ווען ניט די רויזען, וואלט איך גאר ניט געווען געוואוסט, אויב עס איז היינט שבת אדער א וואכען טאג.

— די רויזען? ווי הייסט די רויזען?

די אידענע ווערט פערשעהמט און זאגט מיט א נידריגע שטים, ווי זי וואלט מורא געהאט, אז די מיידלאך, וואס זיצען נעבען אונז זאלען ניט הערען איהר סוד:

— יא, די רויזען, זעהט איהר, א גאנצע וואך פארקויף איך רויטע רויזען — און פרייטאג אבענד האב איך מיר אבגעמאכט, זאל איך נור פערקויפען ווייסע רויזען, דאס איז מיין סימן, און דורך דעם דערמאהן איך מיך, ווען איך קוק אויף די ווייסע רויזען, און ווייס, אז עס איז שבת אויף דער וועלט — איך ווייס, ווי זינדיג איך בין.

מיר האבען זיך ארומגעקוקט אויף סט. מישעל. אויף אלע מיי־דעלשע ברוסטען האבען ווייסע רויזען געבליהט, אין די הענד ווייסע רויזען און ווי אונשולדיגע יונגע טייבעלאך, האבען די ווייסע רויזען אויסגעלויכטען פון די געפארבטע געזיכטען, — פון די לאכענדע, פער־שארטע אויגען, פון די טאנצענדע בעוועגליכע הענד — און געהאלפען מיטווירקען און מיטציהען אין די ווייכע ארעמס פון די יונגע פאריזער מיידלאך.

— נו, זאגט מיין פריינד, ווען די אידענע איז אוועק — איז עס נישט וואהר, וואס איך האב געזאגט אז דער גאט פון אברהם ווירקט דורך איינעם פון זיינע אגענטען, אפילו דא, אויף סט. מישעל, אין ברענענדען קעסעל פון זנות און תאוה — פון יוגענד און ליעבע. אומעטום איז דא גאט, אומעטום ווירקט ער — הינטער ארום. איז עס ניט אין דער שוהל, איז עס אין דער גאס, אין געהיים, דורך איינעם פון זיינע אגענטען.

און פון דענסמאל אן, ווען איך געה אויפ'ן סט. מישעל און דערזעה די ווייסע רויזען אויף די ברוסטען פון די מיידלאך, ווייס איך, אז עס איז שבת אויף דער וועלט — ריין ווערען מיר דאן די זנות־מיידלאך, ווי צניעות'דיגע אידישע כלות, אויף וועלכע עס רוהט דער חן פון שבת. איך האב דאס געפיהל, אז איבער סט. מישעל פאכען ווייסע, אונשולדיגע טויבען מיט זייערע פליגלען, א ברכה פון קדוש השבת האט אויסגע־שפרייט זיינע פליגעל איבער דעם רוישענדען לעבען און אלץ ווערט

מיר געהייליגט, ריין און אונשולדיג, און איך דאנק גאט איבער דעם שבת, וואס ליגט זיך ווי א זיסער תאוה'דיגער ווינד איבער סט. מישעל.

אזוי בענשט די אידענע שבת-ליכט מיט איהרע ווייסע רויזען אין דעם סט. מישעל.

און ווער ווייסט, אויב איהר שבת איז נישט ביים גאט פון אברהם אנגענומען ווי א הייליג געבעט, און וויפיעל נשמות זי דערהייבט מיט איהר קדוש השבת.

# א הינטישע נשמה.

(א מעשה מיט א הונד).

---

אין די נאכבארשאפט, הינטער פאריז, וואו איך האב געוואהנט בעפאר דער קריעג האט אויסגעבראכען האט זיך געוואלגערט א הונד, וועלכער איז מיר נאכגעלאפען יעדעס מאל ווען ער האט מיך דערזעהן. געווען איז עס דער הונד פון אונזער'ן א שכן, דעם גערטנער וועלכער איז געשטארבען אהן יורשים. די רעגיערונג האט צוגענומען זיין פערמעגען, אבער ניט בעזארגט זיין יורש, דעם הונד. דער הונד האט געפונען פאר נאטירליך צוגעהן צו מיר, אלס צו דעם נאהענטסטען שכן, אז איך זאל איהם צונעהמען.

אבער איך האב קיין גרויסען חשק ניט געהאט אריינצונעהמען אין מיין הויז נאך א לעבעדיגע זאך. א לעבעדיגע זאך קען אוועקשטארבען. דאן האט מען א צובראכען הארץ. פלעג איך דעם הונד פון דער שוועל אוועקיאגען.

האב איך אבער א אינגעל, איז ער א פריינד פון אלעם לעבעדיגען. אלע הינד, אלע קעץ און אלע פייגעל אין דער נאכבארשאפט קענען איהם און ער קען זיי ביים נאמען. און איידער איך האב זיך ארומגעקוקט, איז מיין זוהן אריינגעריטען אויפ'ן הונד'ס רוקען אין מיין הויז אריין. ער האט איהם ערגעץ־וואו פערשטעקט אין געהיים אין דער קיך, אז איך זאל ניט וויסען. דערנאך, אז איך בין געוואהר געווארען פון דעם הונד, איז ער שוין געווען ביי מיר אין הויז א מיטגליעד, אלע האבען זיך שוין געהאט צוגעוואהנט צו איהם. ער האט זיך שוין געהאט אריינגע'גנב'עט אין אונזער לעבען אריין. ער איז

געווארען א משפחה'דיגער, און איהם ארויסשיקען פון שטוב איז שוין געווען אונמעגליך.

דאס איז ניט געווען א קליין הינטעלע, א אונבעהאלפענס, וועלכעס מען האט ליעב דערפאר, ווייל מען האט דארויף רחמנות. ניין. דאס איז געווען א גרויסער שטארקער הונד, א געמישטער בערנאנדינער, שוין ניט קיין יונגער, האט שוין געמוזט פיעל דורכמאכען אין זיין לעבען, ווארים זיין בעל הבית איז געווען אן אוואנטוריסט און האט דורכגערייזט מיט זיין הונד פראנקרייך, און איז געווען מיט איהם איבער ימים און איבער וועלדער.

דער הונד האט זיך אויך ביי זיין נייעם בעל־הבית, ביי מיר, געזוכט צוערשט עהרליך צו פערדיענען זיין שטיקעל ברויט, מיט דעם וואס ער האט געוואלט ניצליך זיין אין דער בעל־הבית'ישקייט. אבער ער האט זיך ביי מיר גאר ניט געקענט ניצליך מאכען. צו היטען איז ניט געווען וואס. מיר האבען געוואהנט אין א קליינע ארימע הייזקע, און עס איז ניט געווען וואס צו גנב'ענען. און אריינגעקומען זיינען צו מיר אויך נור היימישע בעקאנטע און פריינד, צווישען וועלכע דער הונד האט צוערשט בחנם געזוכט א פיינד, אויף וועלכען זיך ארויפ־צוּוואַרפען. אבער נאכדעם ווי ער האט א פאאר מאל געקריגען קלעפ דערפאר וואס ער האט מיר פעריאגט מיינע פריינד, מיט זיין האסטיגען בילען, האט ער זיך איינגעשטילט און בעקאנט געווארען מיט מיינע פריינד. אויף געיעג האב איך איהם ניט גענומען, קיין גנבים, אויף וועמען אנצופאלען, האט ער ניט געהאט — איז איהם קיין אנדער זאך ניט איבערגעבליבען, ווי נור צו שפיעלען זיך מיט מיין קינד, וועלכער איז אייגענטליך געווען זיין איינציגער פריינד און האט אויף איהם אויפגעפאסט. ער איז געווארען זיין שפיעל־קאמעראד. עס איז געווען א רחמנות צו קוקען, ווי דער שטארקער גרויסער הונד גיט זיך אב מיט אזעלכע נארישקייטען, ווי ציהען מיט'ן עק א גאנצען קאסטען מיט קעץ, אין וועלכען מיין אינגעל האט איהם איינגעשפאנט ביים עק. ער האט געדולדיג איבערגעטראגען די חרפה. וועלענדיג זיך מיט עטוואס ניצליך מאכען און עהרליך פערדיענען זיין עסען — האט ער מיטגעמאכט די אלע קינדערשע נארישקייטען, צו וועלכע מיין אינגעל האט איהם געטריבען. און עס האט אויסגעזעהן ווי אן ערוואק־סענער ערנסטער מענש פערקויפט קינדישע שפיעלצייג צוליעב פרנסה.

טהיילמאל שלעפענדיג מיט'ן עק דעם קאסטען מיט די קעץ און געדולדיג פערטראגענדיג די שמיץ פון דער בייטש, מיט וועלכער מיין אינגעל האט איהם געשלאגען, איז ער ערנסט געווארען. זיינע אויגען האבען זיך האלב פערגלייסט, די גרויסע אויערען האבען זיך איהם אראבגעלאזט און ער האט פעררימען מיט די דעליקאטע פייכטע נאז אין דער הויך. אין זיין בליק איז דענסטמאל געלעגען א פער־אכטענדער, פילאזאפישער שמייכעל צו אלעמען און צו אלצדינג, ווי ער וואלט זאגען: איך וויים ווי נאריש איהר זייט' נור איך טהו עס ווייל איך וויל פון אייך אייער ביסען ניט אומזיסט — איך וויל מיר איהם פערדיענען מיט אלע נארישקייטען.

איבריגענס איז ער געווען זעהר גוט פריינד מיט מיין קינד. א הונד איז אויך ניט מעהר ווי א לעבעדיגע זאך, און ער האט אונזער פערשאלטענע נאטור צונויפצוואוואקסען זיך מיט לעבעדיגע נפשות. און קוים האט ער זיך צוגעוועהנט צו מיין אינגעל, האט ער איהם ליעב געקראגען. מען האט זיי תמיד געזעהען צוזאמען. און איך האב מיין אינגעל ניט געקענט אברייסען פון הונד. אלעס וואס ער האט געהאט אויפ'ן הארצען, האט מיין אינגעל קיינעם ניט פערטרויט, נור זיין פריינד דעם הונד. קוים איז ער נור אהיים געקומען פון דער שולע האט ער זיך מיט'ן הונד ארומגעוואלגערט איבער'ן גרינעם פעלד פאר מיין הויז און האט אין דעם הונד'ס אויער אריינגערעדט:

— דו וויימט, דער לעהרער האט אויף מיר היינט געשריען, און ער האט געזאגט, אז ער וועט שרייבען דעם טאטען.

אדער, אז איך פלעג אוועקפאהרען פון דער היים און א לאנגע צייט נישט שרייבען, און דער אינגעל האט דערפיהלט מיין ווייב'ס טרויעריגקייט, האט ער דעם הונד דאס דערצעהלט:

— דו וויימט, דער טאטע איז אוועקגעפאהרען, קומט ניט אהיים, שרייבט ניט קיין בריעף, די מאמע איז זעהר טרויעריג.

און דער הונד, דערהערענדיג דאס, האט געקוקט אויף איהם מיט האלבע, פערגלייסטע אויגען, אראבגעלאזט די אויערען און אויסגע־שטעלט די נאסע דעליקאטע נאז, און אנגעהויבען פלוצלינג צו בילען:

— האב־האב, האב־האב. ווי ער וואלט זיך עפעס אויף וועמען זיך בייזערען.

נור מיין אינגעל האט איהם פערשטאנען, און ארומכאפענדיג דעם הונד ביים קאפ האט ער זיך אנגעהויבען מיט איהם צו קוליען איבער'ן גראז, און זיי האבען ביידע געשריען:

— האב־האב, האב־האב.

און זיי האבען ביידע זיך פערשטאנען.

פון גאר ניט האבען וואס צו טהאן, איז דער שטארקער הונד פעט געווארען, און פויל. איבריגענס האט שוין די עלטער געפאדערט דאס איהריגע, און ניט האבענדיג מיט וועמען זיך צו שפיעלען דעם ערשטען האלבען טאג, ווען דער אינגעל איז אין שולע, איז דער הונד געלעגען און געשלאפען. נור קוים איז געקומען דריי א זייגער, ווען די קינדער געהען פון דער שולע, האט מען דעם הונד שוין מעהר אין שטוב ניט געקענט איינהאלטען. ער האט געריסען די ווענד, די טהיר, מען האט איהם געמוזט אויס דער שטוב לאזען. דער הונד איז געלאפען צו דער שולע, אוועקגעלעגט זיך פאר דער שוועל פון דער שולע און אבגעווארט ביז דער אינגעל וועט ארויסקומען. אזוי איז עס געווען יעדען טאג. מיין אינגעל האט איהם שוין אנגעטראפען ביים ארויסגאנג און איז אהיים געקומען צו לויפען. און אזוי ווי דער הונד איז געווען פער־נומען טראגענדיג אין מויל די שול־ביכער, האט מיין אינגעל פאר איהם געבילט, ארויסגעלאזט די פריידען־געשרייען. אזוי זיינען זיי געלאפען איבער דער גאס פון דער שולע אהיים, צוואוויסענדיג געבען, אז דער האלבער פרייער טאג איז אנגעקומען.

דערנאך האבען זיי זיך ביידע ארומגענומען און אנגעהויבען קוליען זיך איבער'ן גראז, ביז זיי זיינען מיעד געווארען, אוועקגעזעצט זיך אין א ווינקעל פון גארטען.

און אז איך האב געזעהן, ווי זיי זיצען אין א ווינקעל פון גארטען און רעדען צווישען זיך, האט זיך מיר געדאכט, אז דער הונד איז אן אלטער וואנדערער, וועלכער האט זיך אויף זיינע לעצטע טעג אבגע־שטעלט ביי מיר אין הויז און דערצעהלט מיין קינד פון אלעם וואס ער האט דורכגעמאכט דורך זיין רעש'דיג לעבען.

און עס איז מיר קיין וואונדער ניט געווען וואס א הונד קען דערצעהלען...

אין א שעהנעם טאג האט אויסגעבראכען די מלחמה. און די דייטשען האבען זיך ווי א בייזער שטורמווינד געטראגען נאך פאריז. און אינאיינעם מיט דער איבריגער בעפעלקערונג איז אויך אונז די פאניק בעפאלען, און מיר האבען זיך געהיילט צו פערלאזען דאס ארט וואס איז געשטאנען אין געפאהר ארייצופאלען צו די דייטשען. דער הונד האט דערפיהלט, אז עפעס וואס האט פאסירט איבער דער וועלט. ער איז אויך אנגעשטעקט געווארען מיט דער אלגעמיינער אונרוהיגקייט, און דער הונד איז געלאפען פון מיר צו מיין פרוי, פון מיין פרוי צו מיין קינד, האט אלעמען געקוקט אין די אויגען אריין, און געפרעגט: „וואס?" קיינער האט איהם ניט געקענט זאגען, וואס עס איז געשעהן, און אפילו ווען מ'וואלט איהם שוין יא געקענט צו פערשטעהן געבען, האט קיינער צו איהם קיין צייט ניט געהאט. אז מיר האבען אנגעהויבען איינפאקען די זאכען (עס איז שוין די העכסטע צייט געווען. די דייטשען זיינען געווען צוואנציג מייל פון דארף), איז דער הונד נאך מעהר אונרוהיג געווארען. ער איז געלאפען פון איין ווינקעל צום צווייטען. צו יעדען צוגעגאנגען, געלעגט זיך אונטער די פיס און געשמעקט, און געפרעגט מיט די אויגען. צום סוף האט ער זיך אוועקגעלעגט ביים קאסטען, ביי וועלכען מיר זיינען געשטאנען און געפאקט, ארייגעלייגט דעם קאפ צווישען די פיס און אנגעהויבען צו קלאגען מיט אזא ריהרענדען שטומען געוויין, אז עס האט דאס הארץ צושניטען. מען האט דאס דייטליך געקענט הערען, ווי דער הונד רעדט אויף זיין לשון: „וואס וועט מיט מיר דער סוף זיין? און וואו לאזט איהר מיך?" מיר האבען ווייטער גארניט געקענט טהאן. איך האב גענומען דעם הונד ביים קארק און ארויסגעגאנגען מיט איהם צו שכנים, און געבעטען זיך מען זאל דעם הונד צונעהמען. דער הונד האט געוואוסט וואוהין און צו וואס איך פיהר איהם, און צו יעדען שכן צו וועלכען איך האב איהם אריינגעפיהרט, האט ער זיך אונטערגערוקט, געקוקט אויף איהם מיט בעטענדע הינטישע אויגען, געלעקט איהם די פיס, ווי ער וואלט זיך בעטען: „נעהמט מיך צו, נעהמט מיך צו, איך וועל עהרליך דינען... נור קיינעם איז ניט דער קאפ געשטאנען צום הונד. די מעהרסטע איינוואהנער האבען איינגעפאקט זייער האב און גוטס און פערלאזט דאס דארף פאר די אימה פון די דייטשען, וואס איז זיי בעפאלען. און די וואס זיינען

איבערגעבליבען, האבען זיך געריכט אויף שלעכטע טעג און ניט געוואלט נעהמען, אויף זיך נייע פליכטען צו א לעבעדיגע זאך, וואס מען דארף געבען עסען, ווען מען ווייסט אליין ניט צו מען וועט האבען פאר זיך אליין דאס שטיקעל ברויט. איהם מיט מיר מיטנעהמען, האב איך ניט געקענט. איך האב ניט געוואוסט וואוהין צו געהן מיט מיין פאמיליע און וואוהין דער גורל וועט מיך פערטראגען אין די טרויעריגע טעג. און יוי אזוי זאל איך נאך מיט מיר מיטפיהרען אן איבריגע לעבעדיגע זאך, וואס בעדארף זיין פלאץ און זיין עסען? איך האב מיר ניט געקענט קיין עצה געבען. אוועקגעהן און איבערלאזען דעם הונד אין פערשלאסענעם הויז, האב איך אויך ניט געקענט—דער הונד האט יעדען אייגענבליק דערמאהנט, אז ער איז א לעבעדיג נפש און ער געהערט צום הויז. ער האט געהאלטען אין איין ליעגען אין ווינקעל און געקלאגט, געקלאגט מיט זיין הארצרייסענדען הינטישען שטום־לשון: וואו וועל איך מיך אהינטהאן? וואו וועל איך מיך אהינטהאן?

מיר האבען אבגעלעגט די רייזע אויף א טאג, אויף צוויי, עס האט אבער שוין ווייטער ניט געקענט דויערען. די דייטשען האבען זיך געטראגען מיט א שטורם, און די פאניק איז וואס אמאל גרעסער געווארען. און איך האב זיך דעם אבענד געקריגט מיט מיין פרוי, און געשריען אויף מיין איינגעל, פארוואס זיי האבען אריינגענומען דעם הונד אין שטוב אריין.

— מיט קיין לעבעדיגע זאך טאר מען זיך ניט פערבינדען. א לעבעדיגע זאך וואקסט זיך צו צו א צווייטע לעבעדיגע זאך, ווי פייער מיט פייער און וואסער מיט וואסער, און מען קען זיך דערפון ניט אבשיידען, — האב איך גע׳טענה׳ט צו מיין פרוי.

דער הונד איז דעם אבענד שטיל געווארען. ער איז געלעגען אין א ווינקעל, האלב פערגלייסט די אויגען און צוגעהערט זיך צו דעם געשפרעך וואס מיר פיהרען. ער האט פערנומען די בייזע בליקען, וואס מיר שיקען אויף איהם: וואס צוליעב איהם מוזען מיר דא פערבלייבען אין דעם פערשאלטענעם ארט, און נאך חלילה צו די דייטשען אריינפאלען — און אין דעם אבענד איז דער הונד גאר אנדערש געווארען. ער האט איינגעשטילט דאס בילען, געלעגען א געוויסע צייט און פערנומען געווען אין הינטישע פילאזאפישע נאכ־דענקען. דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבען, צוגעגאנגען צו מיר, גע־

לעקט מיר די האנד, בעשמעקט מיר און אוועקגעגאנגען. צוגעגאנגען צו מיין פרוי און דאס זעלבע געטהאן. לענגער זיך אבגעשטעלט ביי מיין פרוי, געקוקט איהר לאנג אין די אויגען אריין, בעטעריג זיך עפעס. מיין פרוי האט איהם געגלעט איבער'ן קאפ, איז ער צופריעדען געווען און איז אוועקגעגאנגען, צוגעקראכען צו מיין שלאפענדען איי־נעלע, איינגעקארטשעט זיך אין א ווינקעלע פון זיין בעט און לאנג געלעגען.

צו־מארגענס אין דער פריה, אז איך האב זיך אויפגעכאפט, האב איך געפונען דעם הונד אויסגעצויגען מיט אלע פיער אויף דער שוועל פון מיין טהיר, דעם קאפ אריינגעשטעקט אין דער שווערער טהיר פון קארידאר, און ביי די זאוויעסעס זיך פערטשעפעט און צוגעדישעט דעם האלז.

דער הונד האט זיך דאס לעבען גענומען, — האט עס מיר גע־געבען א שוידער איבער די ביינער.

זיינע אויגען זיינען ניט געווען פערמאכט, נור געשוואלען און ארויסגעזעצט, אין זיינע שווארץ־אפעל האט זיך מיין פנים אבגע־שפיעלט, און עס האט זיך מיר געדאכט, אז דער הונד זאגט צו מיר: „דיך בעפרייט!“

און איך מיט מיין גאנצען מענשען שטאלץ בין פערשעהמט גע־ווארען פאר א טויטען הונד.

# א פערשוואונדענער מאן.

(ערצעהלונג).

אין די גאלעריע פון די פערשוואונדענע מענער איז געווען אנ־געגעבען זיין בילד, א סימפאטיש־אינטעליגענט געזיכט פון א אידישען ארבייטער, דארונטער איז געווען צוגעשריעבען: „פנחס גאלדמאן, קומט פון שטעדטעל קאלושין, אין פוילען, אכט יאהר אין לאנד, פיער יאהר פערהייראט, איבערגעלאזט א ווייב מיט צוויי קינדערלאך, וועלכע געהן אוים פאר א שטיקעל ברויט. ווער עס ווייסט פון איהם דער זאל צו וויסען געבען". דאס געזיכט פון דעם געזוכטען מאן איז מיר פארגעקומען בעקאנט, און איך האב זיך אויף דעם בילד מעהר אב־געשטעלט ווי אויף די אנדערע. איך האב מיך ניט געקענט דערמאהנען וואו איך האב דעם יונגענמאן בעגעגענט. נאר מיך האט זעהר פער־וואונדערט, וואס דער יונגערמאן, וואס האט אזא בלייך, ליידענד געזיכט, מיט גרויסע דערשראקענע אויגען (איך האב עס געדענקט פון פריהער), זאל האבען אזא פערשטייגערט הארץ און איבערלאזען א פרוי מיט צוויי קינדער און ניט זארגען פאר זיי. איך האב איהם באלד פערגעסען. נור איינמאל, אין א פארנאכט, ארויסגעהענדיג פון מיין וואהנונג אויף אן איינזאמען שטעגעל, וואס פיהרט אויסער דער שטאדט ארוים, האב איך בעגעגענט א מענשען געהענדיג איינזאם, אין א זייט, קוקט זיך מיט שרעק אום, אויב מען געהט איהם ניט נאך, און קוקט מיך אן מיט בעטענדע, חשד'יגע אויגען. איך האב איהם באלד דערקענט. איך האב זיך אויך דערמאהנט פון וואנען איך קען איהם. אז דאס איז דער זעלבער יונגערמאן וואס זיין בילד איז געווען אין די גאלעריע פון פערשוואונדענע מענער, וועלכען איך

פלעג צייטענווייז בעגעגענען אויף דעם איינזאמען שפאציער, וואס איז וויסט פון מענשען, און וואס ביז איצט האב איך גאר ניט אין בעטראכט גענומען.

און כדי ניט איבערצושרעקען דעם אנטלאפענעם, האב איך איהם דאס מאל ניט מעהר אנגעקוקט ווי אן אנדערס מאל, און איך האב איהם דורכגעלאזט ווי אונבעמערקטערהייט.

אין א פאאר טעג ארום האב איך ווייעדער אין די צייטונג געלעזען אן אנאנס פון דער פרוי פון דעם יונגעגמאן: „פנחס, קום אהיים. פארוואס ביזטו אוועק פון מיר? דאס קינד וויינט און פרעגט וואו איז פא. און איך ווייס איהם ניט וואס צו ענטפערען". איך האב ביי מיר בעשטימט, אז איך וועל דעם יונגענמאן די צייטונג ווייזען מיט דער אנאנס. איך האב די צייטונג צו מיר גענומען און בין ארויסגע־גאנגען אין דער בעשטימטער שטונדע אויף דעם שפאציער, וואו איך פלעג איהם בעגעגענען. ער איז געזעסען אויף א שטיין, אין מיטען פעלד, און איז געווען פערטיעפט אין א בוך. איך האב שוין פריהער איינינע מאל איהם בעגעגענט לעזענדיג, און ס'האט מיך נאך מעהר פערוואונדערט, וואס אן אינטעליגענטער מענש, וועלכער האט די בע־דערפעניש ביכער צו לעזען, קען איבערלאזען א פרוי מיט קינדער און זיך מיט זיי ניט אינטערעסירען. איך האב זיך אונטערגע'גנב'עט הינטער איהם, ער זאל מיך ניט בעמערקען, און געשטעלט זיך הינטער זיינע פלייצעס און אויסגערופען:

— פנחס גאלדמאן!

ער האט זיך מיט שרעק אומגעקוקט, בעמערקט מיך, א שמייכעל איז פערגליווערט געווארען אויף זיינע ליפען און האט געזאגט קאלט, מיט פעראכטונג:

— איהר האט דאך מיר שוין לאנג נאכגעשפירט. פארוואס האט איהר ניט ביז איצט אויף מיר אנגעגעבען? נעהמט מיך, איך בין גרייט.

— איך האב אייך ניט נאכגעשפירט, און איך בין אויך ניט געקומען אייך צו ארעסטירען, עס איז ניט מיינע ביזנעס. נור איך האב אייך געוואלט ווייזען אן אנאנס וועלכע ווען אייך פעראינטערע־סירען, און וועלכע איהר האט וואהרשיינליך ניט געזעהן.

איך האב ארויסגענומען די צייטונג און איהם געוויזען די אנאנסע פון זיין פרוי.

— שוין געזעהן — האט דער יונגערמאן אבגעשטופט מיט דער האנד — מיין קינד רופט מיך, פרעגט אויף מיר, איך ווייס... — און דער שמייכעל איז ניט אראב פון די ליפען.

— וואס, עס איז ניט וואהר?

— יא, עס איז וואהר. מען האט בעצאהלט, האט מען גערדוקט. נור ניט מיין ווייב האט עס געשריעבען און ניט מיין קינד פרעגט נאך אויף מיר.

— עס איז ניט אייער פרוי און אייער קינד?

— אין אמעריקא האט מען ניט קיין ווייב, און מען האט ניט קיינע קינדער — האט דער יונגערמאן אבגעענטפערט קורץ און שארף.

— עס איז דאך אזוי פיעל מענשען...— וויל איך זאגען.

— אזוי פיעל מענשען... איך בעט אייך, — ווענדעט זיך צו מיר דער יונגערמאן, אז איהר ווילט אנווייזען אויף מיר ווייזט אן. עס איז וואהר: איך בין אנטלאפען פון מיין ווייב און קינד. איהר האט רעכט צו טהאן אלס אנשטאנדיגער מענש. איך בין א פערברעכער נאכ'ן אמעריקאנעם געזעץ. אז איהר ווילט עס ניט טהאן, טא לאזט מיך צורוה.

דעם טאג האב איך מיט איהם מעהר ניט גערעדט. מיר האבען זיך אבער געטראפען טאג־איין, טאג־אויס. איך האב אויף איהם ניט אנגעוויזען, און ער האט אויפגעהערט מורא צו האבען פאר מיר. מיר פלעגען זיך בעגעגענען ווי גוטע אלטע בעקאנטע און פערפיהרען געשפרעכען ווענען אלעס אין דער וועלט, נור ניט וועגען זיין פרוי מיט די קינדער. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אזוי ווי זיין געזיכט האט עדות געזאגט אויף איהם, אז ער איז זעהר אן אינטעליגענטער יונגערמאן, א בעלעזענער, און ער האט מיך נאך מעהר פעראינטע־רעסירט. און איינמאל ווען איך האב אין די צייטונג ווידער געלעזען א הארץ־רייסענדע אנאנסע וועגען די קריטישע לאגע פון זיין פרוי מיט איהרע קינדער, האב איך בעשלאסען צו פערפיהרען מיט איהם א געשפרעך און, ווי ווייט מעגליך מיט גוטען צו ווירקען אויף איהם, אז ער זאל צוריקגעהן צו זיין פאמיליע און ווידער זיך איינשפאנען

אין דעם כאמוט אריין שלעפען דעם יאך פון לעבען, וואס ער האט אזוי עקשנות'דיג פון זיך אבגעווארפען.

דאס מאל, אז איך האב איהם געוויזען די צייטונג מיט דער טרויעריגער אנאנסע איז ער ניט אזוי אויפגעבראכט געווארען ווי פריהער. עס האט זיך בעמערקט אין איהם שוין לעננסט א פערלאנג אויסצורעדען זיך פאר מיר. ער האט די אנאנסע דורכגעלעזען מיט הארץ־קלאפען איז רויט געווארען, דערנאך בלייך, פערשטעלט זיך די אויגען מיט די הענד און אן א זייט פערבויגען דעם קאפ.

איך האב זיך אבגעדרעהט פון איהם כדי איך זאל איהם ניט שטערען.

פלוצים האט ער אויסגעדרעהט זיין קאפ צו מיר, און מאכט צו מיר אזוי:

— איהר מיינט דאך אוודאי, אז איך האב אזא פערשטיינערט הארץ, וואס מיך ארט ניט מיינע קינדער'ס געוויין?

— ניין, אזוי מיין איך ניט. געווים האט זיך געטראפען, מיט אייך אדער מיט אייער פאמיליע אן אויסערגעוועהנליכע פאסירונג, וואס האט אייער הארץ אזוי פערשטיינערט.

— איהר מיינט א טראגעדיע, א דריטע פערזאן אריינגעמישט זיך. מיין פרוי אדער איך אונגעטריי געווארען?

— יא, — שאקעל איך מיט'ן קאפ.

— ניין, ניט פון די אלע זאכען. קיין אויסערגעוועהנליכע פאסירונג האט זיך אין מיין פאמיליע ניט געטראפען. דאס וואס איז געשעהן צווישען מיר און מיין פרוי געשעהט ביי נייניצג פראצענט פון די פארלאך וואס האבען חתונה. נור אנדערע האבען אפשר קיין צייט ניט אדער ווילען זיך אליין ניט אבגעבען דין וחשבון פון זייער לעבען. איך האב געוואגט אריינצוקוקען אין דעם לעבען פון היינטיגען אידישען ארבייטער ביי אונז אין אמעריקא, און איך גלויב, ווען אנ־דערע וואלטען דאס געטהאן וואלטען זיי געהאנדעלט אזוי ווי איך.

— וואס איז געשעהן?

— גאר ניט איז געשעהן. נור בעטראכט גוט מיין לעבען, ניט מיין לעבען אין שאפ ביי דער ארבייט—דאס איז א זאך פאר זיך—נור מיין פריוואט־לעבען, ביי מיר אין דער פאמיליע, ווען איך קום שוין אהיים פון דער ארבייט. דאס איז דאך די גאנצע בעצאהלונג פאר דעם

גאנצען טאג שווערען יאך. בעטראכט עס גוט. בעטראכט מיין לע־
בען און מיין פאטער'ס פאמיליען־לעבען און איהר וועט פערשטעהען.
— איך האב חתונה געהאט, — הויבט אן דער יונגערמאן, מיט א
טרויעריגען, ניעדערגעשלאגענעם טאן — ווי אלע אנדערע היינטיגע
יונגע לייט, אויס ליעבע. מיין פאטער אין קליינעם שטעדטעל,
דארט אין דער היים האט ניט חתונה געהאט אויס ליעבע. איך
געדענק ווי מיין מאמע א קראנקע, וועלכע איז אבגעלעגען איהר
גאנצען לעבען אין בעט, פלעגט צייטענווייז לאכען אויס מיין טאטען,
ווען ער איז אהיים געקומען פון מארק א מיעדער שלעפענדיג די זעק
מיט ווייץ: „ער האט זיך דאך געדונגען מיט'ן טאטען וועגען נדן.
ער האט געקריגען נדן מיינע קראנקע פיס — א שעהנעם נדן, וואס?"
מיין פאטער האט ניט געקענט מיין מאמען פאר דער חתונה, זיי האבען
חתונה געהאט, ווי מען פלעגט חתונה האבען ביי אידען אין קליינע
שטעדטלאך — ווייל טאטע־מאמע האבען זיך אויסגעגליכען צווישען
זיך אין נדן. א שעה פאר דער חופה האט מיין זיידע געוואלט אהיים
שלעפען דעם חתן מיין טאטען, דערפאר, וואס צום נדן, וועלכען מיין
מאמע'ס פאטער האט צוגעזאגט האט געפעהלט צוואנציג רובעל. פאר
די צוואנציג רובעל האט מען געוואלט דעם שידוך אבלאזען און איך
וואלט גאר ניט געווען געקומען אויף דער וועלט — אלץ צוליעב
צוואנציג רובעל. דאכט זיך, וואס קען זיין פאר א לעבען צווישען
א פאאר פאלק, וואס האט זיך קיינמאל ניט געהאט געקענט, נור
האבען חתונה געהאט ווייל מיין זיידע, מאן מאמע'ס פאטער האט
צוגעלעגט די צוואנציג רובעל צום נדן? וואס פאר א צוזאמענלעבען,
וואס פאר א בשותפות'דיגעם קען זיין צווישען אזעלכע צוויי מענשען?
און דאך—

א וואך נאך מיין טאטע־מאמע'ס חתונה האט זיך ארויסגעוויזען,
אז דאס ווייבעל איז א קראנקע — מען האט מיין טאטען אבגענארט.
מיין מאמע איז איהר גאנץ לעבען אבגעלעגען אין בעט. מיין זיידע,
מיין פאטער'ס פאטער איז געקומען צו פאהרען, פרובירט ווירקען אויף
מיין טאטען, אז ער זאל זיך גט'ן, ווייל מען האט איהם אבגענארט. מיין
פאטער האט אבער געענטפערט, אז נאך דער חתונה איז עס שוין זיין
מזל, זיין גורל. און ניט נור האט מיין פאטער געדולדיג געטראגען זיין
גורל, ניט נור איז מיין פאטער געטריי געבליבען מיין מוטער זיין גאנץ

לעבען, ווי א אידישער מאן קען נור זיין געטריי זיין ווייב, נור ער איז געווען פערליעבט אין מיין מאמען, אין זיין קראנק ווייב, וועלכע ער האט קיינמאל ניט געזעהן אן אנגעטהאנענע, א געהענדע, א לאבענדע. עס האט מיך שטענדיג געריהרט ווען איך האב געזעהן ווי מיין טאטע פלעגט צוגעהן צו מיין מאמע'ס בעט בעפאר ער האט פערלאזט די הויז, מארגענס, און זי פרעגען מיט צערטליכקייט: „שרה'לע, ווילסט עפעס?" אדער ער פלעגט זיך אויפכאפּען פריהמארגענס, מאכען פלינק דעם אויפּ־וועז, כדי אבצוקאכען א ביסעל ווארעמס פאר מיין מאמען. אהיים געקומען אין אבענד א מיעדער, פון א גאנצען טאג ארומלויפען אין מארק — ער איז געווען א מעקלער ביי די פויערען — האט ער פריהער ניט געוואלט עסען, ביז מען האט צוגערוקט דעם טיש צו דער מאמע'ס בעט. ער האט זיך געזעצט אויפ'ן ראנד פון בעט און די מאמע האט געמוזט מיט־עסען ביים טיש.

שבת אין דער פריה בעפאר ער איז אוועק דאווגען, האט ער איהר געהאלפען די שבת־הויב אנטהאן, און אז ער איז אהיים געקומען פון דאווגען א גליקליכער און געזעהן די מאמע ארויסקוקענדיג פון בעט אין איהר שבת־הויב, האט ער גליקליך געשמייכעלט: „גוט שבת, שרה'לע!" און איז א גוטער געווען א גאנצען טאג.

איהר גאנץ לעבען איז מיין מוטער אבגעלעגען אין בעט. זי האט געהאט שוואכע פיס און ניט געקענט געהן. שבת נאכמיטאג, אז די זון האט אריינגעשיינט אין די פענסטערלאך, האט דער טאטע צוגערוקט דער מאמע'ס בעט צום פענסטערל, אז זי זאל זעהן די שפּאצירענדע און מיט־לעבען. אין דער וואכען האט ער נעביך קיין צייט ניט געהאט. דאס אלעס האט ער געטהאן ניט אויס ליעבע — ווי האט מיין פאטער, וועלכער איז געווען א פרומער איד געוואוסט פון די זאכען, — נור אוים צוגעבונדענקייט צו דער פאמיליע. א פאמיליע איז געווארען אן אייגענע צוזאמענגעוואקסענע זאך, ווי דער בוים דא. אט איהר זעהט דעם בוים? — ווייזט ער מיר אויף אן אלטען אויסגעוואקסענעם דעמב מיט צודרעהטע צונויפגעוואקסענע צווייגען — זעהט, ווי זיי האלטען זיך אלע אינאייגעם, אלעס וואקסט ארויס פון איין שטאם, פון איין בוים־שטאם. אזוי איז געווען מיין פאטער'ס פאמיליע — דער טאטע, די מאמע, די קינדער — אלעס איז געווארען

איינס צונויפגעוואקסען, משפחה'דיג ווי איין קערפּער, ווי איין לעבען מיט איין נשמה.

יעצט נעהמט מיין לעבען.

איך בין פריה אוועק פון דער היים. געמוזט פאר זיך אליין זוכען א שטיקעל ברויט צו פערדיענען. קיין בעשטימטע מלאכה ניט גע־קענט. אלעס פערטיג געווען צו טהאן. ארומגעוואלגערט זיך אין דער וועלט ביז איך האב זיך דערשלאגען קיין אמעריקא. דא האב איך געטהאן וואס אלע יונגע לייט טהוען: געארביים אין שאפּ, געקרא־גען עטוואס געלד. אויסגעלערענט זיך פּלעבטען קאפּעלושען און גע־מאכט א לעבען ווי ווייט איך האב געקענט. ווי ווייט צייט געהאט האב איך זיך צו א ביכעל צוגעכאפּט. קיין פריינד, קיינע אייגענע, א חוץ „שאפּ ברידער", „יוניאן ברידער", „סאסייעטי ברידער" האב איך נישט געהאט. א סך ברידער, גאר נישט קיין פריינד! איך האב זיך דערמאנט אן מיין טאטען'ס הויז און געבענקט נאך א פאמיליע, נאך אייגענע. אבגעארבייט א פינף, זעקס יאהר, אבגעשפּארט עטליכע דאלאר, געמיינט איך האב מיליאנען, געוואגט צו קלעהרען וועגען חתונה האבען. געזוכט האב איך, פערשטעהט זיך, נישט קיין געלד, נור דעם מענשען, דעם פריינד. געוואלט האבען א משפּחה און איך האב עס אויך געפונען. א „סאסייעטי ברודער" האט מיר א זונטאג געבראכט א היים צו זיין מוטער און דארט האב איך „זי" געטראפען. זי איז געווען א הויכע מיידעל, א בלאסע מיט דערשראקענע אויגען ווי ביי א הירש, גערעדט מיט שרעק, מיט הארץ־קלאפּונג אביסעל. זעלבסט־פערשטענדליך האב איך זיך איינגעליעבט אין איהר, אפשר רחמנות געקראגען, ווער קען זיין גלייכגילטיג צו א מיידעל מיט בלייכע באקען און דערשראקענע אויגען, ווען איהר זייט א בחור, זוכט א שידוך, און האט א פּאאר הונדערט דאלאר אין די בענק.

באלד ביים אנפאנג האבען מיר איינער דעם צווייטען אבגענארט. איך האב איהר געזאגט, אז איך פערדיען מעהר ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט. איך האב געבארגט ביי פריינד דזשועלערי, א גאלדענעם זייגעריל, א בריליאנטענעם רינגעל. נאך וואס איך האב דאס געטהאן? ווייל איך האב געוואלט מאכען מעהר איינדרוק, געוואלט איך זאל אויסזעהן מעהר „גליק", כדי מען זאל זיך נאך מיר מעהר יאגען. זי האט מיר אויך גענארט. געזאגט אז זי ארבייט ניט אין קיין שאפּ, נאר

אין סיזאן העלפט זי אביסעל אויס איהר שוועסטער אין דעזיינינג. דער־נאך בין איך געוואהר געווארען אז דאס שאפ האט פון איהר דאס גאנצע חיות ארויסגעצויגען. און דאס גאנצע שלעכטיגקייט, ניין ניט קיין שלעכטיגקייט נור גלייכגילטיגקייט וואס זי האט ארויסעוויזען צו מיר, דורך אונזער גאנצען לעבען איז געווען נקמה געהמען פון מיר, פון איהר מאן, פאר איהר יוגענד און איהרע פרישע טעג וואס זי האט בעגראבען אין שאפ. נור וועגען דעם שפעטער. הכלל, זי האט מיר גענארט אזוי ווי איך זי. ביז נאך דער חתונה האב איך ניט געוואוסט אז זי האט אינגערע שוועסטער, שעהנערע און געזינטערע פון איהר. מען פלעגט זיי פון הויז ארויסשיקען ווען איך פלעג אהין קומען. די קליידער און די העטס וואס זי האט געטראגען איז אויך ניט געווען איהרע נאר געבארגטע. נאר דאס איז א קלייניגקייט... מיר האבען חתונה געהאט. דאס ערשטע יאהר נאך דער חתונה, האבען מיר נאך געשפיעלט דאס פערליעבטע פאאר־פאלק ווי חתן־כלה. און דאס איז טאקע אפשר געווען דאס גליקליכסטע יאהר אין מיין לעבען. זעלבסט־פערשטענדליך, האב איך זי ניט געלאזט געהן ארבייטען. איך פערדיען דאך עפעס מיינע „דרייסיג" דאלאר א וואך, אזוי האב איך דאך איהר געזאגט. אין אמת'ן האב איך אבער פערדיענט אכטצעהן דאלאר אין סיזאן. פלעג איך פון די בענק ארויסנעהמען צעהן דאלאר א וואך, צו לייגען צו די ווייכזשעס און עס אהיים ברענגען. זי האט מיך אויך געהאלטען אין איין נארען, געפוידערט זיך די בליכע באקען הינטער מיינע פלייצעס, און גע־האלטען זיך אין איין גרויסען, אז דער סיזאן וועט קומען וועט זי ארויס־העלפען איהר שוועסטער, די „דעזיינעריז", און פערדיענען איהרע דרייסיג־פערציג דאלאר א וואך. דער „סיזאן" איז אבער ניט געקומען, קיין שוועסטער א „דעזיינעריז", איז אויך ניט געווען. מיר האבען געוואוסט אז מיר זאגען איינער דעם אנדערען ליגענס, און מיר האבען עס אנגעהאלטען. נאר באלד איז געקומען דאס ערשטע קינד און מיר האבען אויפגעהערט צו זאגען איינער דעם אנדערען ליגענס. דאס געלד אין באנק האט זיך געענדיגט. מיין ווייב האט שוין געוואוסט אז איך פערדיען ניט מעהר ווי אכטצעהן דאלאר א וואך, האט זי זיך שוין אויפגעהערט צו שעהמען זיך פאר מיר מיט איהרע בלייכע באקען, האט זיך שוין ניט בעריהמט מיט איהר שוועסטער די „דעזיינעריז". צווישען אונז האט זיך אנגעפאנגען א וואכעדיגער לעבען. מיר האבען

זיך געהאַלטען אין איין דינגען. מיין ווייב האַט געזאָגט אַז אַ מאַן וואָס פערדיענט אכטצעהן דאָלאַר אַ וואָך איז אַ שלימ'מזל'ניק, אַ גאָר־ניט, יעדער באַי פערדיענט היינט אכטצעהן דאָלאַר אַ וואָך. און איך האָב גע'טענה'ט, אַז אַ פרוי מוז צוהעלפען אַ מאַן. איך האָב געמוזט אבגעבען דין וחשבון פון יעדען גראָשען וואָס איך האָב אויס־געגעבען. איך האָב זיך אפילו ניט ערלויבט אויסטרינקען אַ גלאַז ביער.

און באַלד איז מיין שטוב געוואָרען צוטהיילט אין צוויי פּאַרטייען. איין פּאַרטיי — מיין ווייב מיט מיינע קינדער (איך האָב שוין צו יענער צייט געהאַט צוויי), און די אַנדער פּאַרטיי — איך. מיין ווייב און די קינדער האָבען מיר געהאַלטען פאַר אַ פערד, וואָס געהט ניט גוט, פאַר אַ קלאָגעדיגע בהמה וואָס גיט ווינציג מילך. און איך האָב זיך אויך געהאַלטען פאַר אַ בהמה וואָס מען גיט ווינציג עסען, און מען וויל זי זאָל האָבען כח וואָס מעהר צו אַרבייטען... וואָרום אין אמת'ן מיט וואָס בין איך געוועזען מעהר פון אַ בהמה? אין דער פריה האָב איך זיך אויפגעכאַפּט מיט טאָג צוגלייך, מיט געוואַלד איבערגעריסען דעם שלאָף פון מיינע אויגען, און זיך געלאָזט אין אַ „על" געפּאַקט מיט אַרבייטער פון די בראָנקס וואָס האָבען זיך געשלעפּט דאָון־טאָון צו דער אַרבייט. איינער איז געזעסען אויפ'ן צווייטען און אויף אַלע פּנים'ער איז נאָך געלעגען די צערטליכקייט פון שלאָף. אייניגע פון זיי האָבען נאָך געכאַפּט אַ ביסעל שלאָף אין קאַר. אַזוי האָבען מיר זיך געשלעפּט ביז צו אונזער געפענגניס, דעם שאָפּ, אין וועלכען אַ גאַנצען טאָג האָבען מיר געגעסען אין זיך דעם שטויב פון שטרוי. אין אָבענד, אַז גאָט האָט געהאָלפען, און עס האָט זיך נאָך געמאַכט אַ שעה „אָווערטיים", ווער איז נאָך געוועזען אַזוי גליקליך ווי איך... נאָכהער זיך ווידער געשלעפּט אין דער איבערגעפּאַקטער קאַר, וועלכע האָט געשטיקט פון ענגשאַפט, פון דעם מענשען'ס שווייס. אַהיים גע־קומען אַ מיעדער, אַ דענערוווירטער. נישט געהאַט קיין צייט צו אַ קינד אַ וואָרט אויסריידען, אַ שמייכעל צו טאָהן. ווי אַזוי זאָלען מיינע קינדער מיך פיהלען, פערשטעהן, אַז איך האָב קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט אפילו זיי אָנקוקען? און ווער רעדט נאָך וועגען ליעבע! איך האָב קיין צייט ניט געהאַט מיין ווייב אַ צערטליך וואָרט צו זאָגען. צו אַ צערטליך וואָרט דאַרף מען צייט, דאַרף מען שטימונג, דאַרף מען מוטה. אַ געפּאַלענע, אויסגעאַרבייטע בהמה, קוים דעם עסען אַריינ־

נעכאפט און זיך אנידערגעלייגט א טוידטער אויפ'ן בעט, מיט די שטי־וועל. טהיילמאל אז די נאטור האט געפאדערט — געקראכען ווי א בהמה... קיינמאל קיין צערטליך ווארט ניט געזאגט... ניין, ניין, ניין, איך בעשולדיג ניט מיין ווייב וואס זי האט מיר געהאלטען פאר א בהמה, וואס ארבייט אפ פאר'ן עסען... איך בין אנדערש ניט געווען. דאס לעבען האט מיר אזוי געמאכט.

ליעבע איז א גרויסע זאך. א מענש קען אהן ליעבע ניט לעבען. נור א טייערע זאך. עס פערלאנגט צייט, און א ארבייטער קען זיך ניט ערלויבען אזא לוקסוס.... עס קאסט צופיעל געלד.

נור דאך האב איך זיך געהאט א אייגען ווייבעל; א היים. מיין אייגענע היים נאך דער ארבייט. א פערטעל, א האלבע שעה האב איך זיך געפונען צווישען מיינע אייגענע, צווישען מיין משפחה. נור באלד איז אויך מיין היים צושטערט געווארען און מיין גאנצעס לעבען איז געווארען איין „שאפ".

מיט די אכטצעהן דאלאר א וואך האבען מיר קיין לעבען ניט געקענט מאכען. רענט איז געווארען טהייערער, די קינדער האבען בעדארפט דאס זייעריגע. איך האב זיך געשטריטען געגען דעם. ניט געוואלט מיין הויז צושטערען. באלד האב איך אליין צווישען מיינע „שאפ־בריידער" געזוכט בארדערס. מיין הויז איז פול געווארען מיט פרעמדע. איך האב שוין ניט געגעסען מיט מיין פאמיליע, איך האב שוין ניט געשלאפען מיט מיין פאמיליע. איך האב שוין געגעסען אין דעם „שאפ", איך האב שוין געשלאפען אין א „שאפ", מיין היים, מיין פאמיליע איז געווארען א שאפ. איין גרויסער טרויעריגער שאפ. וואו איך בין געגאנגען איז מיר דער שאפ נאכגעגאנגען. אפילו אין די פער־בארגענסטע סודות וואס א מאן האט מיט זיין ווייב... אומעטום האט זיך דער שאפ אריינגעריסען. מיין לעבען איז געווארען איין גרויער, גרויער טאג. אין דער וואכען, אום שבת, אום יום־טוב, שטענדיג שאפ, אהן א יום־טוב, אהן א אברוה.

איך בין געווארען א בארדער ביי מיין ווייב און קינדער, אהנע האפנונגען אמאל אן אייגענעם לעבען צו פיהרען. ביז מיר איז מיאוס געווארען אזא לעבען צו פערטראגען. איך האב עס געוואלט סטאפען, אויפהערען. אלעס זאל געשעהן, נאר ניט דאס. אן ענדע צו מאכען פון מיין לעבען? איך האב וועגען דעם אויך געקלעהרט. ניין, א מכה

די וועלט! מאכען זיי נאך בעקוועהם, אליין אוועקגעהן? ניין! האט מיר די וועלט בעשאפען, לאז זי מיר טראגען. גור ווייטער שלעפען דעם יאך אין וועלכען זיי האבען מיר איינגעשפאנט, וויל איך ניט. איך האב זיך „צובריקעוועט". אבגעשטעלט זיך אין מיטען און וויל ווייטער ניט געהן, לאזען זיי מיר שלאגען מיט בייטשען — איך וויל ווייטער ניט געהן.

איך בין א בהמה וויל איך אויך האבען אן עקשנות!

דער יונגער מאן האט אבגעהאקט אין מיטען, און האט מיך אנגעקוקט מיט גליהענדע אויגען, ווי ער וואלט מיר געוועהן געהאלטען פון די וואס האבען איהם איינגעשפארט אין יאך פון לעבען און איז גרייט געוועזן ארויפצופאלען אויף מיר און נעהמען נקמה פון מיר. אבער איך האב איהם גלייך געקוקט אין די אויגען אריין. איך האב איהם פארשטאנען און איך האב זיך אנגערופען צו איהם:

— אבער וואס איז זי מיט די קינדער שולדיג? די נאטור האט זי בעשאפען מיט מוטערשאפט און זי געלערענט ווי אזוי צו קעמפפען פאר איהרע קינדער, זיי צו ערציהען, און זי טהוט עס ווי ווייט זי קען עס.

— יא, איך וויים אז זי איז ניט שולדיג, — קיינער איז ניט שול־דיג, מיר אלע זיינען שולדיג. זי איז א מיערע, זי געהט אויפ'ן וועג און פאלט, לייגט זי ארויף די הענד אויפ'ן צווייטען מיערען וואס געהט נעבען איהר. איך וויים עס. דער שאפ האט פון איהר דאס לעבען ארויסגענומען, איהר יוגענד, איהר קראפט. זי איז מיעד און זי האט געזוכט א מאן ביי וועמען זי זאל זיך אויסרוהען פון דער ארבייט פון שאפ. זי האט מיך געפונען. זי האט רעכט. אבער איך האב דאך אויך רעכט צו סטאפען אזא לעבען. ארבאבצוואווארפען די הענד פון מיינע מיעדע פלייצעס. צו וואס אזא לעבען? וואס פאר א טעם האט עס? און וואס פאר א נוצען וועט עס ברענגען? וועמען? מיינע קינדער? איז דען ניט גלייכער אז איך ערציה זיי גאר ניט צו אזא לעבען. פיעל דענקען אזוי ווי איך, נייינציג פראצענט פון אונזערע אידישע יונגע לייט לעבען אזוי ווי איך, נאר זיי האבען קיין מוטה ניט אן ענדע צו מאכען פון אזא לעבען. איך האב דעם מוטה געהאט און איך האב עס געטהאן.

— און איהר וועט עס אויך ניט טהאן. איהר האט זיך נאר א ביסעל צובריקעוועט. באלד וועט איהר אליין געהן ווי דער אקס אין כאמוט אריין און וועט ווייטער שלעפען דעם יאך. איהר קלעהרט שוין וועגען דעם — האב איך איהם גזאגט.

דער יונגער מאן איז בלייך געווארען. דערשראקען האט ער אנ־געכאפט מיין האנד?

— פון וואנען ווייסט איהר אז איך קלעהר אזוי?

— פון אלע אייערע רייד. אלע אייערע רייד זיינען מיר געווען א פערענטפערונג פאר וואס איהר האט דאס געטהאן. איהר קלעהרט יעצט וועגען דעם ווי ווייטער צו פיהרען דעם לעבען, ווארום ווען איהר וואלט ניט געטראכט וועגען דעם, וואלט איהר ניט גערעדט וועגען דעם.

— יא, איך האב בעשטימט ביי זיך אנצופאנגען אויף דאס ניי. שוין זייט א פאאר טעג זאג איך מיר, אז דאס איז אפשר די שולד פון די גרויסע שטאדט. מען האט קיין צייט ניט אין א גרויסער שטאדט אויף א פערזענליכען לעבען. די גרויסע שטאדט איז איין גרויסער מארק, אלעס לעבט אויף דעם מארק. אומעטום אין די גאס, אין שאפ, אין קאר, אין דער היים. איך האב בעשטימט, איך וועל פרואווען איבערפאהרען אין א קליין שטעדטעל, וואו דער רעש איז ניט אזא גרויסער, און איך וועל זיך פרואווען איינהערען אין געזאנג פון מיין פערזענליכען לעבען אין א קליינעם רוהיגען ארט. איך האב וועגען דעם מיין ווייב געשריעבען. אבער פון וואנען ווייסט איהר דאס? און וואס איז דאס? זייט איך בין אוועק פון דער היים און בעשטימט אן ענדע צו מאכען פון דעם לעבען — קומט מיר אלץ אויפ'ן זינען ארויף פערשידענע פראיעקטען ווי אזוי צו ענדערען מיין לעבען, ווי צו געפינען א בעסערען אויסוועג. און מיין גאנצע בעקאנטשאפט מיט אייך איז געווען נור צוליעב דעם. וואס איך האב אייך געוואלט פרעגען אן עצה, אז איך האב בעשטימט צו ענדיגען.

— יונגער מאן, איהר וועט ניט פאהרען — האב איך איהם געזאגט קלאפענדיג איהם איבער דער פלייצע. —— יעדער פון אונז זאגט זיך דאס זעלבע, און מיר האלטען אין איין זוכען אויסבעסערען, און מיר שטעלען זיך פאר אז אין דער צוקונפט וועט אלעס זיין בעסער. דאס נארט אונז אזוי דער לעבען. דאס איז דאס געזאנג וואס מיר הערען, וואס דער טוידט שיקט פאר זיך צו אונז אום אונז ארייננארען

אין טוידט. אין דעם ערשטען טאג פון אונזער לעבען האבען מיר שוין דעם געראנק פון טוידט. דאס איז די צוקונפט... אזוי געהן מיר נאך דעם געזאנג, ביז מיר געפינען זיך פלוצלינג אין מיטען דעם טוידט, און מיר קוקען זיך אום וואו איז עס די צוקונפט געווען, וואס מיר הערען זינגען וועגען איהר.

---

דער יונגער מאן איז פערשוואונדען געווארען פון דעם איינזאמען שפאציער, איך האב שוין לעצטענס געהאט פערגעסען אן איהם. ביז פלוצלינג האב איך איהם בעמערקט אין א פול־געפאקטער קאר פון „על“, וועלכע איז געלאפען מיט ארבייטער צו דער ארבייט. ער איז געזעסען איינגעזאלצען ווי א הערינג צווישען די ארבייטער, און דער שלאף איז נאך געלעגען אויף זיינע אויגען. באלד איז די קאר פערשוואונדען, דורכגעלאפען פערביי מיר ווי א חלום, און מיר האט זיך עס געדאכט אז די גאנצע קאר איז פול געווארען מיט אזעלכע יונגע לייט. אלע זיינען געווען עהנליך אויף איהם. ניין, אלע זיינען געווען ער, מיט די זעלביגע טרויעריגע בלייכע געזיכטער, מיט די פער'חלום'טע אויגען וועלכע ווילען זיך נאך ניט שיידען מיט'ן שלאף. און אלע פיהרען זיי א אונזיניג לעבען, אהן א טעם און אהן א צוועק, ווייל זיי ווערען גע־יאגט פון דעם געזאנג וואס דער טוידט שיקט פאראוים פאר זיך — די צוקונפט!

# א שטילער גארטען.

(ערצעהלונג)

ווען דער קליינער שמעון איז געשטארבען האבען זיינע צוויי זיהן, — נאטע און אנשעל — געשווארען ביים קבר, אז זיי וועלען דער מאמע ניט פערגעסען, און זיי וועלען תמיד אין פאטער געדענקען אזוי לאנג ווי זיי וועלען לעבען.

— דו זארג דיך ניט, טאטע, האט דער עלטערער נאטע אריינגעשריען אין קבר אריין, „ווי וויל מייק אראנדזשמענטס פאר דער מאמען" —

די שוועגעריו, נאטע'ס ווייב, האט דאס דערהערט איז זי געווארען מעהר דרייסט צום טויטען ווי זי איז געווען ביז איצט, און זי האט דערפאר פון שווער פערלאנגט:

— איהר זאלט זיך לויפען און מיהען פאר מיין איינציג קינד, אייער אייניקעל.

נור זי האט נאך ניט געדויזשעט אויסצורעדען דעם גאנצען שפרוך האט איהר שוין פערכאפט די צווייטע שוועגעריו, אנשעל'ס ווייב.

— וואס עפעס פאר איהר איינציג קינד אליין? — פאר אלע זיינע קינדער, פאר אלע זיינע אייניקלאך זאל ער זיין א מליץ יושר.

— און ניט נור בלויז פאר זיינע קינדער אליין, נור פרעמדע קינדער אויך — פאר די גאנצע וועלט, פאר אלע יונגע לייט, וואס וועלען בעדארפען איצט אין פייער געהן. אוי, אוי, אז מען זאל זיי פערזעהן, אז די קויל זאל זיי מיידען— איז א פרעמדע אידענע, וועלכע האט זיך פונקט געפונען אויפ'ן גוטען ארט — צוגעקומען צום אפענעם קבר און אריינגעשריען, ווי זי וואלט זיך געוואלט בענוצען מיט דער

אומזיסטיגע געלעגנהייט, וואס דער קליינער שמעון פאקט זיך אויף יענער וועלט, מיט איהם א תפלה'לע מיטצוגעבען צו די איהריגע...

איך וויים ניט, אויב דער קליינער שמעון וועט ריכטיג אויספיהרען די שליחות וואס די לעבעדיגע האבען איהם ביים לעצטען אבשייד פון זיי מיטגעגעבען. נור געהערט די שליחות האט ער געוויס. ווארום אז דער קליינער שמעון האט דערהערט די ווערטער פון עלטסטען זוהן: „מאטע, זארג דיך ניט, ווי וויל מייק אראנדזשעמענטס פאר דער מאמען", האט א לייכטער שמייכעל א שוועב געטהאן אויף זיינע בלייכע געשטארבענע ליפען, און די גרויע שטייפע האאר פון די וואנסעס האבען זיך בעוואויגען — און אזוי מיט דעם שמייכעל איז ער אריין אין גרוב אריין. ווארום דער קליינער שמעון האט זיך געמוזט דערמאנען אין די אפטע פערשפרעכונגען פון זיין זוהן, וועלכער איז געווען „גוט אפ":

— „מאטע, זארג זיך ניט, ווי וויל מייק אראנדזשעמענטס".

געבראכט האט דער קליינער שמעון פון זיין קליין שטעדטעל אין פוילען קיין אמעריקא זיין שער מיט די אויסגעדארטע הענד, זיין שמייכעל אויפ'ן פנים, זיין ווייב נעכע, אן אויסגעדארטע געטרייע חבר'טע, זיינע צוויי יונגען, אנשעל און נאטע, און אוועקגעשטעלט זיך ארבייטען. שטענדיג געארביים. האט ער ניט געהאט וואס צו ארבייטען, איז ער טרויעריג געווען, איז איהם לאנגווייליג געווען — האט ער זיך געהאלטען פאר א איבריגען. שבתים און יום־טובים זיינען דורכגעגאנגען איהם אין לאנגווייליגקייט און בענקעניש נאך דער ארבייט, אזוי ווי די שער און די נאדעל זיינען געווארען א טהייל פון זיין קערפער און ווען ער האט זיי ניט געהאט, האט איהם עפעס געפעהלט און אהן זיי האט ער ניט געקענט לעבען.

אין דער וואכענס ביי דער ארבייט האט ער געבענקט נאך שבת. אז דער שבת זאל קומען — וועט ער זיך אויסרוהען. נור קוים איז דער שבת געקומען און דער קליינער שמעון האט זיך גוט אויסגעשלאפען האט ער זיך שוין ארומגעדרעהט פאר לאנגווייליגקייט און ניט געהאט וואס מיט זיך צו טהאן. קיין בעקאנטע, קיין פריינד האט ער ניט געהאט. ער האט געקוקט אין הימעל אריין, געזוכט א שטערען.

— וואס קוקסטו, וואס איילסטו דיך אזוי? — האט נעכע געפרעגט.

— עס ווילט זיך שוין צוריקגעהן צו דער ארבייט. א צו לאנגער שבת.

אזוי האט דער קליינער שמעון אבגעלעבט זיין לעבען. די קינדער זיינע זיינען פריה אוועק פון הויז, געזארגט פאר זיך אליין, איבער־געבליבען אליין מיט נעכע'ן — א געטרייע אויסגעהארעוועטע אידענע. אין די אבענדען, סאי זומער און סיי ווינטער זיינען זיי ביידע אב־געזעסען אין די „קיטשען" . דער פארלאר איז געווען שעהן אויפ־געררוימט, און בעדעקט מיט פיקטשורס, אבער קיינער האט איהם ניט געזעהן ביי טאג, אין איהם איז מען נור געשלאפען. געוואהנט האט מען אין קיטשען ביים קיכעל — געזעסען און געשוויגען, טהייל מאל האט מען זיך דערמאהנט אן א בעקאנטען פון דער היים פון קליינעם שטעדטעל.

— דו געדענקסט דעם לאנגען שמואל פון דער היים ? האט דער קליינער איד פלוצלינג געפרעגט זיין ווייב.

— דעם, וואס די טאכטער איז אוועק מיט א סאלדאט ?

— יא.

— וואס האסטו זיך עפעס דערמאהנט אן לאנגען שמואל ?

— גלאט אזוי.

אדער מען האט זיך דערמאהנט אן א געסעל פון שטאדט :

— דו געדענקסט דאס אונטער־געסעל אין דער היים ?

— וואו די מוהמע ברכה האט געוואהנט ?

— יא, דארט וואו דאס קליינע פלומפעל איז געשטאנען און שבת נאכמיטאג איז מען געגאנגען מיט דער שעפ שעפען פריש וואסער.

— יא, וואס האסטו זיך עפעס דערמאהנט אן קליינעם אונטער־געסעל ?

— גלאט אזוי.

טהייל מאל האט זיך א זוהן דערמאהנט אן טאטע ־מאמע און שפעט אין אבענד פלוצים אומגעריכט ארייגעפאלען אין קיטשען אריין.

— גיב נאר א קוק ווער עס איז דא ! נאטע איז דאך דא ! אויף משיח'ן וואלט איך זיך גיכער געריכט. וואס מאכט מען ? וואס מאכט דאס ווייב און די קינדערלאך ?

— אלל־רייט.

— אפשר וועסטו טרינקען א גלעזעלע רויטען בוריקעס־בארשט? האסט דאך דאס שטענדיג אזוי גערן געהאט. דער מאמע׳ס א גלעזעל בארשט.

— און דו, טאטע, ארבייסט נאך אלץ אין ברוקלינער שאפ?

— וואס זאל מען טהאן? מען מוז דאך מאכען א לעבען!

— ער האט שוין טאקע קיין כח נים. ביי נאכט קרעכצט ער א גאנצע נאכט אויף די זייטען — דערצעהלט די מאמע.

— נו, טאטע, זארג דיך ניט, „ווי וויל מייק אראנדזשעמענטס". איבעררעדען מיט אנשעל. אויף די אלטע יאהרען וועסטו ניט דארפען ארבייטען.

דער קליינער שמעון האט געשמייכעלט — דאס זעלבע גוטע בלייכע שמייכעלע, וואס עס האט יעצט געשוועבט אויף זיינע ליפען, ווען מען האט איהם־אין דער ערד אריינגעלעגט.

און עס איז דורכגעגאנגען ווידער א האלב יאהר, און מען האט קיין קינד אין די אויגען ניט אנגעזעהן. געוואהנט האט מען ווייט איינס פון אנדערען. און האט מען זיך געקליבען צופאהרען זעהן אן אייניקעל, האבען די אלטע פערבלאנדזשעט אין וועג.

— א, שוין ווארטען אויף פסח, חול המועד וועלען מיר צוגעהן זעהן די אייניקלאך.

און ווידער אין א האלב יאהר ארום האט זיך א זוהן אריינ־געכאפט:

— נו, טאטע, דו ארבייסט נאך אין שאפ?

— וואס זאל מען טהאן? מען מוז דאך מאכען א לעבען, דער מאמען פרנסה געבען.

— זארג דיך ניט, ווי וויל מייק אראנדזשעמענטס...

און באלד ווידער פערגעסען געווארען, ביז די קינדער האבען געהערט, אז דער טאטע איז געשטארבען.

זיין טויט איז געווען שטיל אזוי ווי זיין לעבען, פערגעסען. נאך זיין לויה איז נאכגעפאהרען איין וואגען, די אלמנה מיט די צוויי קינדער און די צוויי שניר, און זיי האבען דעם טאטען מיטגעגעבען די שליחות אויף יענער וועלט, דערפאר וועלען זיי מאכען „אראנדזש־מענטס" פאר דער מאמען.

די אלטע נעבע איז געשטאנען ביים קבר, זי האט געוויינט, קיין שליחות, אז ער זאל זיך לויפען און מיהען פאר איהר, האט זי איהם אויך ניט בעפוילען. זי איז געשטאנען א שטומע די גאנצע צייט און געזעהן ווי די צוויי גוים שיטען צו איהר קליינעם שמעון. נור נאך דעם ווי מען האט שוין איבער דעם קליינעם שמעון אלע אבגע־זאגט, אלעס וואס איז איהם געקומען לויט דעם דין, האבען זיך אלע אויפגעהויבען אוועקצוגעהן, און זי איז שטעהן געבליבען ביים קבר און אויסגעשטרעקט די הענד, און די קינדער האבען זי אוועקגענומען ביי די ארימס און געזאגט צו איהר: קום, מאמע! האט זי זיך נאאיוו ארומגעקוקט מיט איהרע אויסגעלאשענע אויגען, וועלבע האבען דעם גלאנץ געהאט ווי די אויגען פון א שטומע בהמה, און גע־פרעגט:

— וואו?

האבען זי די צוויי זיהן אוועקגעפיהרט פון קבר און געזאגט צו איהר:

— זארג דיך ניט, מאמע, „ווי וויל מייק אראנדזשמענטס".

פון קבר האבען זיךביידע זיהן געריסען איבער דער מאמען. יעדער איינער האט געוואלט, אז די מאמע זאל זיצען ביי איהם שבעה. געבליבען איז זי ביים עלטערען, ביי נאטען, וועלכער איז געווען א סייל־סמען און האט געהאט איין קינד און איז געווען בעסער אב פון אנשעל'ן. נאך די ערשטע אכט טעג איז די מאמע געקומען צו נאסט צום צווייטען זוהן. אזוי האט זי זיך א פאאר וואכען ארומגעוואלגערט פון איין זוהן צום אנדערען, ביז מען איז זי געגאנגען אריינגעבען אין אן אנשטאלט פאר אלטע לייט. נור איידער די קינדער האבען געמאכט „אראנדזשמענטס" די מוטער צו בעזארגען אין אן אנשטאלט, איז זי שטילערהייט אוועקגעגאנגען צו איהר מאן.

א קבר אין שכנות ביי איהר מאן איז שוין ניט געוועזען. שוין געווען פערנומען. און איבערהויפט איז דער טהייל סעמעטערי, וואו דער מאן איז געלעגען, געווען צו טייער פאר א אידענע... האט מען זי בעגראבען אויף א נייעם טהייל סעמעטערי, וואו ס'איז געווען ווייט פון שטאדט און עס האט געקאסט ביליג א קבר. זיינען דאס אלטע פאאר געלעגנע צוטהיילט נאכ'ן לעבען: ער איז געלעגען צווישען

פרעמדע אידען אויף איין טהייל סעמעטערי און זי איז געלעגען צווישען פרעמדע ווייבער אויף אן אנדער טהייל סעמעטערי.

פערגעסען זיינען די אלטע געווען ביי זייער לעבען און פערגע־סען זיינען זיי געווארען ביי זייער טויט. זייערע קברים זיינען באלד פערטראגען געווארען צווישען ים „פערגעסענע“ ווי זיי זיינען און זיי האבען קיינעם ניט געהאט, נור דאס שטיקעל הימעל איבער זיך, און דאס קליינע בערגעל ערד וואס זיי האבען פערמאגט אויף זיך.

אבער מעהר האבען זיי ניט בעדארפט. אין ווינטער זיינען די קברים געווארען צוגעדעקט מיט א דעק פון שנעע און זיינען אב־געווישט געווארען פון דער ערד, אבער ווען דער ליעבער זומער איז געקומען און די זון האט אויפגעדעקט די אויבערפלעכע פון דער ערד פון שנעע־דעקע, זיינען די צוויי קברים אויך ענטפלעקט געווארען. דער ווינד האט געבראכט אויף זייערע בערגלאך זוימען־שטויב פון בלומען און גריגסען, וועלכע ער האט אראבגעג'גנב'עט פון די רייכע קברים און איינגעפלאנצט אין די בערגלאך פון די ארימע. בייטאג האט די זוהן צואווארימט, צוהיצט און ענטבליהט די שטויבלאך בלי־העכטס, און ביינאכט האט דער רעגען זיי טיעף אין דער ערד פער־פלאנצט, און דער טהוי, פריה און שפעט, האט זיי בעוואסערט. און איבער דעם קבר פון קליינעם שמעון מיט זיין ווייב נעכע, כאטש צו־שיידט און צוואווארפען אויף צוויי בעזונדערע פעלדער, האבען גע־בליהט מיט געלע פעלד־בלומעלאך בלויע וואסער־ליליען, מיט ווייסע האניג־קעפלאך, מיט יאשמין און מיט בלויע אויגעלאך. די קברים זיינען פערוואנדעלט געווארען אין שטילע בליהענדע גערטנער, וועלכע קיין אויג האט ניט בעמערקט נור זיינען בעוואכט און אבגעהיט גע־ווארען פון די שטילע בעהאלטענע האנד פון דער נאטור.

טהיילמאל האבען זיך די ברידער, נאטע און אנשעל, צופעליג בע־געגענט אין א געפאקטע קאר פאהרענדיג פון דער ארבייט, אדער אין א האלל פון א מיטינג.

— האללא, נאטע!

— האללא, אנשעל!

— מען דארף אמאל ארויסגעהן צו די אלטע אויף דער סעמע־טערי זעהן וואס זיי מאכען! האט איין ברודער געזאגט.

— מען דארף, איי עם רעדי. נעקסטען זונטאג איבער א וואך.

מיר'ן זיך טרעפען ביי ברוקלין ברידזש צוועלף בייטאג. ווילסט? האט דער צווייטער געזאגט.

— אלל־רייט, פון נעקסטען זונטאג איבער א וואך, געדענק.

די ברידער האבען געוואוסט, אז זיי וועלען זיך ניט טרעפען און זיי זיינען ניט געגאנגען אויך, געווען נויטיגערע זאכען. אזוי זיינען דורכגעגאנגען יאהרען און טאטע־מאמעס קברים זיינען געווען בעהאלטען פון יעדען לעבעדיגען אויג, און געבליהט זיך אין דער שטיל — שטילע גערטנער...

אמאל, אמאל האט זיך געמאכט, אז איינער פון די ברידער האט זיך פערוואנדערט אויף דעם בית־עולם מיט דער לויה פון א סאסייעטי־מאן (האט געדארפט שטראף בעצאהלען, ווען ער וואלט ניט געקומען), האט ער זיך דערמאהנט אן טאטען'ס קבר. זומער איז עס געווען, איז ער עס געגאנגען אויסזוכען, לאנג, לאנג האט ער געזוכט צווישען די פערוואקסענע גרעזער דעם טאטען'ס קליינע מצבה. אז ער האט עס געפונען איז ער שטעהן געבליבען אן ערשראקענער און א פערוואונדערטער: וועלכע געהיימע האנד האט פערפלאנצט אין דער שטיל דעם גארטען אויפ'ן פאטער'ס קבר?

און ער האט ניט געוואוסט אז דער שטילער ווינד און די גוטע מאמע ערד האבען אפילו אן דעם קליינעם שניידעריל ניט פערגעסען.

# מילד.

(א בילד)

אז מירעלע איז אריינגעקומען אין די הויכע חדשים, האט זי דערפיהלט ווי איהרע בריסטען ווערען שטייפער, אנגעפילטער, און א זעטיגקייט שטעכט איהר אין די ווארצלען. זי האט געפרואווט אנ־געהמען מיט איהרע צוויי ווייכע הענד איהרע א ברוסט און אויף דעם ווארצעל איז געבליבען הענגען א טראפען מילך... זי האט זיך דער־שראקען דערפאר. זי האט קיינעם ניט פערטרויט, אז זי טראגט. באטש דער מאן, די מוטער און די גאנצע משפחה האבען שוין לענגסט געוואוסט דערפון, און גע'סוד'עט זיך אין די אויערען, און געלאכט און געפרעהט זיך אין די ווינקעלאך.

עס איז געווען דער ערשטער טראגען נאך דער חתונה. מירעלע איז נאך א קינד געווען צו דער חתונה, קוים אכטצעהן יאהר אלט. דער חתן האט זיך דוקא איינגעשפארט, אז ער וויל נישט ווארטען, און איהר מאמע, אן אלמנה, האט קיין אנדער עצה נישט געהאט.

דאס כלה ווערען, חתונה האבען און טראגען איז אויף איהר אלזא געקומען אזוי פלוצלינג, אזוי געשווינד, איינס נאכ'ן אנדערען, אז זי האט קיין צייט ניט געהאט זיך אריינצוטראכטען אין איהר לאגע און געפינען זיך דערינען. און ביז איצט, ביז צו דעם מאמענט, ווי זי האט בעמערקט מילך אין איהר ברוסט, האט זי זיך געשעהמט מיט איהר חתונה האבען. זי האט געקלעהרט, אז אלע ווייסען דאס וואס זי האט אבגעטהאן מיט איהר חתן, מיט איהר מאן, נאכדעם ווי זיי האבען חתונה געהאט... אלע ווייסען, וואס חתונה האבען איז

אזעלכעס... עס שטעהט אויפ'ן שטערן אנגעשריעבען. און אז זי האט זיך פריהמארגענס אנגעטהאן אין שלאף־ראק, האט זי זיך געשעהמט אריינצוקומען אין שטוב אריין, וואו די מאמע האט געווארט אויף איהר מיט'ן אנבייסען. די מאמע, די דיענסט־מיידעל, אלע ווייסען דערפון...

נאך מעהר האט זי זיך געשעהמט ווען זי האט אנגעהויבען צו טראגען. א לאנגע צייט האט זי קיינעם ניט אויסגעזאגט דערפון, באטש די מאמע האט גוט דעם חשבון געהאלטען... אז עס האט זיך אנגעהויבען צו ווייזען, האט זי געפרואווט פארשטעלען מיט דעם, וואס זי האט נאר געטראגען ברייטע שלאף־קאפטענס, און אז איינמאל האט זי די מאמע אין א ווינקעל געטומען, און געזאגט איהר מיט פרייד אויפ'ן פנים און מיט טרעהרען אין די אויגען: „קינד מיינס! נחת וועל איך דאך דערלעבען פון דיר", און איז ארויפגעפאלען אויף איהר האלז מיט קושען און טרעהרען, איז מירעלע רויט געווארען ווי א שטיק פייער, ארויסגעמאכט זיך פון דער מאמעס ארים, איז אריין צו זיך אין שטוב אריין, פערמאכט זיך און קיינעם ניט געוואלט זעהן. איהר מאן, וועלכער איז געווען א בוכהאלטער אין א געשעפט און איז שפעט אהיים געקומען פון דער ארבייט, האט מירעלען ניט געפונען ביים טיש, און אז ער האט געוואלט אריינקומען צו איהר אין צימער, האט ער געפונען די טהיר צוגעשלאסען, האט די מאמע געזאגט:

— לאז, זי איז דאך א קינד, שעהמט זיך נאך.

און זייי האבעןביידע אנגעהויבען צו לאכען.

מירעלע האט אין דער צווייטער שטוב מיט די פיס געטופעט.

האבען דער מאן און די מאמע געבעטען זיך:

— קינד, מירעלע, געדענק אין גאט, נעהם עפעס אין מויל.

— עס איז דאך א מענשליכע זאך. דיין מאמע האט זיך אויך געשעהמט — האט די מאמע אריינגערעדט דורך דער טהיר.

אבער מירעלע האט ניט געוואלט דעם אבענד צום טיש קומען...

יעצט, מיט אמאל, ווי זי האט דערפיהלט די מילך אין די בריסט, האט זי זיך אויפגעהערט צו שעהמען... פערקעהרט, עס איז איהר עפעס קלאהר געווארען, אז א גרויס גליק איז איהר געשעהען און זי בעדארף מיט דעם שטאלצירען. אבער דאס גליק איז פאר איהר אליין.

פאר קיינעם ניט — פאר איהר. איהר מילך פאר איהר קינד. זי האט דערזעהען, אז עס איז דא געשעהן א וואונדער, וואס גאט טהוט מיט יעדע יונגע מאמע און שיקט אריין מילך אין די בריסטען פון די מוטער בעפאר דאס קינד ווערט נאך געבוירען, און זי איז אויך פון די מוטערס, און גאט האט מיט איהר אויף דאס וואונדער געטהאן. איז זי גליקליך און שטאלץ געווען דערויף. עס איז איהר שוין יעצט ניט אנגעגאנגען דעם מאן'ס שמייכעלע, דער מוטערס סוד'ען זיך אין די ווינקעלאך און די מענשען'ס בליקען. זי בעווייזט זיך שוין אין גאס. קיינער איז איהר שוין נישט אנגעגאנגען. זי האט געפיהלט, אז עפעס וואס איז מיט איהר געשעהן, וואס שטעהט העכער פון דער גאנצער וועלט. און זי דארף קיינעם ניט — נאר זיך מיט איהר גליק....

פלעגט זי זיך איינשליסען אין איהר צימערל אויף שעה'ן לאנג, ארויסנעהמען די בריסטען, דריקען מיט די פינגער און בעטראכטען דעם טראפען מילך וואס בעווייזט זיך אויף דעם ווארצעל, פערזוכען מיט די ליפען דעם טעם דערפון — אך, ווען זי וואלט געקענט קושען די בריסטען — האלזען איהרע בריסטען...

און דערנאך פלעגט זי ארויסקומען פון איהר שטיבעל, א שטאלצע, פאראויס ווייזענדיג איהר בויך, איז געגאנגען פאמעלאך, פאמעלאך, אז עס זאל איהר גאר ניט געשעהן: ווען זי האט זיך אוועקגעזעצט — האט זי געזאגט מיט א רוהיגע שטאלצקייט:

— מאמע, דערלאנג מיר דאס פוסען־בענקעל.

זי האט געפיהלט אז זי איז איצט די מאמע און אלע בעדארפען זי בעדיענען....

---

נאר לאנג פרעהען זיך מיט איהר קינד איז מירעלע'ן ניט באַשערט געווען. נאך צוויי וואכען, קוים וואס זי האט צייט געהאט גוט זיך אנצוקוקען אין איהר קינד'ס פנים'ל, איז דאס קינד געשטארבען. עפעס וואס איז געשעהן דערמיט און עס איז ניט געווארען. מירעלע האט ניט פיעל געטרויערט נאך'ן קינד. זי האט עס ניט געדענקט, ווארים דאס קינד האט געהאלטען אין איין בייטען זיין צורה. יעדען טאג האט עס אנדערש אויסגעזעהן, און זי האט ניט געהאט קיין בילד דערפון. איבריגענס האט זי די מאמע געטרויסט דערמיט, אז זי

מיט'ן מאן זיינעם יונג, און זיי וועלען באלד קענען פעררינבטען דעם היזק.... נור עס איז איהר א שאד געוועזן די מילך. ברוסטען האט זי געהאט פולע. די מילך האט איהר געשטאכען אין דעם ווארצעל, און אז זי האט זיך בעוואויגען האבען די שווערע ברוסטען איהר וועה געטהאן און קיינער איז ניט געוועזן, ווער עס זאל די מילך אויסזויגען... דורך די צוויי וואכען וואס דאס קינד האט געזויגען איז מירעלע שוין געוואהנט געווארען, אז ווען די ברוסטען הויבען אן איהר שווער צו ווערען — האט זי צוגענומען דאס קינד צו זיי — און ווען דאס קינד האט געזויגען, האט זי דערפיהלט א דערלייכטערונג. זי האט דער־פיהלט ווי דאס מיילכעל, וועלכעס זויגט אין זיך די מילך אריין, טהוט איהר גוטס. און זי גיט זיך איבער דעם מיילכעל מיט'ן גאנצען ווילען, און זי האט דאס געפיהל געהאט ווי א גרויס שטיק לעבען פון איהר געהט איבער צום צווייטען, און דאס האט איהר גוט געטהאן... זי האט געבענקט נאך אזא מיילכעל וואס זאל פעסט ארומקלאמערען זיך ארום איהר ברוסט, און אריינזויגען אין זיך איהר מילך־קראפט, און זי זאל וויעדער געפינען די בערוהיגונג און גליק וואס זי האט גע־פיהלט, ווען דאס קינד האט געזויגען.

דאס אבציהען מיט די פינגער, אויך מיט א גלעזעל, וואס דער דאקטאר האט איהר פערשריעבען, האט זי ניט בעפריעדיגט. זי האט בעדארפט, אז אין דער צווייטער קראפט, וועלכע ציהט פון איהר די מילך אפ, זאל ניט זיין א טויטע מעכאנישע זאך, נור א לעבעדיגער ווילען... מיט ענערגיע, מיט א קאפריז, וואס ווען עס וועט וועלען זאל עס א סך אין זיך אריינזויגען מיט ענערגיע, און ווען עס וועט וועלען זאל עס גאר ניט וועלען זויגען — זי האט בעדארפט די בע־פריעדיגונג און געבענקט דערנאך, ווי מען בענקט נאך לעבען...

די מאמע האט זי געטרייסט, אז די מילך וועט איהר באלד פערשווינדען אויס די ברוסטען, און זי וועט ניט מעהר ליידען, אבער דאס האט זי גאר ניט געוואלט, די מילך אין איהרע ברוסטען, דאס איז געוועזן איהר גליק — און זי האט עס געוואלט אבהיטען — זי האט נור געזוכט א מיילכעל, און די בענקשאפט נאך א מיילכעל האט זי מעהר געפייניגט און בעגליקט ווי די בענקשאפט נאך'ן מאן....

די בענקשאפט האט זי געיאגט אין די גאס אריין, אין די גערטנער, וואו קליינע קינדער האלטען זיך אויף. ווען זי האט דערזעהן קליינע

קינדער אין די וועגעלאך, איז איהר מיט אמאל עפּעס אזוי מאדנע געוואָרען, דאס הארץ האט איהר אנגעהויבען צו קלאפּען. זי איז רויט געוואָרען. די בריסטען האבען זיך אנגעהויבען אנצופילען, צו שטארקען זיך, און שווער צו ווערען. די מילך האט געשטאָכען אין דעם ווארצעל און געוואלט ארויס...

זי איז צוגעגאנגען צו א קינדער־וועגעלע, נעבען וועלכען א יונגע מאמא איז געזעסען און געשטריקט עפּעס. עס איז געווען א שעהנער זונען־טאג נאך מיטאג. דאס קינד איז געלעגען האלב אויפגעדעקט און געשפּיעלט זיך מיט די נאקעטע הענטעלאך. זי האט געקוקט אויפ'ן האלב־נאקעטען קינד, בעטראכט זיין ווייך מיילכעל, די רויטע ליפּעלאך און דאס נאס צינגעל, און זי האט מיט אמאל דערפיהלט אן אהן־אויסגעהאלטענעם פערלאנג צוצולייגען דאס קינד'ס מיילכעל צו איהר שווענשענדיגע בעשווערטע בריסט. עס האט זיך איהר גע־דאכט ווי דאס גאנצע בלוט אין איהרע אדערען שטראמט אריין אין איהרע בריסט און עס וויל ארויס פון איהר, און דאס מיילכעל קען עס ארויסציהען מיט אזא גליק, אז עס ווילט זיך אויסגעהן אבי צו האבען דאס גליק. עס איז איהר ווארעם געוואָרען, דאס הארץ האט איהר אנגעהויבען צו קלאפּען, הענד און פיס צו ציטערען און א שעהמעוודיג געפיהל האט זי ארומגענומען. צום סוף האט זי עס דאך ניט געקענט איינהאלטען. טרעהרען האבען ארויסגעשפּראצט פון איהרע שעהנע פולע אויגען, און זי האט אנגעכאפּט די יונגע מאמע וואס איז גע־זעסען אויף דער באנק און איז געווען פערטיעפט אין איהר שטריקען. זי האט זי אנגעכאפּט ביי די הענד און געזאגט מיט א ציטערענדע שטימע:

— אה, וואס פאר א שעהן קינד! לאזט מיר קושען אייער קינד.

די מוטער האט אנגעקוקט מירעלע'ן און דערזעהן די טרעהרען אין איהרע אויגען, און ווי איין פרוי די צווייטע, האט זי מיט אמאל אלעס פערשטאנען. זי האט ארויסגענומען איהר קינד פון וועגעלע און אריינגעלעגט עס אין מירעלע'ס ארם.

מירעלע האט געקושט דאס קינד, דאן האט זי געוואָרפען א שטומען בעטענדען בליק אויף דער יונגער מוטער.

די יונגע מוטער האט ליכט געשמייכעלט און געשאקעלט מיט'ן קאפּ.

מיט א פלינקע פרייד האט מירעלע פלינק אויפגעעפענט איהר קאפטענדיל און איהרע פולע בריסט אריינגעשטעקט אין דעם לעבעדיגען קינד'ס מיילכעל.

און זי האט זיך אין גאנצען איבערגעגעבען צום קינד....

מיט דאנקבארקייט האט מירעלע אנגעכאפט דעם קינד'ס מוטער'ס האנד און געקושט זי.

די יונגע מוטער האט אנגענומען מירעלע'ס קאפ. די צוויי מוטערס האבען זיך אין די אויגען אריינגעקוקט. זיי האבען זיך פערשטאנען און צוקושט זיך.

און פון דענסמאל האט זיך מירעלע יעדען טאג ארויסגע'גנב'עט אין דעם שטאדט'ס גארטען. דארט האט שוין געווארט אויף איהר די מוטער מיט'ן קינד און זי האט זיך איבערגעגעבען איהר גליק.

א לאנגע צייט האט מירעלע אויפגעהאלטען די מילך אין איהרע בריסטען אין געהיים פון דער מוטער און מאן.....

# שטיל, א מענש ווערט געבוירען.

(אַ בילד)

אין דעם באארדינג הויז וואו מיסעס ראזענצווייג איז געשטאנען איבער'ן זומער, האט מען זי נאך גערופען מיט איהר מיידעלשען נאמען, בעסיע עפשטיין, ווארים ערשט אין פאריגען זומער איז דאס יונגע קוים צוואנציג יעהריג מיידעל דא געווען מיט איהר פאטער און זי האט געהאלטען אין איין טאנצען מיט די באיעס, אז מען האט זי ניט געקענט אפרייסען. און דער פאטער האט זיך געהאלטען אין איין סוד'ען מיט מיסטער פליישמאן, מיט דעם אייגענטהימער פון האטעל „לינקאלן" וועגען א שידוך פאר זיין טאכטער. (ווארים מיסטער פליישמאן האלט ניט בלויז א באארדינג הויז, נאר איז אויך א שטיקעל שדכן, און צו איהם קומט מען ניט אזוי זיך אויסצורוהען, ווי מעהר א שידוך צו טהאן). און דאס יאהר איז דאס מיידעל שוין געקומען אלס א ווייבעל, אלס מיסעס ראזענצווייג.

זי איז געקומען מיט איהר מוטער, און די פרויען וועלכע האבען געבראכט זייערע טעכטער צו פליישמאנען שדוכים צו טהאן, האבען זיך געקענט אויף ווייבערשע זאכען, און זיי האבען זיך גע'סוד'עט אין די אויערען: אז דער האטעל וועט זיך באלד פערמעהרען מיט נאך א בארדער וואס וועט ניט קומען מיט דער באהן צו פאהרען...

געקוקט האבען זיי דערביי אויף מיסעס ראזענצווייג, און גע־מיינט האבען זיי דערמיט זי, כאטש קיינער האט ניט פערשטאנען וואס די ווייבער מיינען דערמיט, ווארום מען האט אויף מיסעס ראַ־זענצווייג גאר ניט אנגעזעהן...

און די פרויען האבען רעכט געהאט. מיסעס ראזענצווייג איז שוין טאקי געווען אין די הויכע חדשים, כאטש זי האט געקענט איהר טראגען אזוי קונציג בעהאלטען.

די מאדע איז איהר צו הילף געקומען, עס איז פונקט געווען דער סטייל פון טראגען ברייט-געשניטענע קליידלאך און זשאקעטען מיט ברייטע קאראלינען. מיסעס ראזענצווייג האט זיך געשעהמט מיט איהר טראגען, ווארום די מעהרסטע געסט וואס האבען זיך געפונען אין דער באארדינג הויז זיינען געווען איהרע בעקאנטע, וועלכע האבען זי געקענט אלס מיידעל. מיט די באיעס האט זי געטאנצט פאריגען יאהר, און מיט די מיידלאך האט זי געשטיפט און געשפאט פון די באיעס. איז עס איהר אביסעל אונאנגענעהם געווען. זי האט זיך נאך געהאלטען ווי זי וואלט געווען א מיידעל, געטאנצט און בעוואגען זיך, כאטש די מוטער האט זי געהיט און יעדעס מאל דערמאהנט:

— בעסיע, געדענק, גיב אכטונג וואס דו טהוסט! האט זי די מוטער ארויסגערופען און אוועקגעשלעפט פון טאנצען ווען בעסיע האט זיך פערגעסען.

מיסעס ראזענצווייג פלעגט פערשעהמט ווערען; יעדעס מאל, ווען די מוטער האט זי דערמאהנט, איז א רויטליכקייט געקומען איבער איהר פנים, ווי זי וואלט עפעס זעהר א שעהמעדיגע זאך געטהאן און האט זיך ברוגז'דיג אוועקגעזעצט ביי דער מאמען אין א ווינקעל און צוגעקוקט ווי אנדערע טאנצען...

אין באארדינג הויז ביי מיסטער פליישמאן איז זעהר פרעהליך און לוסטיג צוגעגאנגען, ווארים ווי שוין געזאגט איז מיסטער פליישמאן געווען אן אנגענעהמער מענש, א מאדערנער מיט א שעהן בערדעל און א שעהן בייכעל, פאר יעדען געהאט א גוט ווארט, איז געווען א גרויסער „עדמיירער" פון פרויען, געקענט זיי אונטערהאלטען מיט גלייכווערטלאך און זיי האבען איהם זעהר געגליכען.

נאר אם מעהרסטען האט זיין באארדינג הויז גע'שם'ט דערמיט, וואס דארטען ווערען מיידלאך שנעל כלות, און געפינען זייער גליק. ווארים מיסטער פליישמאן, וועלכער איז געווען אין ווינטער צייט א שדכן, האט זומער אין זיין באארדינג הויז איינגעלאדען די יונגע לייט, וואס עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער האט עפעס פאר זיי פאסענד...

און אן אנשטאנדיגער מענש איז ער געווען, מיסטער פליישמאן, א מיטגליעד אין פערשיעדענע סאסייעטיס, און שבת און יום־טוב מיט דער ווייב אין צילינדער הוט געגאנגען דאווענען אין שוהל אריין איבער איסט בראדוויי. — אז אלע זאלען זעהן — האבען די פאטערס איהם אנפערטרויט זייערע טעכטער אין באארדינג הויז איבער'ן זומער, און געוואוסט, אז מיסטער פליישמאן וועט אויפפאסען, אז די מיידלאך זאלען מיט די באיעס נישט ווייט פערגעהן, נאר „דזשאסט" אזוי פיעל, וויפיעל עס איז נויטהיג פאר דער פארטי...

דורך דעם האט א גאנצען טאג אין פליישמאן'ס באארדינג הויז ניט אויפגעהערט צו שפיעלען און די מיידלאך מיט די באיעס צו טאנצען. האט מען ניט געטאנצט, האט מען אין קארטען געשפיעלט — מיט איין ווארט, מען האט זיך געהאלטען אין איין אמוזירען. די באדערס האבען זיך געגוי אלע געקענט פון פריהערדיגע יאהרען, וואס זיי פלעגען פערקעהרען ביי פליישמאנען. און ווייל זיי פלעגען זיך אינטערעסירען איינער מיט'ן אנדערען צוליעב שדוכים, האט איינער פון אנדערען געוואוסט ניט בלויז זיין געשעפט און געלד אנגעלעגענ־הייטען, נאר אויך פון די אינטימסטע פאמיליען סודות... אין באארדינג הויז פלעגען זיך געפינען בחורים וואס זיינען געווען פראפעסיאנאלע שדוכים זוכערס, און אוים געוואוהנהייט, אדער געטריבען פון האפנונג פלעגען זיי יאהר איין יאהר אוים פערפאהרען צו פליישמאן'ען: עס וועט זיך דאס יאהר עפעס מאכען... אדער א טאטע וועלכער האט זיך שוין האלב מיאש געווען צו זוכען אייניקלאך פון זיין טאכטער, האט זיך די לעצטע פראבע געמאכט אין פליישמאן'ס באארדינג הויז. ביי פליישמאן'ען האט יעדער צד געקענט געפינען א פאסענדען צד, די עקזעמפלארען זיינען געווען אזוי פערשיעדענארטיג, האט זיך פאר יעדען געקענט טרעפען עפעס פאסענדעס, אזוי ארום איז פלייש־מאן'ס באארדינג הויז איבער'ן זומער געווארען א ווירקליכער יאהר־מארק פון שידוכים....

אז בעסי עפשטיין (אזוי האט זי געהייסען מיט איהר מיידעלשען נאמען) האט זיך געהאט פריהערינגעס יאהר געוויזען אויף דעם מענש־ליכען מארק, האט זי ארויסגערופען א סענסאציע. זי האט מיט איהר ערשיינען אבגעצויגען א סך חתנים פון אנדערע כלות. ארום בעסי'ן האבען זי די יונגע לייט געראיעט ווי די ביהנען ארום א פעטע בלום...

זי האט ארויסגערופען צו זיך קנאה פון די אנדערע מיידלאך, נור זי האט פאר קיינעם ניט מורא געהאט. זי איז געווען שעהנער, פלינקער, געשיקטער און בע'חן'טער פון אנדערע כלות, און גערוימט האט מען זיך אין אויער, אז זי האט מעהר געלד אויך פון אנדערע כלות. בעסי האט אם מעהרסטען געטאנצט פון אנדערע מיידלאך. בעסי האט זיך אם בעסטען אמוזירט, און בעסי'ס הענד און ארעמס זיינען געפלויגען פון איין בחור צום צווייטען. אלע האבען געמיינט, אז בעסי וועט געווים פון באארדינג הויז ארויסגעהן א כלה — ערשט דער סיזאן האט זיך געענדיגט און פליישמאן, דער געניטער שדכן, האט ניט געקענט אנרופען קיין נאמען און האט זיך ניט געקענט אבשטעלען אויף קיין איין יונגענמאן, וועלכער זאל האבען בעסי'ן געפעלען. אויך דאס יאהר זיינען זיך אייניגע יונגע לייט צונויפגעפאהרען צו פליישמאנ'ען מיט'ן געדאנק צו בעגעגענען די פאר־א־יאהריגע בעסי — ערשט די בעסי איז געקומען א חתונה־געהאטע. די יונגע לייט זיינען געבליבען ווי אבגעשמיסענע, און ניט נור בלויז די יונגע־לייט, נור פליישמאן, דער שדכן, האט ניט געוואוסט פאר וואס בעסי איז פער־פאהרען צו איהם נאכדעם ווי זי נויטהיגט זיך שוין ניט אין קיין שידוך.

בעסי האט זיך געהאלטען ווי א מיידעל. דער מאן איז ניט גע־ווען. ער פלעגט קומען איין מאל אין צוויי וואכען אויף א זונטאג, און איז ער געקומען, האט מען איהם אויך ניט אנגעזעהן, א מיעדער, א קליינטשיקער, א שטילער (עפעס א מאנופעקטשורער פון צאהן־שטעכערס), איז ער געשלאפען א גאנצען זונטאג, און די באיעס האי־בען זיך געשארט ארום בעסי'ן ווי פאריגעס יאהר. אויסערליך האט זיך בעסי גאנץ ווייניג געענדערט. זי איז געווען דאס זעלבע מיידעל מיט דעם ריינעם מיידעלשען פנים ווי פאריגעס יאהר. נאר אין די אויגען האט זיך געהאלטען א פערשטיקט פייערל, וואס האט צו וויסען געגעבען, אז דאס מיידעל האט שוין גענאסען פון דעם ערדישען גליק... און דאס בעוואוסטזיניגע, פערשאיטע פייערל האט צו זיך נאך מעהר צוגעצויגען די יונגע לייט... דאס טראגען, ווי שוין געזאגט האט בעסי געקענט קונציג בעהאלטען, אז נור געצעהלטע האבען געוואוסט דערפון. די יונגע לייט האבען זיך בעצויגען צו איהר ווי צו א מיי־דעל, האבען איהר קאמפלימענטען געזאגט, בעהאלטען זיך מיט איהר

אין די פארנאכטען אין די ווינקלאך... איהר האנד האט יעדעס מאל אן אנדער בחור געגלעט, און זי גערופען מיט איהר מיידעלשען נאמען בעסי, און עס זעהט אויס, אז בעסי האט געגליכען זיך צו פערגעסען אז זי איז שוין א ווייבעל. זי האט געלאכט און געפרעהט זיך מיט די בחורים. נור טהיילמאל, אז די בחורים און די מיידלאך זיינען גע־שפרונגען אראב פון די טרעפלאך, איז בעסי געגאנגען פאמעלאך, געלאסען, קיינער האט עס ניט בעמערקט... און טהיילמאל ווען בעסי האט זיך פערגעסען און געלאזט זיך אין א פלינקען טאנץ מיט א באי, האט זי די מוטער דערמאנט — געדענק אין גאט, בעסי, איז א שטילע פערשעהמטע רויטליכקייט געקומען אויף איהר צארט געזיכט, און בעסי האט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל און צוגעקוקט ווי די פארלאך טאנצען...

נור קיינער, א חוץ די געניטע אלטע מאמעס האבען אין דעם קיין בעזונדערע זאך ניט בעמערקט, און עס איז קיינעם גאר ניט איינגעפאלען...

נור איינמאל, אין א זונטאג צום סאפער, ווען אלע געסט אין באארדינג הויז האבען זיך אויסגעפוצט אין די שעהנסטע פיינסטע קליידער, וואס זיי האבען נור געהאט אין זייער גארדעראבע, און דער טאנץ־מייסטער (וועלכער איז א גאנץ יאהר א ראזירער אין דער שטאדט, אין באארדינג הויז איז ער א טאנץ־מייסטער) האט ארויסגענומען פון זיין קאסטען א שטיקעל ניו יארקער פראק, ווארים אין אבענד האט געזאלט זיין דער גרויסער טאנץ, איז מיסעס ראזענצווייג, וועלכע אלע זיינען געווען געוואהנט, אז זי זאל ארויסגלאנצען מיט איהר טור־אלעט פון אלע מיידלאך — געקומען צום טיש אין א ווייסען לויזען טולענעם נאכט־קאפטענדעל און א לויז ברייט זיידען קלייד, געגאנגען איז זי פאמעלאך אין דער שטיל, און אוועקגעזעצט זיך מיט איהר מאמע ביי איהר טישעל. ביים טיש האבען עס נאך ווייניג מענשען בעמערקט, נור נאכ'ן טיש, ווען די געסט האבען זיך אנגעהויבען צו קלייבען אין זאאל אריין, וואו דער גראמאפאן האט שוין געשפיעלט און דער טאנץ־מייסטער אין זיין פראקעל, מיט די דינע פיסלאך, האט שוין געווארט אויף די טענצערינס — איז בעסי אריינגעקומען אין זאאל אריין אנגעלעהנט אויף דער מאמע'ס ארעם, געגאנגען פאמעלאך, טריט ביי טריט, איהר קאפ האט זי געהאלטען שטאלץ אין דער הויך,

און א מיידעלשע אונשולדיגע פערשעהמטקייט האט געוויטעלט איהרע צארטע מיידעלשע באקען. די האאר זיינען איהר געווען פערקעמט ווי ווען זי איז נאך געווען א מיידעל, האלב אין שרינט, אין רונדיגען קאקס, און איהר דינער איידעלער נאקען און קאפ זיינען נאך גאנץ מיידעלש געווען. איהר בויך האט זי פאראויסגעשיקט פאר זיך, מיט א געוויסע שטאלצקייט און רוהיגקייט, ווי זי וואלט געווען שטאלצירט דערמיט, וואס די נאטור האט בעשאנקען זי מיט דער גרעסטער און שטאלצער אויפגאבע — א מענש צו געבוירען... און מען האט ניט געוואוסט וואס עס האט ארויסגערופען די צארטע רויטליכקייט אויף איהר פנים, צי די ארימע שעמעוודיגקייט וואס אלע ווערען געוואהר, אז זי האט איהר אונשולד פערלארען, צי די צנועות'דיגע בעשיידענהייט פון א קעניגין (ווען זי טהוט צום ערשטען מאל אן די קרוין אויפ'ן קאפ) איבער די עהרע וואס מען האט איהר צוגעטהיילט אז זי זאל א מענש געבוירען...

---

דאס פרויען־אויג, וואס איז מעהר עמפפינדליך אויף פרויען־צארטקייט, האט גלייך בעמערקט בעסי'ס ענדערונג, און א סוד'ען און א מורמלען איז ארומגעגאנגען אין זאאל פון איין פרוי צו דער צווייטער. די באים האבען עס באלד ניט בעמערקט, און ווען די ערשטע פאארלאך האבען זיך געלאזט וואלצירען, איז א יונגערמאן, וואס איז געווען בעסי'ס אן אנהעגנער נאך פון די מיידעלשע יאהרען און אלע האבען געמיינט, אז איהם וועט ווערען אנפערטרויט בעסי'ס גורל, צוגעגאנגען צו איהר און געזאגט מיט זיין געוואהנטען טאן:

— בעסי, דער וואלצער קומט מיר, איהר האט מיר פערשפראכען.

און געוואלט זי ארומנעהמען ביי דער טאליע, צו העלפען איהר אויפשטעהן.

די הייטליך פון בעסי'ס אויגען האבען זיך אראבגערוקט איבער איהרע אויגען־אפעל, און א צנועה'דיגער, פערשעהמטער בליק האט זיך ארויסגעריסען מעהר פון איהרע שווארצע געדיכטע ברעמען איידער פון איהרע פערשלאסענע אויגען. זי האט גארניט געזאגט, נור אויף איהרע ליפען איז ערשיענען א לייכט שמייכעלע, ווי א ווינטעל וואלט עס ארויפגעבלאזען, און זי האט איהרע מיידעלשע לייכטע הענד פערלעגט

אויף איהר בויך, ווי זי וואלט געוואלט עפּעס בעשירמען און בעשיצען...
דער יונגערמאן האט געקוקט אויף איהרע הענד, געזעהן דאס פער־שעהמטע שמייכלען, בעמערקט דעם ווייסען לויזען קאפּטען — און פון אלעם שוין געוואוסט. א רויטער שטראם בלוט האט איהם מיט אמאל געגעבען א שלאג אין פּנים אריין. עס איז געווען, ווי ער וואלט געשטאנען פאר עפּעס פרעמדעס און אונבעקאנטעס. און א שרעק איז איהם בעפאלען וואס ער איז צוגעגאנגען צו איהר אזוי פריי און בע־ריהרט זי מיט זיינע הענד, פּונקט אזוי ווי איינער פאלט אריין מיט א פערשייט לאכען אין א פרעמד טעמפּעל און געפינט ארום זיך מענשען בעטען... דער יונגערמאן האט זיך טיעף פערבויגען פאר בעסי'ן און איז אוועק.

פון דענסמאל אן האבען די יונגע לייט אויסגעמיעדען בעסיען, זיי האבען איהר שוין מעהר ניט גערופען מיט'ן מיידעלשען נאמען בעסיע עפּשטיין, נור מיסעס ראזענצוויג. קיינער האט ניט געוואגט צוצוגעהן צו איהר און איהר האנד צו בעריהרען ווי אמאל. מען האט זי נור פון דערווייטענס מיט עהרפארכט געגריסט. ארום איהר איז שטיל געווארען. עס איז געווען ווי מען וואלט עפּעס מורא געהאט צוצוגעהן צו איהר. איהרע שטארקסטע אנהענגער, פריינד, וועלכע זיינען אמאל נישט אב־געטראטען פון איהר — האבען זי מיט אמאל אויסגעמיעדען, און ווען מיסעס ראזענצוויג האט זיך אין זאאל געוויעזען, האט דער זאאל זיך געקענט ווי פערהילכט ווערען פון לאכען און רוישען, איז באלד שטיל געווארען. איינציגווייז האבען זיך די יונגע באיעס מיט די מיידלאך ארויסגעשארט פון זאאל און זי געלאזט אליין מיט די אלטע ווייבער.

מיסעס ראזענצוויג איז אויך מיט אמאל געווארען א גאנץ אנדערע. זי האט זיך אליין געהאלטען פון דערווייטענס פון אלע, איינזאם שפּאַ־צירט אויף בעזונדערע וועגעלאך, אנגעלענט אויף איהר מוטער'ס ארימס. מיט'ן טראגען האט זי זיך ניט מעהר געשעהמט, פערקעהרט א געוויסער שטאלץ איז געלעגען אין איהר יונגען מיידעלשען קאפּ, ווען זי האט פערביי שפּאַציערט די באיעס און געשיקט די בויך פאראויס פאר זיך.

און ווען די באיעס האבען זי געזעהן פון דערווייטענס אנקומען, האט איינער צום צווייטען געזאגט:

— שווייגט שטיל, מיסעס ראזענצוויג געהט.

א מיידעלשע רויטליכע פערשעהמטקייט האט געצייגט איהר פנים און מיט א שטאלצען קאפּ ווי א יונגע קעניגין איז זי פאר די באיעס פארבייגעגאנגען און קוים זיי געגריסט מיט איהר שטאלצען קאפּ...

און ניט נור צו מיסעס ראזענצווייג האט זיך געפיהלט אזא בעציהונג, נור אויך צו מיסטער ראזענצווייג. ווען ער איז דעם נעקסטען זונטאג אין בארדינג הויז אראבגעקומען איז ער שוין ניט געגאנגען שלאפען אויף א לאנגען טאג, ער איז געגאנגען שטאלץ ביי זיין ווייבס זייט, די אויגעלאך האבען איהם שווארץ געפינקעלט און ער האט צו אלע קרום געשמייכעלט, און די באיעס האבען איהם שוין ניט גערופען מיסטער צאהנשטעכער — נור ער איז מיט אמאל אין זייערע אויגען געווארען:

— מיסטער ראזענצווייג!

# די טויז פיק.

(ערצעהלונג)

מיין פריינד'ס פרוי בערטהא זילבערשטיין איז קיינמאל ניט געווען פאר מיר אנדערש נור די פרוי פון א פריינד, וואס מען עהרט אין איהר ניט נור בלויז איהר אייגענע מענשליכע ווירדע, נור אויך דעם מאן'ס כבוד, און די קינדער'ס ריינקייט... איך האב געוואוסט אז זי איז א שעהנע. דאס געזונדהייט פון איהר בלוט, וואס האט ארויסגעשפריצט פון איהרע לענגליכע באקען, האט אזוי אנגענעהם געגלעט דאס אויג ווי א אויסגעשטאנענער עפעל, אדער א הארטע, רייפע בארנע אויפ'ן בוים... דער רונדיגער רוקען און די אראבפאלענדע פלייצעס וואס האבען שטענדיג ארויסגעקוקט פון איהר ווייט אויסגעשניטענע רעפארם־קליידער האבען פרעהלאך געמאכט יעדעס הארץ, און ארויסגערופען אזעלכע אנגענעהמע היימישע געפיהלען, ווי עס רופט ארויס א לייכטענ־דער לאמפ דורך א פענסטער אין א טונקעלע נאכט... נור דאס אלעס האב איך ערשט שפעטער ערפאהרען. מיין פריינד'ס פרוי איז פאר מיר ניט געווען קיין פרוי, נור בערטהא, בערטהא זילבערשטיין, סאלאמאן'ס ווייב.

און עס האט אויך אנדערש ניט געקענט זיין. האט איהר אמאל געזעהן א פרוי, ווען זי שוואנגערט? א פרוי, ווען זי זויגט איהר קינד? אדער א פרוי, ווען זי שפיעלט זיך מיט איהרע קינדער ביי א היימיש בעדעקטען טיש, אין איהר ווארימער שטוב, אין א קאלטע ווינטער־נאכט?... די פרוי וועלכע איהר האט געזעהן אין איהר נאקעט־ווייב־ליכעם וועט קיינמאל, קיינמאל ניט ארויסרופען ביי אייך קיין שלעכטע געדאנקען. און ווי פערדארבען איהר זאלט ניט זיין — וועט דער

אנבליק פון א פרוי, ווען זי זויגט איהר קינד ארויסרופען אין אייך נור איידעלקייט, און עפעס א מענליכע מיטלייד צו איהר, איהר ווערט איהר פריינד און איהר זייט בערייט זי צו בעשיצען...

בערטהא זילבערשטיין האב איך געזעהן אין איהר ווייבליכע מיסיאן. איך האב געזעהן ווי זי האט זיך איינגעארדענט איהר הויז, מיט וואס פאר א ליעבע זי האט אויפגעבויט איהר קליינע היים. יעדען אבענד, ווען איך בין אריינגעקומען צו די יונגע פאאר נאך זייער חתונה, האב איך געפונען עפעס נייעס, אדער א נייע בילדעל אויף די וואנד, אדער א נייע אויסהעפטאכץ אויפן טיש, אדער א נייע פלאנץ אין א ווינקעל פון צימער. זי האט געהאט די אייגענשאפטען אויסצוגיסען פון איהר וועזען אויף אלעס, צו וואס זי האט זיך צוגעריהרט, און די ווארימקייט פון היים וואס זי האט געשאפען איז שוין גענוג געווען זי אוועקצושטעלען אין מיינע אויגען פאר אזא ריינקייט, אז יעדער שלעכ־טער געדאנק וואס וואלט מיר איינגעפאלען אין מיין קאפ וועגען איהר האט נור געקענט ארויסרופען א געפיהל פון שעהם און פערדרוס... איך האב זיך שוין דאן צוגעוועהנט צו איהר אזוי, אז איך האב זי בעטראכט, ווי מען בעטראכט א שוועסטער, א טאכטער, א מוטער — אבער קיינ־מאל ניט ווי א מאן בעטראכט א פרוי...

איך פלעג אפט אריינקומען צו בערטהא'ן אין שטוב, ווען מיין פריינד סאלאמאן איז ניט געווען אין דער היים. סאלאמאן איז געווען א רייזענדער פאר א גרויס האלסייל געשעפט, פלעגט זיך זאמען אין וועג וואכען־לאנג. אז איך האב בעזוכט די זילבערשטיינס האב איך געטראפען בערטהא'ן אדער זי האט געזויגען איהר ניי־געבוירען קינד אדער זי האט עס געבאדען. און די מוטער וועלכע איז געווען אין ווייסען אנגעטהאן, מיט ארויפגעקאשערטע ארבעל, מיט דעם ווייסען הויבעל אויפ'ן קאפ — און דאס נאקעטע קינד וואס איז געלעגען נעבען איהר און די קלאהרע, ריינע, ווייסע קינדערש־וועש וואס איז געווען פערשפרייט ארום איהר — דאס אלעס האט בעשאפען ארום בערטהא'ן אזא מוטערליכע צערטליכקייט, אז מען האט געפיהלט אין איהר נאהענט־קייט איידעלער און ריינער, און עס האט ביי מיר, ביי דעם אלטען בחור, וועלכער האט זיך געהאלטען אין איין ווארימען אין פרעמדע נעצען — ארויסגערופען די גרעסטע אכטונג און די ריינסטע געפיהלען, און איך

בין דאנקבאר געווען מיין פריינד'ס פרוי, פאר די גוטע און ריינע נעפיהלען וואס זי האט ערוועקט אין מיר...

איין מאל אין אבענד, אין א שבת אויף דער נאכט, בין איך אריינגעקומען צו די זילבערשטיינס אין שטוב אריין. עס איז געווען ווינטער. אין דרויסען האט דער שנעע געשיט געשמאק, און איינגלאך און מיידלאך האבען זיך געטראגען מיט די שליטענס איבער דער ברוק פון דער גאס; אין שטוב ביי די זילבערשטיינס האב איך געפונען א היימישע געזעלשאפט. מען האט געטרונקען טהעע, געגעסען קענדים און געשפיעלט אין קארטען. עס זיינען געווען א צוויי־דריי גוטע פריינד, סאלאמאן'ס קאלעגען פון געשעפט. בערטהא איז מיטען צווישען זיי. די געזעלשאפט איז אזוי געווען פערטיעפט, פערטרונקען אין די קארטען, אז זיי האבען צומאל ניט בעמערקט מיין אריינקומען. סאלאמאן, דער בעל הבית, איז געזעסען אהן א ראק, דער גרויסער שטערן, וואס האט פערכאפט זיין ליסינע האט געשוויצט,און ער איז געווען אזוי פערקאכט אין די קארטען, אז ער האט געהאלטען אין איין אריינזאגען זיין פרוי אין געלד, און אז ער האט עס געוואונען פון איהר, האט ער אזוי טריאומפירט דאריבער, ווי ער וואלט געלד ארויסגעקראגען פון זיין ערגסטען שונא. בערטהא האט מיך בעמערקט, און האט זיך אבגערופען:

— הענרי, זעצט אייך אוועק נעבען מיר, עס געהט מיר ניט היינט — אפשר וועט איהר מזל'דיג זיין.

— וואס עפעס מזל'דיג פאר דיר, ער וועט פאר זיך מזל'דיג זיין, געבען קארטען — האט דער מאן געזאגט.

אין א פאאר מינוט ארום בין איך שוין אריינגעצויגען געווארען אין'ם שפיעל, און געווארען פערקאכט דערינען, ווי א טראפען זידענדיג וואסער פאלט אריין אין א קאכעדיגען טאפ. מיר האבען געשפיעלט אין אקע, און איינער האט דעם אנדערען אונטערגעיאגט ווי מיר וואלטען מורא געהאט, א מינוט ניט צו פערלירען פון שפיעל.

נור איך בין ניט געווען מזל'דיג, ניט פאר מיין שכנ'טע און ניט פאר מיר. אונזביידע איז עס ניט געגאנגען. קארטען האבען מיר געקראגען מעהרסטענס שלעכטע, ניט אינטערעסאנטע, „שראגעס", און האבען מיר אמאל געוואלט שפיעלען — האט זיך אונז דוקא ניט איינגעגעבען: האט דער צווייטער דוקא א בעסערע קארט געהאט.

— דער ווינקעל איז ניט מזל'דיג, העגרי, אנטלויף פון איהר — זאגט דער מאן.

— אפילו צו וויסען די קאפאטע צו פערשפיעלען, בלייב איך אויף מיין פלאץ — רוף איך אוים. גיב קארטען.

אפשר וואלט גאר א יושר געווען, אז מיר זאלען שותפות מאכען; צוויי שלים מזל'ניקעס, — רופט זיך אפ בערטהא.

— איך בין גרייט.

— צוויי קבצנים געהען טאנצען — לאכט דער מאן.

מיר האבען געוואלט שותפות מאכען, אבער די מעהרסטע פון עולם האבען פראטעסטירט. עס וועט ניט זיין אינטערעסאנט.

— דאן דארף מען זיי צוזעצען אין אנדערע ווינקעלאך. שותפים זיצען ניט צוזאמען.

— וואס, איהר האט מורא פאר שקרות?

— ניין, נור עס פיהרט זיך שוין אזוי.

און דאס האבען מיר ניט געוואלט. עס איז געווען, ווי מיר וואלטען איינער מיט דעם אנדערען סימפאטיזירט. אונזער ביידענס שלים־מזל, דאס וואס איז אונז ניט געגאנגען אין די קארטען — האט אונז ביידע דערנעהענטערט, און מיר האבען זיך ניט געוואלט שיידען.ביים טיש איז עפעס אויסגעקומען ווי צוויי פארטייען. איין פארטיי, די גליקליכע, דאס איז געווען דער מאן מיט זיינע פריינד, און די אנדערע פארטיי, די אונגליקליכע — בערטהא און איך. און צווישען אונז ביידע איז געווארען א שטילע, ניט אבגערעדטע פערבינדניס: מיר האבען איינער דעם אנדערען די קארטען געוויזען; אז זי האט געשפיעלט האט מיין הארץ געקלאפט און איך האב דוקא געוואלט, אז זי זאל געווינען, און דאס זעלבע איז געווען, ווען איך האב געשפיעלט. — אפט איז מיר אויסגעקומען צו שפיעלען געגען איהר מאן, ניט נור האט זי מיר געהאלפען צו שפיעלען, געגעבען עצות, איינגעשטעלט געלד פאר מיר, נור ווען דער מאן האט ווידער אמאל שליסליך געוואונען, האט זי איהם אנגעקוקט בייז מיט פיינדשאפט, ווי ער וואלט די מיאוס־טע זאך געטהאן.

— שאדט ניט, העגרי, דעם וואס עס געהט ניט אין קארטען — געהט אין ליעבע — האט זי מיך געטרייסט, און מיר האבען זיך ווידער גענומען געשמאק צום שפיעלען

איינמאל האבען מיר ביידע געשפּיעלט געגען איהר מאן. דאס שפּיעל האט זיך זעהר אנגעצויגען און אריינגעיאגט אין געלד אריין. דער מאן האט געהאט אויפ'ן טיש מלכות, זי א קאליר און איך צוויי טייז; איך האב געוואלט אפּשרעקען מיט מיינע טייז און אריינגעיאגט אין געלד; דער מאן, זעהט זיך אויס, האט געהאט א גוטע קארט, מלכות, און ניט געלאזט זיך אפּשרעקען. ער האט געווארפען מיט געלד. איך האב אנגעהויבען צו צווייפלען און געוואלט אוועקגעהן, נור זי האט מיך ניט געלאזט.

— לאזט אייך ניט, הענרי, — איהר מיט אייערע טייז אנטלויפט געגען זיינע מלכות? שעהמט אייך, איך וועל געבען דאס געלד: די פינף מיט נאך צעהן! — און אין דעם דערפיהל איך, ווי עפּעס ווארימעס ריהרט אן מיין קניע, איך לייג צו מיין האנד, און דערשפּיר איהר האנד. זי שטעקט מיר עפּעס איין. איך דערטאפּ א קארד אין מיין האנד. איך האב איהר מורא צו קוקען אין די אויגען אריין. דאס הארץ האט מיר אנגעהויבען צו קלאפּען, און די הענד צו ציטערען — איך קוק אין מיינע קארטען — איך האב א דריטע טויז — די טויז פּיק — און מיט איין קלאפּ אבגענומען פון מאן ניט נור דאס געלד וואס איך האב געהאט פערלארען, נור אויך וואס זי האט געהאט פערשפּיעלט דעם אבענד.

— חא, חא, חא — האב איך דערהערט איהר לאכען און פרייד, נור אין איהר לאכען און פרייד האב איך אויך געהערט, ווי איהר הארץ האט געקלאפּט.

איך האב איהר געקוקט אין די אויגען אריין. אין איהרע אויגען האב איך מיט אמאל בעמערקט א גאנץ אנדער ליכט, וואס איך האב עס ביז איצט ניט געזעהן, עפּעס א פערשארט פייערל האט זיך ארונ־טערגערוקט אין איהרע אויגען־ווינקלעך און ארויסגעשטראהלט, פערלאנ־געגענדיג עפּעס צווישען די הערלאך פון איהרע הייטלאך. איך האב בע־מערקט אין די ליכט בלוט פארבען פון איהר פּנים, א ציטערען, און עס איז מיר געווען, ווי אלעס אין איהר ווינקעל און איז פול מיט גע־היימניסע. איהרע צייהן ציטערען און ווינקען, איהרע פינגער ציטערען און ווינקען — אלעס האט זיך אין איהר מיט אמאל געענדערט, און איך האב זי געזעהן אין א גאנץ אנדער ליכט...

איך האב א פּאר וואכען אויסגעמיעדען איהר הויז, אויס שרעק. זי, זעהט זיך אויס, האט זיך מיט מיר אויך ניט געוואלט בעגעגענען;

זי האָט אויסגעמיעדען די געזעלשאַפט, אין וועלכע זי האָט מיך גע־קענט טרעפען. נור מיך האָט עס ניט געלאָזט רוהען מעהר. איך האָב קיין רוה ניט געהאַט ביי־נאַכט אויף מיין געלעגער. איך האָב זיך ניט געקענט מעהר מיט פליים איבערגעבען צו מיינע געשעפטען. איך האָב זי געזעהן שטענדיג אין דעם סוד'דיגען ליכט וואס האט דענסטמאָל פערהערליכט איהר אויג. איך האָב געזעהן, ווי דאָס רויטליכקייט פון איהר פּנים ציטערט. און אוועק איז פון איהר די ריינע ווייבליכע אונשולד, אין וועלכע איך האָב זי שטענדיג גע־זעהן. איהר זויגען דאָס קינד, איהר באָדען דאָס קינד האָט אין מיר שוין אנדערע געדאנקען ערוועקט... דער רונדער רוקען און די אראָב־פּאַלענדע פלייצעס האָבען מיך גערופען ווייטער, און איך האָב געהאַט דאָס געפיהל, ווי דאָס רויטליכקייט, וועלכעס האָט דענסטמאָל גע־ציטערט אויף איהר פּנים, איז אויסגעגאָסען אויף איהר גאַנצען באַקעטען קערפּער; איהר קערפּער איז אין בלוט פערגאָסען און ער ציטערט...

איך האָב פיינט געקראָגען מיין פריינד און איהם אויסגעמיעדען. זיין גליקליכע וואַרימע היים האָט שוין ערוועקט אין מיר קנאה: פאַר וואָס קומט עס איהם? איך האָב זיך שוין אין מיינע געדאנקען גע־מאָסטען מיט איהם און זיך געפונען פיעל מעהר ווערטה צו געניסען דאָס גליק מעהר פון איהם. — און איך האָב אַזוי לאַנג ניט רוהען גע־קענט, ביז איך האָב אויסגעזוכט אַ גינסטיגע געלעגענהייט, און בין אריין צו איהר אין שטוב, ווען דער מאַן איז אין דער היים ניט געוועזען.

געפונען האָב איך זי, ווי אימער, בעשעפטיגט מיט איהרע קינדער. זי האָט געבאָדען איהר קליין יונג מיידעלע, נאָר דאָס נאַקעטע קינד, און די ריינע ווייסע קינדער־וועש וואָס האָבען שטענדיג ערוועקט אין מיר אַזעלכע היימישע בענקענדע געפיהלען — האָבען יעצט אין מיר גאַנץ אנדערע געפיהלען ערוועקט. איך האָב געקוקט אויף דער מוטער, און, זעהט זיך אויס, אַז זי האָט אויך געמוזט דאָס זעלבע לעצטענס איבערלעבען וואָס איך. עס איז אוועק פון איהר יענע רוהיגקייט און זעלבסט־פערשטענדליכקייט, וואָס זי האָט שטענדיג געהאַט, ווען איך האָב זי איבערראַשט מיט אַ בעזוך אין מיטען העלען טאָג. זי האָט זיך דערשראָקען, איז רויט געוואָרען ביי מיין אריינקומען;

זי האָט אויסגעמיעדען מיין בליק ווי איך איהרען, נור אין דער לופטען האָב איך דערפיהלט ווי איהרע צייהן און הענד ציטערען.

— אָה, איהר זיים עס, הענרי, איך האָב זיך אזוי דערשראָקען, — האָט זי געזאָגט מיט האַרץ־קלאַפּעניש.

— פאַר וואָס האָט איהר זיך דערשראָקען? — האָב איך אויך געפרעגט מיט האַרץ־קלאַפּעניש.

— גאָר ניט, אייך ניט געזעהן אזוי לאַנג.

מיר זיינען געזעסען א לאַנגע ווייַלע מיט ציטערענדע הערצער, און אויסגעמיעדען זיך די בליקען. מיר האָבען מיט די צינגער גע־בלאַנדזשעט אין פרעמדע וועלטען — און עס האָט זיך ניט געקלעפּט איין וואָרט צום אַנדערען.

פּלוצלונג האָט זי זיך אָבגערופען מיט שרעק:

— עס איז געוועזן די טויז „פּיק“.

— יא, — האָב איך געענטפערט.

— מען זאָגט, עס איז די קאָרט פון טויט — האָט זי זיך אָבגע־רופען, און איך האָב געזעהן, ווי איהרע שוואַרצע האָהר פאַלען אראָב איבער איהר קאָפּ מיט טרויעריגקייט.

— זי איז אויך די קאָרט פון ליעבע — האָב איך אָבגעענטפערט.

— עס איז אַלץ איינס, — האָב איך געהערט אין דער שטיל איהר שטימע.

א לאַנגע ווייַלע האָבען מיר געשוויגען, דאַן האָט זי זיך פּלוצלונג אָבגערופען:

— הענרי, איך בעט אייך, קומט ניט מעהר.

— פאַר וואָס?

— איך ווייס ניט פאַר וואָס, נור קומט נישט, איך קען אייך ניט זעהן זייט דענסטמאָל.

— וואָס האָב איך אייך שלעכטעס געטהאָן? — שמייכעל איך.

— איך האָב מורא, הענרי, איך ווייס ניט וואָס עס איז גע־שעהן, נור זייט דענסטמאָל בין איך ניט רוהיג, איז מיר עפּעס — און זי איז ארויפגעפאַלען פּלוצלונג אויף מיין האַלז און זיך צוואויינט.

איין וואָפע פערמאָגט די פרוי, וואָס איז שטאַרקער פון מאַן'ס באַנגעהר — און דאָס זיינען טרעהרען. — איך האָב איהרע טרעהרען ניט

געקענט אויסשטעהן; איך האב איהר צוגעזאגט, אז איך וועל זי מעהר ניט בעזוכען.

א לאנגע צייט האב איך מיין ווארט געהאלטען. נור פערגעסען זי האב איך ניט געקענט. איך האב פון דאן אן זי ניט מעהר געקענט זעהן אין מיין געדאנק אזוי ריין און אונשולדיג ווי איך בין געוואהנט געווען. עס פערפאלגט מיר איהר ווייבליכעס און זינדיגעס. איך האב פערדרוס פון דעם — נור איך קען זיך ניט העלפען. דערמאן איך זיך אן איהר, שוועבט אויף פאר מיינע אויגען עפּעס ריינעס און אויך זינדיגעס. — דאס מוטערליכע צערטליכקייט האט זיך אויסגעמישט אין איינעם מיט ווייבערשעס, בעגעהרענדעס, ווי צווישען אונז וואלט געווען געשעהן עפּעס א וויכטיגע פאסירונג.

אין געזעלשאפט האב איך זי נאך געטראפען א פאר מאל. נור יעדעס מאל איז עפּעס געווען פיינליכעס — אונאנגענעהמעס אין אונזער בעגעגענען זיך. זי איז רויט געווארען און האט אויסגעמיעדען מיין בליק, און געפיהרט אן אוננאטירליכען געשפרעך. מענשען האבען דאס בעמערקט און אנגעהויבען זיך צו סוד'ען. איך האב שוין אין גאנצען אויסגעמיעדען זי צו טרעפען, דאס האט נאך מעהר ארויסגערופען פערדאכט.

אין א געוויסע צייט ארום בין איך געוואהר געווארען, אז זי איז זיך צוגאנגען מיט איהר מאן. איך האב אויך מעהר קיין רוה ניט געקענט געפינען. עס איז געווארען אויסגעמעקט אין מיר א ריין און א קלאהר געפיהל, וואס איך האב געהאט צו א פריינד און צו א פרוי, און וואס דאס געפיהל האט מיך געמאכט בעסער און איידעלער.

צווישען אונז איז דורכגעלאפען א טויז „פיק“.

# דער מאַגנעטישער.

(ערצעהלונג)

אז איך בין אהיים געקומען אין אבענד אויף מיין וואהנונג, וואס איך האָב געהאַט ביי אַ פרוי אַ אלמנה, האָב איך דערהערט טריט אין נעבענצימער, וואס איז מיט מיר אין שכנות. איך האב זיך גע־פרעהט, וואס די פרוי האט שוין אבגעגעבען דאס לעדיגע צימער, אַז זי וועט מיר מעהר ניט פערקלאָגען דעם קאָפּ. איך האָב זיך ניט אינטערעסירט ווער מיין שכן איז, איך בין זעהר ווייניג געזעסען אין דער היים. פריה ארויסגעגאנגען און שפּעט אהיים געקומען און מיט מיינע שכנים ווייניג פערבראכט. איך האב זיך שוין געקליבען צו פערלאָזען מיין שטוב, ערשט די פרוי קלאַפּט אין מיין טהיר:

— מיסטער גאָלדשטיין, טהוט עס מיר צוליעב, קומט אריין אין קיטשען אויף אַ גלעזעלע טהעע, איהר וועט זיך בעקענען מיט אונזער נייעם באָרדער.

די אַלמנה האָט געהאַט צוויי טעכטער, איינע אַ עלטערע מיידע־וועלכע איז געקומען פון דער היים שוין אַ ערוואַקסענע, און צוליעב עפּעס אַ אורזאכע האָט זי זיך ניט געקענט צופּאַסען עפּעס אַ שידוך און איז געבליבען אַ „פערזעסענע“: און איינע אַ יונגע , וואס איז גע־קומען פון דער היים נאָך גאָר אַ קינד און דאָ האָט זי זיך ערצויגען. די צוויי שוועסטער זיינען געווען ווייט איינע פון די אַנדערע, ווי זיי וואָלטען געקומען פון צוויי בעזונדערע וועלטען. די עלטערע, וועלכע איז דאָ באַלד צו דער ארבייט געגאנגען, האָט זיך ניט געקענט אויס־לערנען קיין ענגליש, האָט געלעזען אַלץ די אידישע ביכלעך, איז גע־ווען צוריקגעהאַלטען, שעמעוודיג. און ווי אַלט זי איז ניט געווען האָט זי זיך יעדעס מאָל נאָך גערויטעלט אין דער געגענוואַרט פון אַ

פרעמדען בחור. און כאטש איהר פנים איז שוין געווען אויסגעלאשען, צוקנייטשט, איינגעצויגען, ווי אן עפעל וואס ליגט לאנג אין דער וואר־רימקייט, האט זיך דאך אין איהרע אויגען אויפגעהאלטען א טהוי־ריינע אונשולד, זיי זיינען בעהויכט געווארען מיט א מיידעלשע קלאהרקייט, און טהיילמאל, ווען עס האט זיך אין איהר דערוועקט איהר מיידעלשער חלום, האבען די אויגען געקריגען די הערשאפט אי־בערען פנים, און עס איז געווען ווי זי וואלט צוריק א יונג מיידעל גע־ווארען. די שוועסטער איהרע, פערקעהרט, כאטש זי איז נאך יונג גע־ווען, איהרע באקען רונדיג, רייף, פריש, דער שניט פון איהר מויל שארף און די האאר האבען פון איהר שטערן ארויסגעשפראצט מיט שטארקייט, מיט חוצפה — דאך האט זי אין די אויגען בעהאלטען א מיעדקייט און זיי זיינען טהיילמאל ווי אויסגעלאשען געווארען...

די מוטער האט, זעלבסטפערשטענדליך, אלע איהרע נייע באר־דערס איינגעלאדען אין אבענד אין קיך אריין אויף טהעע אדער אויף אבענד־ברויט ניט בלויז אויס ריינע מענשליכע געפיהלען, נור זי האט אויך געהאט אן אויסרעכנונג דערצו.

אין קיך האב איך שוין געפונען דעם נייעם בארדער. עס איז גע־ווען א לוסטיגער יונגער מאן, אפילו שוין ניט קיין יונגער. אזעלכער, וואס די ווייבער רופען א שעהנער. שווארצע געדיכטע האהר מיט ווײ־בע „מאגנעטישע" אויגען, א פנים א נאריש, א גאר ניט זאגענדעס, אזעלכעס, דאכט זיך, וואס קען אם בעסטען דיענען פאר אן אדווער־טייזינג פיגור אין א שאר־פענסטער פון א מענליכען קליידער־סטאר. א פעטער נאז, מיט צוויי גלייך־געשניטענע ליפען, די נאז אביסעל פערלענגט, און דאס האט צוגעגעבען זיין שטים א וויינענדיג־הייזעריגען קלאנג, וואס געפעלט אזוי פרויען. דער בארדער איז באלד בעפריינ־דעט געווארען מיט דער משפחה, אין א פערטעל שעה ארום איז ער שוין א היימישער געווען אין זיין נייעם פלאץ מעהר פון מיר, וואס איך האב דארט געוואהנט שוין איניגע יאהר. געריהמט דעם בארשט, וואס די אידענע האט געמאכט. דערנאך האט ער געזאגט א גוט ווארט צו דער עלטערער — אז זי האט שעהנע הענד, ווי זי וואלט קיינמאל ניט געארבייט, און דערביי האט ער געקוקט מיט זיינע „מאגנעטישע" אויגען צו דער אינגערער.

דערצעהלט האט ער ליגענס אויף וואס די וועלט שטעהט: אז ער האט שוין געהאט אן איינגענע ביזנעס אין די סאוטה פאר די שווארצע", נור מען האט איהם אנגעזעצט און ער האט געמוזט אוועק; אז ער איז געווען א סיילעסמאן אין א גרויסען „דריי־גודס" סטאר: יעצט פערקויפט ער „דזשולערי" אויף אויסצאהלען. נור פון זיין ענגליש רעדען האט מען אנגעזעהן, אז דער יונגער מאן האט ניט גע־מוזט פיעל פערקעהרען אין ענגליש־שפרעכענדע קרייזען, און אז ער געפינט זיך איבערהויפט ניט לאנג אין לאנד. און באטש די פרויען די מאמע מיט די טעכטער, האבען גלייך דערפיהלט, אזוי ווי איך, אז דער יונגער מאן זאגט ליגענס, דאך זיינען זיי אין איין פערטעל שעה אלע דריי געווען פערליעבט אין איהם. די איינגערע האט שוין אבגעלעגט דעם וויזיט, וואס זי האט געזאלט מאכען צו א חבר'טע, און איז געבליבען דעם אבענד אין דער היים. ביי דער עלטערער האבען די אויגען אנגעהויבען צו גליהען, רויטע בלוט־פלאמען האבען געשלאגען אויף איהר פנים.

— שאדט ניט, מיט מיר קען מען אלצדינג רעדען. איך בין א מענש אן אפענער, וואס אויף דער לונג דאס אויף דער צונג. פארוואס איך האב ניט חתונה געהאט, פרעגט איהר. אהא, עס האבען זיך מיר שוין געמאכט רייכע פארטייען, פיינע פארטייען, פארטייען וואס ווען איך וואלט געוואלט, וואלט איך היינט צו־טאג געווען דער איינענ־טהימער פון א גרויסען ביזנעס, פון א פינף־פלאריגען דריי־גודס סטאר. עס האט זיך אין מיר פערליעבט מיין פרינציפאל'ס טאכטער — ניט ער א קרעכץ אב, און פערגלייסט די שעהנע אויגען זיינע — אין סט. לואיס, וואו איך בין געווען א סיילעסמאן. איין־איינציגע טאכטער פון א רייכען מאן. אהה, איך וואלט שוין היינט גוט אב געווען, גוט אב.

— פאר וואס האט איהר טאקע דאס ניט געוואלט, אן איינציגע טאכטער פון אזא רייכע ביזנעס? — פרעגט די מאמע.

— איז שוין דא א „ריזאן" דערביי, איז שוין דא.

— די כלה איז איהם אודאי ניט געפעלען, אל בעטש יו, די כלה — זאגט די מאמע צו די שוויינענדע און ערנסט־זיצענדע טעכטער.

— זעהט איהר, איהר האט געטראפען. ביי מיר איז די פוירסט זאך — די גורל — ווארפט ער זיין ווייכען בליק אויף דער איינגערער

— איך קוק ניט אויף קיין געלד, געלד איז ביי מיר גאָר ניט. די מעין טהינגג איז ביי מיר דאָס מיידעל; אַז דאָס מיידעל זאָל מיר גע־פעלען, קען איך מיט איהר חתונה האָבען אַזוי ווי זי שטעהט און געהט. איך האָב, גאָט צו דאַנקען, צוויי געזונדע הענד מיט צעהן פינגער, און ווען דאָס מיידעל וועט מיר נאָר געפעלען אַזוי, אַז זי זאָל מיר זיין „אַ ריכטיגע בעגלייטערין אין מיין לעבענס־וועג". — דריקט ער מיט די האַנד די אייגערע און קוקט דערביי מיט די גלאַטיג־פייכטע אויגען אויף די עלטערע — וועל איך מיר שוין מיין שטעלע אין לעבען איינגעהמען, וועל איך שוין צו עפּעס קומען.

— האָט זיך אייך גאָר ניט ביז יעצט געמאַכט אַ מיידעל, וועלכע זאָל אייך האָבען געפעלען? — זי איז אודאי נאָך גאָר ניט געבוירען געוואָרען — וואָס? זאָגט די מאַמע.

— איך זוך ניט קיין שעהנע און אויך ניט קיין יונגע, רויטע בעקעלאַך איז ביי מיר גאָר ניט, היינט אַנגעשמירט — מאָרגען נישטאָ — קוקט ער ערנסט און טרויעריג אויף דער עלטערער. איך זוך אַ בעל־הבית'ישע קינד, פון אַ פיין הויז אַרויס, אַ מיידעל וואָס זאָל זיין אַ גוטע באַלעבאָסטע, אַ גוטע מאַמע צו מיינע קינדער, און אַ גוטע פרוי צום מאַן; אַז איך וועל אַהיים קומען זאָל איך געפינען מיין שטיבעל, מיין היים, וואַרעם, גוט, אַנגענעהם — אַ טרייע פריינדין אין מיין לעבענס־וועג — קוקט ער מיט זיינע גלאַטיגע ווייכע אויגען אויף די עלטסטע — דאָס זוך איך, און, אַז איך וועל געפינען, וועל איך ניט פרעגען אויף קיין געלד, ניט אויף קיין יאָהרען — אויף גאָר ניט. אודאי אַז עס זאָל זיך מאַכען און דאָס מיידעל זאָל נאָך דערצו זיין אַ יונגע, מיט רויטע שעהנע בעקעלאַך, און מיט אַן אַמעריקאַניש ער־ציהונג, גוט ענגליש ריידען, וואָרים אַ ביזנעס־מאַן בעדאַרף האָבען אַ פרוי וואָס רעדט אַ „נייס" ענגליש — דריקט ער פעסטער די האַנד פון די יונגע און קוקט איהר אין די אויגען אַריין. — אָבער עס מאַכט ניט אויס, אַז ניט ענגליש, קיין בוך־קיפּינג וועט זי ביי מיר ניט דאַרפען פיהרען; זאָל זיך מיך טרעפען אַ מיידעל פון דער היים, אַ היימישע, אַ גוטע, אַ בעל־הבית'ישע טאָכטער, וואָרים אַ ווייב זאָל מען זיך נור נעהמען אַ היימיש מיידעל — קוקט ער מיט די אויגען אויף דער עלטערער.

איך בעדארף אייך ניט זאגען, אז איך האב דעם יונגען מאן פיינט געקראגען — ווי א שטיק אונריינעס, און איך האב ניט געקענט פערשטעהן פאר וואס די פרוי, ביי וועלכע איך האב געוואהנט, וואס איז דאכט זיך געווען זעהר קלוג, האט ניט איינגעזעהן די פאלשקייט פון דעם מענשען, וועלכע איז געלעגען פון אויבען אויף.

אין א פאר טעג ארום איז דער יונגער מאן געווארען אזא היימישער אין שטוב, אז עס האט זיך געדאכט פאר א פרעמדען, אז דער יונגער מאן איז דער בעל־הבית פון שטוב. אז איך בין איין אבענד אהיים געקומען, האב איך דערפיהלט די ריחות פון פערשיעדענע עסען־ווארג וואס האבען זיך געלאזט הערען פון דער קיך, וואס מען האט ביז איצט אין דער שטוב ניט געהערט. עס האט געשמעקט מיט געבראטענס, מיט אנגערייבשטע קאשע, מיט עפעל סאוס, און איך בין געוואהר געווארען פון אלע לעקערייען וואס דער יונגער מאן האט ליעב. דאס גאנצע הויז האט געלעבט פאר דעם יונגען מאן. הענרי האט מען איהם גערופען, און פון פריה־מארגען אן האב איך שוין געהערט וואס הענרי האט ליעב צו עסען. — אז דו וועסט אהיים קומען, זאלסטו ניט פערגעסען מיטצוברענגען באיגעלז, — דו ווייסט דאך, אז הענרי האט גערן מאיענעז, און אלע עסענס האט ער גערן מאיענעז — האט די מוטער אנגעזאגט די עלטסטע טאכטער — און דו, בערטהא, געהסט אדורך דעם דייטשען גראסער, קויף מיט פראנקפורטערס — האט די מאמע אנגעזאגט די אינגערע.

איך בעדארף אייך אויך ניט דערצעהלען, אז ניט נור בלויז האבען זיך ביידע טעכטער געהאלטען אין איין פוצען פאר דעם יונגען מאן, נור אפילו די מאמע, די טרויעריגע אלמנה, וואס צעהן יאהר זייט איהר מאן'ס טויט האט זי, דאכט זיך, קיין שפיעגעל ניט בענוצט, האט אויך מיט אמאל אנגעהויבען צו בענוצען ווייבערשע כלי זיין: ווי בונטע בענדער אין די האהר, אויפפאלענדע קאפטענדלער; און די עלטערע טאכטער, דאס צנועה'דיגע מיידעל, וועלכע האט שטענדיג געהאט ווי פערגליווערטע טרעהרען אין די אויגען, און די אונמוטה און דער וועהטאג איז געלעגען אויף איהר פנים — איז מיט אמאל א גאנץ אנדערע געווארען. איהר פנים האט זיך געהאלטען אין איין „רויטלען", איהר קליידונג איז יעצט געווען זארגפעלטיג צוגעפאסט צו איהר טאליע, איהר בעוועגונג יונגער, פלינקער. איבער דעם גאנ־

צען הויז איז געקומען ווי אַ בעפרייאונג, אַ בעלעבונג. עס איז אַראָב פון דער הויז דער אונמוטה, וואָס האָט בעהערשט די שטוב זייט איך האָב זי געקענט. די פענסטער און די פּאָלס זיינען רעגעלמעסיג געוואָרען געוואַשען. פאַרהיינגלעך האָבען היימישער און וואַרימער געמאַכט די שטובען, דאָס מעבעל אָבגעווישט, געפינקעלט; עס האָבען זיך שוין געוויזען פרישע בלומעלעך אין די סאָוווּעניר-גלעזער, אין וועלכע עס האָבען ביז יעצט אַלטע פּאַפּירענע צווייגלעך גע־שטעקט. עס זיינען פערשוואונדען די שפּינען וואָס האָבען געפלאָכטען זייערע נעצען פאַר די פליגען אין די ווינקלען פון די שטובען. אין דער הויז האָט אריינגעשיינט די זון. און אַז איך בין אין אָבענד אַהיים געקומען, האָט פון דער קיך, אין איינעם מיט די געשמאַק פון די עסענוואַרג אויפגעהילכט דאָס פרעהליכע לאַכען פון מיידעלשע שטימען...

איך האָב ווירקליך ניט געקענט פערשטעהן די פרוי מיט איהרע טעכטער. עס האָט מיך זעהר פערדראָסען אויף די פרוי, וואָס זעהט ניט איין, ווי דער יונגער מאַן נאַרט זי אָפּ, און צום ענדע וועט ער דאָך ביידע איבערלאָזען און אַוועקגעהן. איך האָב זיך צוריקגעהאַלטען פון צו מאַכען יעדע בעמערקונג, ווייל איך האָב זיך ניט געוואָלט אריינמישען אין די פּערזענליכע אַנגעלעגענהייטען פון מיין ווירטהין. מיין ווירטהין האָט מיך ניט איין מאָל געצווינגען ביי דעם צונג:

— איז ער ניט אַ „מאַגניפיסענט“ יונגער מאַן, אָט אונזער נייער בּאָרדער — עס איז דאָך אַ פערגעניגען צו ריידען מיט איהם, ניט וואָהר?

— איך האָב ניט דאָס גליק געהאַט פיעל צו פערברענגען מיט מיין נייעם שכן, דורך דעם האַלט איך זיך צוריק פון צו מאַכען יעדע בעמערקונג, — האָב איך קלוג אָבגעענטפערט.

— וואָס דען, ווי איהר, וואָס האַלט אין איין בלאָזען פון זיך מיט אייערע ביכלעך. אַ יונגער מאַן איז לוסטיג, לעבעדיג, אויפגע־רוימט, ניט ווי איהר, אַ געפרווירענער הוקען, — האָט די אידענע גע־זאָגט צו מיר מיט אַ גוטמוטהיגען געבייזער.

נאָר דאָס לוסטיגע און דאָס לעבעדיגע איז שוין אָבער צופיעל געוואָרען. אין דעם שכנות'דיגען צימער מיינעם איז ביינאַכט גע־וואָרען אונרוהיג... איך האָב עס ניט געקענט דערגעהן, וועלכע איז

דאָס די נאַכט־גאַסט, וואָס שטערט מיין שלאָף, צי די עלטערע, צי די אינגערע. נאָר חושד געווען האָב איך אַלעמען, א קשיא אויף ווייבער?...

אין די בליקען פון די מיידלעך, ביי די עלטערע, ווי ביי די אינגערע, האָט זיך אריינגעגנב׳עט עפּעס חוצפּה׳דיגעס און פרעכעס, ווי דאָס געפיהל פון גליקזעליגקייט וואָס זיי האָבען גענאָסען וואָלט זיי מעהר זיכערקייט אין לעבען געגעבען... איך האָב אַבגעמאַכט מיין מיינד אַ שמועס צו טהאָן מיט דער מוטער און זי אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף דער געפאהר וואָס זי קען ברענגען אויף די קעפּ פון איהרעביידע טעכטער מיט איהר אונפאַרזיכטיגקייט. איבערצוציינגען איהר, אַז דער יונגער מאַן איז אַ שאַרלאַטאַן און מיינט ניט ערנסט, האָב איך די מוטער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דיר „מאַגניפיסענט“ מאַכט חן׳דעלעך צו ביידע טעכטער און פערפיהרט ביידע.

— און מיר דוכט זיך, אַז עס איז שוין צו שפּעט אויך, ווארים ביי אייער „מאַגניפיסענט“ איז ביי־נאַכט אונרוהיג, און איך קען ניט רוהיג שלאָפען, — האָב איך דער פרוי געגעבען צו פערשטעהן.

— וואָס זאָגט איהר? אַ בראָך איז נאָך מיינע יאָהרען, וואָס הער איך? וואָס זאָגט איהר, וואָס?

איך האָב די אידענע אַנגעקוקט מיט ערשטוינונג. האָט זי ווירקליך ניט געזעהן, וואָס עס געהט פאָר? און איך פרעג זי מיט פערוואונדערונג:

— און איהר האָט עס ניט געוואוסט? וואו זיינען אייערע אויגען געווען ביז יעצט? איהר זייט דאָך, דוכט זיך, אַ קלוגע אידענע און ווייסט אַלצדינג, און דאָס וואָס געהט אייך אַן אַם מעהרסטען האָט איהר ניט געזעהן?

— וואָס זאָגט ער? מענש, וואָס זאָגט ער? עס קומט אַ יונגער מאַן, אַזאַ שעהנער, אַ פיינער, און רעדט אַזוי זיס, אַזוי אַנגענעהם, אַז עס איז אַ פערגעניגען איהם צו הערען. ער איז דאָך אַזוי „מאַגנעטיש“, אַז עס איהם אויסצוקושען אַלע זיינע ביינער — עס איז דאָך אַ פערגעניגען צו זיצען מיט איהם און צו הערען איהם ריידען.

— אַז עס איז אַ פערגעניגען — האָט איהר דאָס פערגעניגען געהאַט, און אַז אייך איז ליעב, איז מיר ניחא, — זאָג איך און וויל שוין אוועקגעהן.

— וואס זאגט איהר? וועמען איז ליעב? וועמען איז זיס? ביטער איז מיר, נישט זיס. אז ער האט בעדארפט צוברעכען הענד און פיס בעפאר ער איז אריינגעקומען אין מיין הויז אריין. איך געה ארויף, מאך איך דארט א תל פון זיינע זאכען. ניט איין מינוט מעהר אין מיין שטוב! ווער האט זיך געזאלט ריכטען, א מענש רעדט אזוי שעהן, איז אזוי גוט ליעבליך צו אלעמען, אז עס איז א פערגעניגען... געה, רעכען זיך — א מענש איז אזוי „מאגנעטיש"... — ווער האט זיך געזאלט ריכטען, ווער?

---

אין אבענד אז דער יונגער מאן איז אהיים געקומען, האט ער געפונען זיינע זאכען ארויסגעשטעלט אין קארידאר און דאס צימער פערשלאסען, אין די קיך זיינען געזעסעןביידע טעכטער און האבען געוויינט.

— איך וויל זיין טריפה פרצוף ניט אנקוקען, איך וויל איהם מעהר ניט זעהן — האט די מאמע געשריען פון די פערמאכטע קיך — א מענש רעדט אזוי שעהן, אזוי גלאטיג, איך וויל איהם ניט מעהר אנקוקען.

און די אידענע האט די קיך פערשלאסען מיט'ן שליסעל ניט נור בלויז פאר איהרע טעכטער, נור פאר זיך אליין אויך...

---

אין די שטוב פון מיין ווירטהין איז וויעדער טרויעריג געווארען. די געשמאקע ריחות פון מאיענעז און געבראטענס זיינען פערשוואונדען. אין די אבענדען איז אין די שטובען פינסטער געוועזן. דאס פרעהליכע לאכען האט זיך שוין מעהר ניט געהערט. וויעדער האבען די שפינען געוועבט זייערע פליגנעצען אין די פאפירענע בלומען, וואס זיינען געשטאנען אין די סאוועניר גלעזער. א טרויער און א אומעט האט ארומגעכאפט דאס גאנצע הויז. די יונגערע טאכטער האט זיך ארויסגע־גנב'עט און איז אין די אבענדען פערשוואונדען.

אין די געז בעלויכטענע קיך זיינען געזעסען די מאמע מיט די על־טערע טאכטער. אוועק איז דער לעצטער מיידעלשער בליק, וואס האט זיך אזוי לאנג אויפגעהאלטען אין די אויגען פון די עלטערע מיידעל... מאמע און טאכטער זיינען עהנליך געווארען; די מאמע האט זי גע־

האלטען אין איין בעדויערען, און די טאכטער האט זיך געהאלטען אין איין קריגען, אז זי בעדארף ניט קיין רחמנות. פון דעם „מאגנעטישען“ איז, זעלבספערשטענדליך, קייןווארט ניט מעהר גערעדט געווארען. נור טהיילמאל, ווען די מאמע פארקלעהרט זיך, זאגט זי מעהר מיט נייגעריגקייט ווי מיט כעס:

— א מענש רעדט אזוי גלאטיג, אזוי שעהן, אז עס איז א פערגע־ניגען...

דאס לעצטע ביסעל רויט בלוט, וואס דאס מיידעל פערמאגט, שלאגט ארויס אויף איהר פנים ביי די ווערטער, ווי די לעצטע רויטע שטראהלען וואס די זונן שיקט ווען זי געהט אונטער.

איך האב זיך קיינמאל ניט געקענט מוחל זיין וואס איך האב פערטריבען די פרייד פון דער שטוב. און זיי — די פרויען, די טעכטער מיט דער מאמע, האבען מיר עס אויך ניט געקענט מוחל זיין. אין זייערע בליקען האב איך דערפיהלט דעם פערדרוס אויף מיר, און איך האב מיין לאנג יאהריגע בארדערשאפט פערלאזען...

# דער רויטער העט.

צייט א פאאר וואכען האט זיך אדאלף לעווינשטיין געפונען אין א נערוועזען און אונרוהיגען צושטאנד. די אורזאכע דערפון איז געוועזען אזא קליינע און אזא אונאנגענעהמליכע, אז עס איז געוועזען א שאנד וועמען צו פערטרויען, אפילו דעם נאהענסטען מענש. אמאל ארויסגעהענדיג פון זיין אפיס אויף בראדוויי, אין א פארנאכט, האט אדאלף בעגעגענט אין א ווינקעל גאס שטעהן א טונקעל ברונעטע פרוי אין א רויטען העט אנגעטהאן. עס האט זיך איהם געווארפען אין די אויגען דער רויטער העט פונדערווייטענס, און פערטראכט האט ער אבגעשטעלט זיין בליק אויף דער פרוי, גאר ניט קלעהרענדיג דערביי. זיין בליק האט זיך בעגעגענט מיט א פערשייטען, פערפיהרערשען בליק פון א גאסען פרוי, וועלכע האט איהם איינגעלאדען צו איהר טונקעלברוינעם קערפער מיט א פריינדליכען פרעכען שמייכעל. אדאלף האט אויסגעמיעדען איהר בליק און איז ווייטער געגאנגען זיין וועג. ער האט געפיהלט, אז די פרוי קוקט איהם נאך, און געטראכט, אז עס איז גענוג ער זאל זיך אומקוקען וועט ער ווידער בעגעגענען איהר בליק, און ווען ער וויל, געהט זי נאך נאך איהם, און אז ער האט די מעגליכקייט צו זיין מיט אן אנדער פרוי, מיט א גאנץ נייער פערזאן, וועלכע ער קען ניט, און דערגעהן די געהיימנים פון א גאנץ אונבעקאנטען וועזען...

אדאלף האט, פערשעהמט פון דעם גדאנק, זיך פערוואונדערט וואס איהם איז עפעם פלוצלונג אזעלכע אונאנגענעהמע גדאנקען געקומען אין קאפ אריין, און געטראכט זיך: ווער ווייסט אויף וואס פיר א געהיימע אנשטעקענדע קריינק די פרוי איז קראנק. זי זעהט אזוי אויס, האט ער זיך געטראכט. און אדאלף האט געהאט דאס געפיהל ווי א פלעשעלע סם אויפגעפראפט שטעהט אויף א גדעקטען טיש

מיט א גלעזעלע אנגעגרייט, און פערוואונדערט זיך, וואס די ארטיגע מאכט גיט ווייניג אכטונג אויף אזעלכע געפאהרען — אז אזא פרוי קען שטעהן אין מיטען גאס צווישען מענשען. עס איז דאך אזוי ווי א גרוב אויסגעגראבען אויף א וועג וואו מענשען געהן פערביי

ער איז אריין צו „לאפט“ אין קענדי סטאר און געקויפט א פונט „קערשען“, און אראבגעלאזט זיך אין לאך פון סאבוויי — וואו ער איז פערטרונקען געווארען אין שטראם וואס שטראמט נאך דער בראנקס.

אז אדאלף איז אריינגעקומען אין לאנגען קאררידאר פון זיין היים, האט ער געפונען דעם דייניגג רום אין פיסטערניס, האט ער גערופען דורכ'ן קארידאר:

— העללא בעססי!

— קום אריין, דא, איך בין ביי דער בייבי.

אדאלף איז אריין אין ליכטיגען ריינעם שלאפצימער, א היימיש־קייט און א ווארימקייט האט איהם ארומגענומען פון די ליכטיגקייט. דאס ווייבעל זיינס האט ער געטראפען שטילען דאס קליינע קינד, און דער אינגעל, „ליטטל פעטי“, האט זיך געשפיעלט מיט'ן בער אויפ'ן דיוואן. אויף דעם ברייטען, גרויסען בעט איז געווען פערווארפען געוואשענע וועש, וועלכע די פרוי האט געהאלטען אין פארנאנדערלעגען אין דעם אפענעם שיפלאד.

— גיב איהם ניט קיין שאקאלאד, פליעז, ער האט בויכוועהטאג,

— האט דאס ווייב געוואונקען אויפ'ן אינגעל.

אבער „ליטטל פעטי“ האט שוין בעמערקט די „טשעררים“ וואס דער פאטער האט געהאלטען אונטער'ן ארעם, און אנגעהויבען זיך צו רייסען.

— נור איינע, עס וועט איהם גארניט שאדען. ער האט אזוי גערן.

— מאכסט איהם קאליע, אדאלף, ער וועט ניט וועלען דערנאך די מילך טרינקען.

„ליטטל פעטי“, וועלכער איז מיט זיינע דריי יאהר געווען אזוי פעט, אז עס האט זיך געדאכט, אז די מוטער האט איהם אנגעלאדען מיט פלייש, צו פערזארגען איהם מיט שפייז אויפ'ן לעבען לאנג, האט געמוזט פאר די שאקאלאד טשערי אויסטרינקען צוויי גלעזער מילך און אויפעסען אן איבריג טעלעריל מיט קאשע, און דערנאך ערשט פאר

דעם גערן שלאפען. א צו הויכער פרייז פאר א שאקאלאד אפילו פאר א קינד.

— און וואס מאכט די בייבי?

— אזוי ווי איך. דו ווייסט דאך, אז ווען איך פיהל זיך גוט, פיהלט זיך די בייבי גוט, שלאף איך נים — שלאפט זי אויך נים. עס איך, וויל זי אויך עסען. האב איך נים קיין גוטען טאג — האט זי אויך נים.

— זי נעהרט זיך מיט דיין שפייז, — האט אדאלף געלאכט און געקושט די פרוי אויף דעם מיט בלויע אדערן דורכגעצויגענעם האלז. ער האט מיט זיין באק אנגעריהרט דער בייבי'ס געזיכטעל און דער־פיהלט דעם זיסען טעם פון זיין פרוי'ס מילך, וועלכע האט זיך געהערט פון קינד... און א ריינקייט האט איהם ארומגענומען. ער האט דאס געפיהל, ווי ער האט זיך געראטעוועט פון א גרויס אונגליק און געפינט זיך ווידער אין א קינדערשער זויבערקייט אין וועלכער זיין היים, זיין ווארעמע היים האט איהם אריינגעבראכט...

---

ביינאכט, ווען אדאלף האט זיך געפונען מיט זיין נאקעט לייב אליין, איז איהם ווידער געקומען אויף די געדאנקען די טונקעל־ברונעטע פרוי מיט'ן רויטען העט, וועלכע ער האט געטראפען אין עק פון גאס היינט פארנאכט. ער האט יעצט ערשט בעמערקט דעם רייץ פון איהר געהיימען פערפיהרערישען בליק, וועלכער קומט פון בלויע אבגעפארבטע אויגען, וואס זעהען אויס ווי אונטערגעשלאגען... ער האט יעצט ערשט דערפיהלט דעם פערצויבערטען רייץ, וועלכער ליעגט אין אזא פרוי, און מיט דער גאנצער זיסקייט פון דער תאוה האט ער זיך איבערגעגעבען מיט'ן געפיהל און געדאנק צו די אוצרות פון די פערבאר־גענע געהיימניסען וואס ליגען בעהאלטען אינ'ם וועזען פון א זינדיגע פרוי... עס האט איהם גערייצט די טונקעל ברוינע פארב פון איהר הויט, די פערפיהרערישע קרענקליכע אויגען, און מייסטענס דער רויטער העט. דער רויטער העט אויף איהר קאפ, האט זיך איהם אויסגעוויעזען, איז א טהייל פון איהר לייב... אומזיסט האט ער זיך אליין געפרופט אבשרעקען מיט די אנשטעקענדע פערבארגענע קראנקהייטען וואס קוקען ארויס פון די אויגען פון דער פרוי. די פערבארגענע קראנק־הייטען זיינען געווארען א טהייל פון די זיסקייטען פון די תאות פון

דער פרוי —נאך וועלכער זיין גאנצער נאקעטער לייב האט יעצט גע־ציטערט... עס איז געווען — ווי די קראנקהייטען קוקען ארויס פון איהרע אויגען און זיי ציהען צו זיך מיט א זיסען אנציהענדען בליק, ווי זיי וואלטען איינגעלאדען פערטרונקען צו ווערען אין זייער טיעפע־ניש... עס איז געווען א טהייל פון די רייצענדע געהיימניסע, וועלכע ער האט געגלוסט צו ענטפלעקען. און מיט דער גאנצער פאנטאזיע און געפיהל פון א יונגען, געזונדען, ענערגישען מאן האט ער זיך איבער־געגעבען אין די געהיימניסען פון דער זינדיגער גאסען־פרוי...

ער האט זיך אויפגעכאפט פריהמארגענס א פערשעהמטער און א בעליידיגטער. נעבען איהם איז געלעגען אין צווייטען בעט זיין יונגע פרוי מיט'ן קינד ביי דער זייט. דאס צימער איז נאך פול גע־ווען מיט יענעם פערזענליכען היימישען ריח וואס א שלאף־צימער האט פאר יעדען מענשען. דאס צימער איז געווען אנגעווארפען מיט גע־וואשענע געפרעסטע וועש, מיט פערזענליכעס. דאס קינד האט געגא־רעט זיין פנים'ל אין די מוטער'ס נאקעטע ברוסט, און די מוטער, א שלאפענדע, ווי א שוואכע פויגעל, האט זיך איבערגעגעבען אין גאט'ס רשות, אין גאט'ס חסד... דאס געזיכט איהרס איז געווען ווי פון א קליין אונבעהאלפען קינד. איהר קינדישער דינער האלז האט זיך געצויגען אין די אדערען, האבען געארבייט אין איהם, ווען דאס קינד האט זיך ביי איהר געשטילט. איהרע האהר, וועלכע האבען זיך ארויס־געריסען פון איהר זיידענער שלאפהויב, האבען זיך פערווארפען אי־בער איהר יונגע דינע ברוסט, וועלכע האט נאך געדארפט האבען א בעשיצער. אלעס אין דער שטוב איז געווען אזוי פערזענליך פערבאר־גען — זיינס — אז ער וואלט געוועזן געהאלטען פאר'ן גרעסטען פערברעכען ווען א פרעמד אויג וואלט געוואגט אריינצוקוקען דערי־נען... און ווי אזוי האט ער אין דער שטוב פון זיין נאקעט ווייב און נאקעט קינד — אין זיין הייליגקייט, אין זיין פערזענליכע זויבערקייט — געקענט האבען אזעלכע געדאנקען? ווי אזוי האט ער געקענט די פרוי, בעלאדען מיט זינד, מיט גאס, מיט קרענק, אריינברענגען כאטש אפילו אין זיין פאנטאזיע, אין זיין געדאנק נור, אין דעם שלאף־צימער וואו זיין ווייב און קינד געפינען זיך?...

אז ער איז געפֿאָהרען צו זיין בעשעפטיגונג, האָט זיך אין איהם ערוועקט די גאַנצע ענערגיע זיינע וואָס האָט איהם מיט אַזאַ קראַפט געשטויסען אויפ'ן וועג פון זיין קאַריערע. ער האָט זיך מיט דעם גאַנ־צען געדאַנק איבערגעגעבען צו זיינע אַמביציעס וועגען די צוקונפט. נור טאַקע די געדאַנקען וועגען זיין צוקונפט האָבען איהם געשמיסען ווי מיט שטעכעדיגע ריטער איבער זיינע זינגדיגע געפיהלען. ווי אַזוי האָט ער געקענט, ער, אַ יונגער, פעהיגער לאָיער, וועלכער האָט אַמ־ביציעס גאָר אין גיכען צו ווערען אַ ריכטער איבער מענשען — ווי אַזוי האָט ער געקענט האָבען אַזעלכע זינדיגע געדאַנקען? ער, וועל־כער גלויבט אַזוי שטאַרק אין אַ געזונדען, מענשליכען מאָראַלישען לע־בען — און דאָס איז זיין גאַנצער פונדאַמענט, דאָס איז זיין גאַנץ פער־מעגענס, מיט דעם קומט ער ארויס אויף דער פּלאַטפאָרמע פאַר זיינע וועהלער און רעדט וועגען די נויטווענדיגקייט אַבצוהיטען די מאָראַל; ער, וועלכער הייסט זיך אויסקלייבען פאַר אַ ריכטער, ווייל ער וועט שטעהן ווי אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך פון „מאָראַל" — ער טראָגט זיך אַרום מיט אַזעלכע אונריינע געדאַנקען און געפיהלען.

דעם ערשטען האַלבען טאָג, ווען די זון האָט נאָך אַריינגעשיינט אין די פענסטער פון זיין אָפיס, איז ער בעפריים געוואָרען פון זיינע זינדיגע געדאַנקען. ער האָט געאַרבייט אַ גאַנצען טאָג זעהר ענערגיש. דורכגעקוקט איינינע זעהר ערנסטע „קייסעס", וועלכע ער האָט צו פערטהיידיגען, דיקטירט בריעף, אינטערעסירט זיך מיט אַ יתומים־אַנשטאַלט פון וועלכער ער איז געוועזן וויס־טשערמאַן, האָט אָנגענו־מען איינינע איינלאַדונגען צו קומען אויף גרינדונגס־פערזאַמלונגען פון וואוילטהעטיגע געזעלשאַפטען, דורך וועלכע ער האָט געהאָפט צו געווינען פּאָפּולאַריטעט ביי די מאַסען. נור קוים איז געקומען פאַרנאַכט און אין זיינע פענסטער האָט אָנגעהויבען אַריינצודרינגען דאָס עלעקטרישע ליכט, וועלכעס האָט זיך אָנגעצונדען איבער בראָדוויי, און אין איינעם מיט'ן ליכט יענער וואַרעמדיגער רוישענדיגער ברום וואָס עס הערט זיך פון „בראָדוויי" ווען די טויזענדער און טויזענ־דער יונגע מיידלעך און יונגע לייט פערלאָזען די אָפיסעס און פּילען אָן די גאַס — ווען עס האָט זיך דערהערט דער דופט פון ניו יאָרקער פאַרנאַכט, ווען פון די הונדערטע רעסטאָראַנען שמעקט אַרויס גע־קעכטס, און די עלעקטרישע לאָמפען הויבען זיך אָן אַנצוצינדען איבער

די האַלעז, אין די מאַאווינג פּיקטשורס — ווען עס האָט זיך דערהערט יענער וואונדערבאַרער דופּטיגער געשמאַק — איז ער ווידער אונרוהיג געוואָרען און געציטערט. ער האָט געוואוסט, אַז אויפ'ן עק גאַס, ביים קענדי סטאָר פון „לאָפּט" שטעהט זי אין אַ רויטע העמד, און ווען ער וויל נור, גיט ער אַ געה אַרויס, אַ וואונק צו איהר, און זי געהט איהם נאָך אין דעם קליינעם איטאַליענישען רעסטאָראַן וועלכער געפינט זיך אין דער זייט-גאַס, ער טרינקט רויטען איטאַליענישען וויין, ביז עס ווערט טונקעל-פינסטער, דערנאָך געגענאיבער אין דעם קליינעם גאַסען-האָטעל — און עס ענטפּלעקט זיך פאַר איהם אַלע פערבאָרגענע געהיימניסע, אַלע זיסקייטען, וועלכע עס שטעקט אין דעם טונקעלען בויגזאַמען קערפּער פון דער פרוי...

ער האָט געציטערט. דער געדאַנק, אַז אַלעס ווענדעט זיך נור אַן איהם, אַז עס ליגט אין זיין ווילען, אַז זי וואַרט אויף איהם, אַז ער קען אַלעס, אַלעס אויספיהרען ווען ער וויל נור — דער געדאַנק האָט איהם גערייצט, געיאָגט. ער האָט זיך געפיהלט שוואַך און האָט מורא געהאַט פאַר זיך.

ער איז געווען אַ ריינער מענש, קיינמאָל ניט בעזעסען אַ צווייטע פרוי חוץ זיין אייגענע, צו וועלכער ער איז געקומען מיט זיין גאַנצער בחור'שער ריינקייט. פון היי-סקוהל אַן האָט ער געהאַט אַמביציעס עפּעס צו ווערען אין לעבען. און די אַמביציעס האָבען איהם געטריבען אַן אַנשטענדיגער מענש צו זיין, אַז קיין פלעק זאָל ניט זיין אויף זיין רעקאָרד — ווען ער וועט איהם דאַרפען פאַר זיין קאַריערע. ער האָט זיך אָבגעגעבען מעהר מיט ספּאָרט איידער מיט ליעבע, ניט אויס נאַטירליכע נייגונג, נור אויס אויסגערעכענטקייט. ער האָט פריה חתונה געהאַט, און גענומען אַ יונגע אונענטוויקעלטע טאָכטער פון אַ בעוואוסטען געזעלשאַפטליכען טהוער, האָבענדיג אין זינען זיין קאַריערע. ער האָט ליעב געהאַט זיין פרוי — ווייל ער האָט קיינמאָל קיין אַנדערע פרוי ניט בעזעסען, און איז געוואָרען אַ מוסטער פון אַ מאַן און אַ פאָטער. אָבער אַלעס איז געווען אויסגערעכענט, און די אויסגערעכענטקייט איז געוואָרען ביי איהם אַזאַ געוואָהנהייט, אַז ער האָט שוין ניט געוואוסט דערפון, ער האָט געמיינט, אַז עס איז נאַטירליך...

אבער ווער קען זאגען? פיליכט איז עס געווען זיין אינערליכע ריינקייט, וועלכע האט געטריבען אדאלפ'ן צו זיין זויבערעס לעבען, און דאס האט איהם אזוי ערציטערט פאר די זינדיגע געדאנקען...

ער האט מורא געהאט אז ער זאל ניט שוואך ווערען. ער איז אריין צו זיין פריינד דעם לאיער גליקשטיין, וואס האט געוואהנט מיט איהם אין איין געגענד, און ער האט געווארט אויף איהם אן אי־בעריגע האלבע שעה ביז יענער איז פארטיג געווארען מיט זיין אר־בייט, כדי אינאיינעם מיט איהם אהיים צו געהן. דורכגעהענדיג דעם ווינקעל גאס האט ער בעמערקט די פרוי אין רויטען העט שטעהענדיג מיט א הויכען מאנספערשוין; זיי רעדעןביידע זעהר פערטרויט און שמייכלען זיך אין די אויגען. עס האבען זיך איהם גוט איינגעגעסען אין געדאנק די רויטע אבגעפארבטע ליפען איהרע, און דער קרענק־ליכער בליק פון די בלויע געפארבטע אויגען, קוקענדיג גלייך אין פנים אריין דעם מאנספערשוין. זי האט פערווארפען דעם געלען פוקסענעם פוטער־קאלנער איבער איהר האלז, און ער האט בעמערקט איהר בלייכע אויסגעדארטע האנד. אויף אדאלפ'ן האט די פרוי אין רויטען העט גע־מאכט נאך א שטארקערען איינדרוק. דאס וואס זי האט גערעדט מיט א מאנספערשוין און איז דערנאך פערשוואונדען מיט איהם אין דעם קליינעם איטאליענישען רעסטאראן — דאס האט איהם נאך מעהר געצויגען און נאך מעהר געררייצט אין דער פרוי...

---

ביינאכט האט ער זיך ווידער אבגעגעבען צו איהר אין די גע־דאנקען. ער האט זיך ניט געקענט העלפען. זיין אייגענע פרוי האט איהם מעהר ניט גערייצט. ער האט געקוקט אויף איהר ניכטער און פריינדליך. פריינדליך און ניט מעהר, און טהיילמאל מיט רחמנות, וואס זי איז אזוי דין און מאגער, און איהר האלז איז אזוי שוואך און די אדערען ציהען זיך דורך איהם — ווי ביי א קליין שוואך קינד...

און איינמאל איז איהם עפעס איינגעפאלען. ער האט געזעהן אין א פענסטער פון א גרויסען מאגאזין א רויטע העט, ער איז אריין אין מאגאזין און געהייסען זיך איינפאקען די רויטע העט, בעצאהלט און אהיים געבראכט. די פרוי איז נייגעריג געווען צו זעהן וואס ער האט איהר געקויפט. ער האט זי ניט געלאזט אויספאקען און זי ניי־

געריג געמאכט ביז נאכ'ן עסען. ביים עסען האט ער איהר געגעבען רויטען ווייז צו טרינקען וואס ער האט געהאט אין שטוב און קיינמאל ניט גענוצט. די פרוי האט זיך פערוואונדערט און געלאכט:

— וואס איז דאס?

— דאס איז צו בעגיסען די מתנה, וואס איך האב דיר געקויפט.

אז די נייגעריגקייט האט די קליינע פרוי געמאכט נערוועז און אינטערעסאנט, האט ער אויסגעפאקט די רויטע העט און איהר אנגעטהאן אויפ'ן קאפ:

— דאס איז פאר דיר.

אבער די פרוי האט איהם אויסגעלאכט:

— א רויטע העט פאר מיר? אך, וואס פאר א געשמאק. די פארב פאסט זיך פאר א ברונעטע — כא־כא...

און ווירקליך איז די קליינע פרוי ארויסגעפאלען פון דער רויטער פלאמענדער העט. זי האט אויסגעזעהען אין איהר ווי א קינד וואלט זיך פערשטעלט, און אדאלף האט זיך איבערצייגט אין זיין טעות און זיך פערשעהמט.

ער האט אנגעהויבען דער פרוי אהיים צו ברענגען יעדעס מאל אנדערע מתנות, און אלץ אזעלכע מתנות וואס די פרוי איז ניט גע־וואהנט געווען דערצו. אדאלף איז געגאנגען אין די גרויסע סטארס און אהיים געקויפט — זיידענע אונטערוועש, מיט קאקעטיש־פער־שלייערטע שפיצען, פערשיעדען־פארביג, שווארץ, העל, רויט. די פרוי האט פערוואונדערט בעטראכט די אונטערוועש, וועלכע האט זיך גאר ניט געפאסט פאר איהר. פאר איהר רוהיגעם וועזען און קליינע קינדדישע פיגור האט זיך געפאסט בעל־הבתי'שע, געשלאסענע העמדער. אלעס וואס עס האט געהאלפען אין דער פרוי ארויסצוברענגען א צניעות'דיגען כאראקטער און געגעבען איהר פיגור א שטילען, רוהיגען אויסזעהן. אבער די צניעות'דיגקייט אין זיין פרוי האט איהם אויפ־געהערט אנצוגעהן. זי איז איהם ניט געפעלען און זי האט איהם ניט גערייצט.

די אַנגסט פאַר זיין קאַריערע מעהר ווי די פורכט פאַר זיין איי־נערליכער ריינקייט האָט איהם שוין יעצט אַבגעהאַלטען אויסצופיהרען זיינע זינדיגע געדאַנקען. אַבער אין דער פאַנטאַזיע האָט ער זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו זיינע ניט ריינע געפיהלען. ער האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז עס איז דאָ עפּעס אַ העכערע מאַכט איבער די מענשען און זי נויט דעם מענשען צו טהאָן זאַכען וועלכע ער וויל ניט און טאָר ניט. ער האָט אָנגעהויבען איינצוזעהן, אַז די מענשליכע טהאַטען הענגען ניט אָב פון מענשליכען ווילען, נור פון אַ געהיימער אונזיכטבאַרער קראַפט, וועלכער מיר אַלע זיינען אונטער־געוואָרפען, און ער אַליין איז שוין אויך אונטער דער מאַכט. זי הערשט איבער איהם, און ווען ער בעגעהט דאָך ניט די טהאַט, איז עס ניט אויס אינערליכער שטאַרקייט, נור אויס אויסערליכע שוואַכקייט, אויס פורכט פאַר זיין קאַריערע.

ער האָט זיך אָנגעהויבען צו שרעקען פאַר די אונזיכטבאַרע מאַכט, וועלכע הערשט איבער איהם און וועלכע קען איהם דיקטירען מאָרגען צו טהאָן אַזעלכע זאַכען, אַז עס זאָל איהם ברענגען פאַר׳ן שטוהל פון ריכטער, איהם, אַדאָלף לעווינשטיין, וועלכער האָט די אַמביציע אַליין גאָר צו ווערען אין גיכען אַ ריכטער, און ריכטען מענשען מיט דער מאָס פון מענשליכע גערעכטיגקייט — ער וועט זיך געפינען פּנים צו פּנים מיט׳ן געזעץ.

און ווי אַזוי איז עס געשעהן? וואָס איז געשעהן? דאַכט זיך, אַט ערשט האָט ער געהאַט אַ יונגע, ליעבע פרוי, צוויי קליינע קינדער, אַ ריינע, אַ זויבערע היים, אַ ריין געוויסען, אַ פעסטע מאָראַל, אַן אונ־בעפלעקטען רעקאָרד — וואָס איז געשעהן? ער האָט געזעהן אַ פרוי אין אַ רויטער העט אויף דער גאַס, און ער האָט פערלאָרען זיין זוי־בערקייט. עס קען זיין, ער וועט אַהיים ברענגען אַ מיאוס׳ע קראַנק־הייט, אין זיין שלאָף־צימער אריין, אַנשטעקען זיין קליינע ריינע פרוי, אַנשטעקען זיינע קינדער — זיין גאַנצע קאַריערע וועט ער אונטער־נראָבען מיט זיינע אייגענע הענד, זיין געוויסען פערפלעקען, און זיין גאַנץ לעבען פערניכטען.

ער האָט געקעמפּפט געגען די געפיהלען מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט זיין צוקונפט אין די שוואַרצעסטע פאַר־

בען — אָבער די רויטע העט האָט געפלאַמט אין די פערנעבעלטע פאַרנאַכטען פון די טויזענד־קעפּיקע מאַסע פון בראָדוויי און געצויגען צו זיך...

ער האָט קלאָהר און דייטליך געוואוסט זיין אונגליק, און זיין ווילען איז געווען דאַגעגען — און דאָך האָט זיין ווילען איהם געשלעפּט נאָך דער „רויטער העט" וואָס האָט געוואונקען פון די קעפּ און געצויגען צו זיך מיט אַ זיסען, זיסען טעם פון קרענק און זינד...